ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# מגילה

בלשון הקודש ואידיש

**210**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת מגילה

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת מגילה

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ
מעתיק המשניות עברי טייטש.

❖

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

## מגילה פרק ראשון נקראת

(דף ב ע"ב) **א אמר** רבי ירמיה ואיתימא רבי חייא בר אבא מנצפ"ך צופים אמרום ותסברא (צופים ולא משה) והכתיב (ויקרא כז) אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה . ועוד האמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדין . אין מיהוי הוה מידע הוא דלא הוו ידעי הי באמצע

הפצ"ך . ככול חיפיות : צופים אמרו . נביאי הדורות : בנס היו עומדין שכיהה חקיקה עוברת משני עבריה הילכך אלו האותיות יש לה מקום דבק אבל אלו אין להם מקום דבק שבין באויר אלמא מ"ס סתומה היתה בלוחות . ואלא ביה לתרוצי הא דרב חסדא בסתומין וכי אמר דרב ירמיה בפתוחין וכפי מוכח נמה' בבה בפ' כנומה אלא פריק ליה מילתא דשויא לתרוייהו : חיסוי הוי וכו'.. ואורחא דסוגיא דהלמודא להקשות לתרץ דבר כאינו עד דסלק ומעמיד על בוריה מפי

תיבה והי בסוף תיבה ואתו צופים ותקנו פתוחים באמצע תיבה סתומים בסוף תיבה . סוף סוף והכתיב אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש בהם דבר מעתה אלא שכחום וחזרו צופים ויסדום :

**ב ואמר** רבי ירמיה ואיתימא רבי חייא בר אבא תרגום של תורה אונקלוס הגר אמרו מפי רבי

---

## פרק ראשון

**א** אמר . רבי ירמיה האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט די פינף אותיות מנצפ"ך ם ן ץ ף ך האבען די נביאים גזאגט מען זאל זיי שרייבען צום אליף בי"ת אין די ספר תורה . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דאס זענען די מצות . אבער נים מער . אנביא טאר נים מאכען קיין נייע זאך אין די תורה נאך משה רבינו . אונ אז משה רבינו האט אונז גיגעבין דעם אליף בי"ת אן די פינף אותיות . אונ ער האט זיי נים געשריבען אין די ספר תורה . ווי אזוי האבען די נביאים גיקענט צו געבין די פינף אותיות צום אליף בי"ת אונ מען זאל זיי שרייבין אין די ספר תורה . נאך אקשיא איז רב חסדא האט גזאגט דער מ"ם אונ דער סמ"ך וואס איז גיוועז אין די לוחות איז גיוועזן דורך אנס . ווארום די אותיות זענען גיוועזן דורך געשניטען מען זאל זיי קענען לייענען פון ביידע זייטען . וועלכין מ"ם מיינט רב חסדא . געווים אפאר מאכטע מ"ם ם . ווארום מען קען נים זאגין אאפענע מ"ם מ . דער מ"ם האט דאך אויף וואס צו הענגען . אבער אפאר מאכטע מ"ם אז מען שניידט איין ארום די פיר זייטין . פאלט דאך ארויס די מיטעלסטע שטיקול איז דאך דאס שוין נים קיין מ"ם . זאגט רב חסדא די מיטעלסטע שטיקול איז געבליבען הענגען דורך אנס זעהן מיר דאך אז אפאר מאכטע מ"ם איז גיוועזן אין די לוחות . ווי אזוי זאגט רבי חייא אז די נביאים האבען גימאכט די פאר מאכטע מם . ענפערט די גמרא אפאר מאכטע מם איז טאקי גיוועזן אין די לוחות . נאר מען האט נים גיוואוסט וועלכער מם דארף זיין אין מיטען ווארט אונ וועלכער מם דארף זיין אין סוף ווארט . ווענען גיקומען די נביאים אונ האבען גזאגט דער אפענער מם דארף זיין אין מיטען ווארט . אונ דער פארמאכטער מם דארף זיין אין סוף ווארט . פרעגט די גמרא איז דאך אלץ די קשיא עס שטייט דאך אין פסוק דאס זענען די מצות . אבער נים מעהר . אונ אנביא טאר נים מאכען קיין נייע זאך אין די תורה נאך משה רבינו . ענפערט די גמרא אין דיא צייט פון משה רבינו איז טאקי אזוי גיוועזן . אאפענע מם אין מיטען וארט אונ אפארמאכטע מם אין סוף ווארט . נאר אין די שפעטערדיגע צייט האט מען פארגעסין וועלכער מם דארף זיין אין מיטען ווארט אונ וועלכער מם דארף זיין אין סוף ווארט . זענען גיקומען די נביאים אונ האבען דער מאנט אונ האבין גימאכט אזוי ווי משה רבינו האט גימאכט :

**ב** ואמר . נאך האט רבי ירמיה גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט דעם תרגום פון די תורה האט גזאגט אונקלוס הגר . אזוי ווי ער האט גילערנט פון רבי אליעזר אונ רבי יהושע . אונ דעם תרגום פון נביאים האט גזאגט יונתן בן עוזיאל . אזוי

ווי

דבי (אלעזר) [אליעזר] ורבי יהושע ושל נביאים יונתן בן עוזיאל אמרו כפי חגי זכריה ומלאכי ובאותה שעה נזדעזעה ארץ ישראל ת' פרסה על ת' פרסה יצתה בת קול ואמרה מי הוא זה שגלה את סודי לבני אדם עמד יונתן בן עוזיאל על רגליו ואמר אני הוא שגליתי את סתריך לבני אדם גלוי וידוע לפניך שלא לכבודי עשיתי ולא לכבוד בית אבא עשיתי אלא לכבודך עשיתי שלא ירבו מחלוקת בישראל ועוד בקש לגלות תרגום של כתובים יצתה בת קול ואמרה לו דייך. מאי טעמא משום דאית בה קץ משיח. ותרגום של תורה אונקלוס הגר אמרו והאמר רב איקא בר אבין אמר רב חננאל אמר רב מאי דכתיב (נחמיה ח) ויקראו בספר תורת האלהים מפורש ושום שכל ויבינו במקרא. ויקראו בספר תורת האלהים זה מקרא. מפורש זה תרגום. ושום שכל אלו הפסוקים. ויבינו במקרא אלו פסקי טעמים ואמרי לה אלו המסורות. שכחום וחזרו ויסדום מאי שנא אדאורייתא דלא אזדעזעה ומאי שנא אדנביאים דאזדעזעה דאורייתא מיפרשן מילי דנביאים איכא מילי דמסתמן ואיכא מילי דמיפרשן איכא מילי דמסתמן כגון (זכריה יב) ביום

רבי ע"כ: שלא ירבו מחלוקת. לפרש מקראות הסתומין: קץ המשיח. בספר דניאל: ויקראו בספר תורת האלהים וגו'. בספר עזרא כתיב: זו מקרא. לשון עברי של תורה: הפסוקים. היכן הם נפסקין: פסקי הטעמים. הנגינות קריין

---

ווי ער האט גילערנט פון די דברי נביאים חגי זכריה מלאכי. און דיא צייט ווען יונתן בן עוזיאל האט גזאגט דעם תרגום פון נביאים האט ארץ ישראל אציטער גיטאהן פיר הונדערט מייל אויף פיר הונדערט מייל: און עס איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל און האט גזאגט ווער איז דאס דער וואס האט אויס גזאגט מיינע סודות צו די מענטשין. האט זיך יונתן בן עוזיאל גישטעלט אויף זיינע פיס און האט גזאגט איך בין דאס דער וואס האט אויס גזאגט דיינע פאר בארגענע זאכען צו די מענטשין. נאר דוא ווייסט אז איך האב דאס ניט גיטאהן פון וועגין מיין כבוד און ניט פון וועגין מיין פאטערס כבוד. איך האב דאס נאר גיטאהן פון וועגין דעם כבוד פון גאט. עס זאל ניט זיין קיין קריג ביי די יודין. זיי זאלען וויסען ווידא אזוי צו טייטשין די פסוקים. און יונתן בן עוזיאל האט נאך גיוואלט זאגען תרגום פון כתובים. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל און האט גזאגט צו יונתן גינוג. זאג ניט מער. פאר וואס טאר מען ניט זאגין דעם תרגום פון כתובים. ווייל דארט שטייט ווען משיח וועט קומען. פרעגט די גמרא דעם תרגום פון תורה. האט אונקלוס הגר גזאגט. רב איקא בר אבין האט דאך גזאגט רב חננאל האט גזאגט פון רבס וועגין. עס שטייט אין פסוק ויקראו בספר תורת האלהים: זיי האבען גילייענט אין די ספר תורה פון גאט. זיי האבען גילייענט די פסוקים אויף לשון קודש. מפורש: און מען האט גיטייטשט די פסוקים. דאס מיינט מען. מען האט גזאגט תרגום. ווארום פאר צייטען האבען אלע גירעט דעם תרגום לשון. ושום שכל מיט פאר שטאנד. דאס מיינט מען דיא פסוקים. זיי האבען פאר שטאנען וואו עס לאזט זיך אויס א פסוק. ויבינו במקרא. זיי האבען פאר שטאנען די פסוקים. דאס מיינט מען זיי האבען גזאגט די פסוקים מיט די נגינות מיט דעם טראפ. און אנדערע זאגין דאס מיינט מען זייא האבען גילייענט די פסוקים אזוי ווי זיי זענען גזאגט גיווארין צו משה רבינו אויס ווייניג ווארום עס איז דא ווערטער אין די תורה וואס מען לייענט זיי אנדערש ווי זיי זענען געשריבען. למשל אין די תורה שטייט תשגלנה און מען לייענט תשכבנה. זעהן מיר דאך אז תרגום איז גיוועזען פאר יונתן בן עוזיאל. ענפערט די גמרא עס איז גיוועזן תרגום. נאר מען האט פאר געסין. האט יונתן בן עוזיאל צוריק דער מאנט. פרעגט די גמרא פאר וואס ווען מען האט גזאגט דעם תרגום פון די תורה האט ארץ ישראל ניט געציטערט. און ווען מען האט גזאגט דעם תרגום פון נביאים האט ארץ ישראל יא געציטערט. ענפערט די גמרא אין דיא תורה שטייט ארויס אלע זאכען. זאגט דער תרגום די זעלבגע וואס די תורה. אבער אין נביאים איז דא זאכען וואס זענען פאר מאכט. און עס זענען דא זאכען וואס זענען ארויס גישטעלט. און דער תרגום האט

ביום ההוא יגדל המספד בירושלים כמספד הדדרמון בבקעת מגדון ואמר רב יוסף אלמלא תרגום דהאי קרא לא הוה ידענא מאי קאמר מאי היא בעידנא ההיא יסגא מספדא בירושלים כמספד אחאב בן עמרי דקטיל יתיה הדדרמון בן טברימון ברמות גלעד וכמספד יאשיהו בר אמון דקטל יתיה פרעה חגירא בבקעת מגדו :

(דניאל י) **ג וראיתי** אני דניאל לבדי את המראה והאנשים אשר היו עמי לא ראו את המראה אבל חרדה גדולה נפלה עליהם ויברחו בהחבא מאן נינהו אנשים אמר רבי רמיה ואי תימא רבי חייא בר אבא זה חגי זכריה ומלאכי אינהו עדיפי מיניה ואיהו עדיף מינייהו אינהו עדיפי מיניה דאינהו נביאי ואיהו לאו נביא הוא ואיהו עדיף מינייהו דאיהו חזא ואינהו לא חזו וכי מאחר דלא חזו מאי טעמא איבעיתו אע"ג דאינהו לא חזו מזלייהו חזו . אמר רבינא ש"מ האי מאן דמיבעית אע"ג דאינהו לא חזי מזליה חזי מאי תקנתיה ליקרי ק"ש ואי קאי במקום הטינופת לינשוף מדוכתיה ארבע אמות ואי (קאי ברוכתא מנוולתא) [לא] לימא הכי עיזי דבי טבחא שמיני מינאי :

**ד תניא** כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדן כולן מבטלין עבודתם ובאין לשמוע מקרא מגלה מכאן סמכו של בית רבי שמבטלין תלמוד תורה ובאין

תרגומיה : אלמלא תרגומיה דהאי קרא וכו' . משום שלא מצינו בכל המקרא מספד להדדרימון בן טברימון בבקעת מגדו ויונתן מתרגם בב' הספדות הדדרימון ברמות גלעד ובקעת מגדו ליאשיהו כדמפ' בספר מלכים :
ואינהו חזו . סברי נתנבאו לישראל בשליחות של הקב"ה והוא לא נשלח לישראל לשם נביאות : מ"מ איבעיתו . דכתיב בקרא אבל חרדה גדולה נפלה עליהם : מזלייהו . שר שיש לכל אדם למעלה : לינשוף . ידלג :

---

האט אלץ ארויס גישטעלט . וועלכע זענען די פאר מאכטע זאכען פון נביאים . למשל . עס שטייט אין דעם פסוק אין דעם טאג וועט זיין די קלאג אין ירושלים אזוי גרויס ווי די קלאג וואס עס איז גיוועזן ביי הדדרמון אין בקעת מגדון . האט רב יוסף גזאגט ווען נית דער תרגום פון דעם פסוק וואלטין מיר גאר גיט וויסען וואס דער פסוק זאגט . וואס זאגט דער פסוק . אין דעם טאג וועט זיין די קלאג אין ירושלים אזוי גרויס ווי די קלאג פון אחאב בן עמרי וואס הדדרמון האט איהם גיהרגת אין רמות גלעד . און אזוי ווי די קלאג פון יאשיהו בר אמון וואס איהם האט גיהרגת דער לאמער (הינקענדיגער) פרעה . אין בקעת מגדו :

**ג** וראיתי . און איך דניאל אליין האב גיזעהן די זעהונג . און די מענטשין וואס זענען גיוועזן מיט מיר האבען די זעהונג ניט גיזעהן . נאר א גרויסע שרעק איז אויף זיי גיפאלען און זיי זענען אנטלאפען און האבען זיך בעהאלטען . ווער זענען גיוועזן די מענטשין . האט רבי ירמיה גזאגט און אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט דאס איז גיוועזן חגי זכריה מלאכי . זיי זענען בעסער פאר איהם . און ער איז בעסער פאר זיי . זייא זענען בעסער פאר איהם . זייא זענען נביאים און ער איז ניט קיין נביא . און ער איז בעסער פאר זיי . ער האט יא גיזעהן די זעהונג . און זיי האבען ניט גיזעהן . פרעגט די גמרא אז זיי האבען גאר ניט גיזעהן ווארום זענען זיי דער שראקין גיווארין . זאגט די גמרא אפילו זיי האבען גאר ניט גיזעהן . אבער זייער מזל האט גיזעהן . רבינא האט גזאגט פון דאנען זעהן מיר דער מענטש וואס שרעקט און ער ווייס ניט וואס ער שרעקט . אפילו ער האט גאר ניט גיזעהן . אבער זיין מזל האט גיזעהן . וואס זאל ער טאהן . ער זאל לייענען קריאת שמע . אויב ער שטייט אויף אמאוס ארט וואס מען טאר ניט דארט לייענען קריאת שמע . זאל ער אפ שפרינגען פון ארט פיר איילען און זאל לייענען קריאת שמע . און אויב דער אנדערער ארט איז אויך מיאוס . זאל ער אזוי זאגין : די קאזעס פון דעם קצב זענען פעטער פון מיר :

**ד** תניא . מיר האבען גילערנט די כהנים וואס דארפין מקריב זיין קרבנות . און די לוים וואס דארפען זינגען . און די יודען וואס דארפען שטיין נעבין דעם קרבן . זאל יעדער אוועק גיין פון זיין ארבעט . און זאל קומען הערין לייענען די מגלה . אויף די ברייתא האבען זיך פר

לאזיו

ובאין לשמוע מקרא מגלה וקל וחומר כעבודה ומה עבודה שהיא חמורה כבטלין ת"ת לא כ"ש. ועבודה עדיפא מת"ת והכתיב (יהושע ה) ויהי בהיות יהושע ביריחו וישא עיניו וירא והנה איש עומד לנגדו וחרבו שלופה בידו וילך יהושע אליו וגו' ויאמר לא כי אני שר צבא ה' עתה באתי ויפול יהושע אל פניו ארצה וישתחו והיכי עביד הכי והא"ר יהושע בן לוי אסור לו לאדם שיתן שלום לחברו בלילה חיישינן שמא שד הוא שאני התם דקאמר ליה כי אני שר צבא ה' עתה באתי דלמא משקרי ליה אמר אביי גמירי דלא מפקי שם שמים לבטלה. א"ל אמש בטלתם תמיד של בין הערבים ועכשיו בטלתם ת"ת א"ל על איזה מהם באת א"ל עתה באתי (על שבעתה באתי) מיד (יהושע ח) וילן יהושע בלילה ההוא (בתוך העם וכתוב אחר אומר) (שם) בתוך העמק אמר רבי יוחנן (ע"ב) מלמד שלן בתוך עומקה של הלכה. (וגמירי שכל זמן שארון ושכינה שלא בםקומן ישראל אסורין בתשמיש המטה). ואמר (רבי) [רב] שמואל [בר אוניא] גדול תלמוד תורה יותר מהקרבת תמידין שנאמר עתה באתי לא קשיא הא

ישראל במעמדם. עומדין על תמידי צבור בשעת הקרבתן כדתנן במסכת תענית מעמדו להקריב לי במועדו וגו': היכי עביד הכי. בהשתחוה לו דכתיב ויפול יהושע אל פניו ארצה וישתחו: (חיישינן שמא שד הוא. הוקש ע"א דכתיב ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים): אמר ליה אמש בטלתם וכו' לא הספרים סיכה אלא מתשובה שהשיבו אנו למדין תחלת דברי המלאך בשלשינן בב' דברים אמש בטלתם וכו' כשהעריב היום היה לכם להקריב תמיד של בין הערבים ובטלתם אותו ובשהייתם במצור העיר הכם באין זמן מלחמה מתהתך ועכשיו שהוא לילה היה לכם לעסוק בתורה שהרי אינכם נלחמים בלילה: עתה באתי. על של עכשיו: מ"כ: מיד וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העמק. לא באותו לילה כתיב אלא בלילה אחר על פי

---

דאזין די תלמידים פון רבי. זייא האבען אוועק גילייגט דאס לערנען אונ זענען גיגאנגען הערין לייענען די מגלה. זיי האבען אפ גילערונט אקל וחומר פון קרבנות. כאראך קרבנות מקריב צו זיין וואס דאס איז אגרויסע מצוה. איז מען ניט מקריב דעם קרבן נאר מען גייט הערין לייענען די מגלה. תורה לערנען וואס דאס איז אקלענערע מצוה. איז געווים מען זאל ניט לערנען נאר גיין הערין לייענען די מגלה. פרעגט די גמרא קרבנות מקריב זיין איז אגרעסערע מצוה וויא תורה לערנען. עס שטייט אין פסוק ווען יהושע איז גיוועזן אין די שטאט יריחו האט ער אויף גיהויבען זיינע אויגין אונ האט גיזעהן אמענטש שטייט געגין איהם אונ האלט אשווערד אין האנט. איז יהושע גיגאנגען צו דעם מענטש. האט דער מענטש גיזאגט איך בין אשר פון גאט איך בין איצט גיקומען. איז יהושע גיפאלין מיט זיין פנים אויף דיא ערד אונ האט זיך גיבוקט. פרעגט די גמרא פאר וואס האט יהושע אזוי גיטאהן אונ ער האט זיך גיבוקט צו דעם מענטש. רבי יהושע בן לוי האט דאך גיזאגט אמענטש טאר ניט געבין שלום צו זיין חבר ביי נאכט. טאמער איז דאס נאר ניט זיין חבר נאר אשד וואס ער האט זיך פאר שטעלט אזוי וויא זיין חבר. האט דאך יהושע אויך גידארפט מורא האבען טאמער איז דאס אשד. ענטפערט דיא גמרא ביי יהושע איז אנדערש. דער מענטש האט איהם גיזאגט איך בין אשר פון גאט. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיזאגט ליגען. האט אביי גיזאגט מיר האבען גילערנט אז שדים דער מאגען ניט דעם נאמען פון גאט אומזיסט. האט דער מלאך גיזאגט צו יהושע פארין נאכט האט איהר ניט מקריב גיווען דעם קרבן תמיד. אונ איצט ביי נאכט לערנט איהר ניט קיין תורה. האט יהושע גיזאגט צום מלאך אויף וועלכע עבירה ביזטו גיקומען אונז שטראפין. האט דער מלאך גיזאגט אויף די איצטיגע עבירה בין איך גיקומען וואס איהר לערנט ניט קיין תורה. ביי נאכט האלט איהר דאך ניט קיין מלחמה קענט איהר דאך לערנען תורה. דריבער באלד ביי די אנדערע מלחמה האט יהושע גינעכטיגט די נאכט אין די טיפקייט. וועלכע טיפקייט. האט רבי יוחנן גיזאגט ער האט גינעכטיגט אין די טיפקייט פון די תורה. האט רב שמואל בר אוניא גיזאגט פון דאנען זעהן מיר אז תורה לערנען איז גרעסער וויא מקריב צו זיין קרבנות. ווארום דער מלאך האט גיזאגט איך בין גיקומען אויף איצטיגע עבירה. וואס איהר לערנט ניט תורה. ניט אויף דיא פריערדיגע עבירה

הא דרבים הא דיחיד :

(דף ד) **ה אמר** רבי יהושע בן לוי נשים חייבות במקרא מגילה שאף הן היו באותו הנס :

**ו ואמר** רבי יהושע בן לוי חייב אדם לקרות המגילה בלילה ולשנותה ביום שנאמר (תהלים כב) אלהי אקרא יומם ולא תענה ולילה ולא דומיה לי סבור מינה למיקרייה בליליא ולמיתנא מתניתין דידה ביממא א"ל רבי ירמיה לדידי מפרשא לי מיניה דרבי חייא בר אבא כגון דאמרי אינשי אעבור פרשתא דא ואתניה . איתמר נמי אמר רבי חלבו אמר עולא בידאה חייב אדם לקרות המגילה בלילה ולשנותה ביום שנאמר (תהלים ל) למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלהי לעולם אודך :

וס"ק מיד (למד) יהושע יאשע מדבריו ובבאו לילה אחרים נפטור עסקו בתורה : הא דרבים . דההם כל ישראל הוו :
שאף הן היו באותו הנס . שאף על הנשים גזר המן להשמיד להרוג ולאבד מנער ועד זקן טף ונשים וגו' :
ולשנותה ביום . זכר למה שהיו זועקין בימי צרתן יום ולילה : אקרא . במזמור למנצח על אילת השחר כולו נאמר על אסתר כדאמרינן במס' יומא למה נמשלה אסתר כאילת כו' : סבור מינה . בני ישיבה ששמעו שמועה זו בלה"ק ולשנותה ביום היו סבורים דהאי ולשנותה לשון שונה משנה הוא למיתני מתני' דידה מצוות של מס' מגילה : אעבור פרשתא דא ואתניה . אסיים פרשה זו ואשנה אותה פעם שניה : בידאה . דמן בירי : יזמרך כבוד . ביום ולא ידום בלילה והאי קרא במזמור ארוממך ה' כי דליתני דהכין נפסקתא במרדכי ואסתר והמן ואחשורוש וקריאת המגילה שבת הוא שמספרין את הנס והכל מקלסין להקב"ה :
טי טינא טליא . כשהייתי תינוק : ואשתכח כוותי

(דף ה ע"ב) **ז אמר** רבי יוחנן (נהירנא) כי הוינא טליא אמרינא מלתא ושאילנא לסביא (ד' ו) ואישתכח מלתא כוותנא חמת זו טבריא ולמה נקרא חמת על שם חמי טבריא (רקת זו ציפורי ולמה נקרא שמה רקת משום דמידליא כרקתא דנהרי כנרת

זו

---

עבירה וואס איהר האט ניט מקריב געווען דעם קרבן תמיד . ענטפערט די גמרא בייא יהושע איז געווען תורה פון אלע יודען . איז טאקי גרעסער ווי קרבנות . אבער פאר תורה־יפון איין מענטש איז טאקי קרבנות גרעסער :

**ה** אמר . רבי יהושע בן לוי האט געזאגט ווייבער מוזען אויך הערין לייענען די מגלה . וואָרום זיי זענען אויך געווען אין דעם נס . המן האט דאך געוואלט הרגנן די ווייבער אויך :

**ו** ואמר . נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט יעדער מענטש מוז לייענען דיא מגלה פורים צוויי מאהל . איין מאהל ביי נאכט אונ איין מאהל ביי טאג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אסתר האט געזאגט מיין גאט איך רוף צו דיר בייא טאג אונ דוא ענטפערסט ניט . אונ איך רוף ביי נאכט . אונ עס איז נישא קיין שווייגונג צו מיר . איך שווייג ניט . נאר איך בעט צו דיר טאג אונ נאכט . אונ אזוי ווי אסתר האט געבעטין ביי טאג אונ ביי נאכט . דארף מען לייענען די מגלה אויך ביי טאג אונ ביי נאכט . אונ ווייל די תלמידים האבען געהערט דיא רייד פון רבי יהושע אויף לשון הקודש ולשנותה ביום . האבען זיי גימיינט אז רבי יהושע זאגט ביי נאכט זאל מען לייענען די מגלה אונ ביי טאג זאל מען לערנען די משניות פון מסכת מגלה . האט רבי ירמיה צו זייא געזאגט צו מיר האט מען געזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגין דאס איז אזוי ווי מענטשין זאגין איך וועל אויס לאזין די פרשה אונ וועל איהר נאך אמאהל לערנען . אזוי דארף מען איין מאהל לייענען די גאנצע מגלה ביי נאכט . אונ נאך אמאהל לייענען די גאנצע מגלה ביי טאג . מיר האבען אויך אזוי גילערנט רבי חלבו האט געזאגט פון עולא בירהאס וועגין יעדער מענטש מוז לייענען די מגלה ביי נאכט . אונ נאך אמאהל איבער חזרין ביי טאג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיין כבוד ודיא נשמה זאל דיך לויבין ביי טאג . אונ זאל ניט שווייגין ביי נאכט . מיין גאט אייביג וועל איך דיך לויבין :

**ז** אמר . רבי יוחנן האט געזאגט ווען איך בין געווען אקינד האב איך געזאגט אזעלכע זאכין אז מען האט גיפרעגט אלטע לייט האבען זיי אויך געזאגט אזוי ווי איך . חמת מיינט מען דיא שטאט טבריא . פאר וואס רופט מען איהר חמת . ווייל אין די שטאט טבריא איז דא ווארעמע קוואלען וואסער . רקת מיינט מען די שטאט צפורי . פאר וואס רופט מען איהר רקת . ווייל

זיא

זו גינוסר ולמה נקרא שמה כנרת דמתיקי פירא כקלא דכינרי אמר רבא כי איכא למ"ד רקת לאו טבריא היא והא כי שכיב אינש הכא התם ספדי ליה הכי גדול הוא בששך ושם לו ברקת וכי מסקי ארונא להתם ספדי ליה הכי אוהבי שרידים יושבי רקת צאו וקבלו הרוגי עומק . כי נח נפשיה דר' זירא פתח עליה ההוא ספדנא ארץ שנער וגו' אוי נא לה אמרה רקת וגו' אלא אמר רבא חמת זו חמי גרר רקת זו טבריא כנרת זו גינוסר ולמה נקרא שמה רקת שאפילו ריקנין שבה מלאין מצות כרמון . ר' ירמיה אמר רקת שמה ולמה נקרא שמה טבריא שיושבת בטבורה של א"י רבה אמר רקת שמה ולמה נקרא שמה טבריא שטובה ראייתה) . אמר זעירא קטרון זו צפורי ולמה נקרא שמה צפורי שיושבת בראש ההר כצפור וקטרון צפורי היא והא קטרון בחלקו של זבולון היה דכתיב (שופטים א) זבולון לא הוריש את יושבי קטרון וזבולון מתרעם על מדותיו הוה דכתיב (שם ה) זבלון עם חרף נפשו למות מה טעם משום דנפתלי על מרומי שדה . אמר זבולון לפני

גירסא : (שם . בכל מקום א"ח ב"ש) : לא הוריש את יושבי קטרון . שנפלה לחלקו ועכרו על מה שאמר הקב"ה לא תחיה כל נשמה והכיחום לגור ביניהם ולעלות להם מס : על מדותיו . של מזלו שנמדד לו מן השמים מדה שאין חסן כה :

---

דיא שטייט אויף אבארג . אזוי ווי דער בארג וואס ביי דעם ברעג טייך . כנרת מיינט מען די שטאט גינוסר . פר וואס רופט מען איהר כנרה . ווייל די פירות פון די שטאט זענען אזוי זיס אזוי ווי די פירות פון דעם בוים כינרא . הט רבא גיפרעגט איז דען דא אמענטש וואס זאל זאגן אז רקת איז ניט טבריא . אז אמענטש פלעגט שטארבין אין בבל פלעגט מען איהם מכבד זיין אין טבריא אונ מען פלעגט זאגין ער איז גיוועזן אגרויסער מאן אין בבל אונ ער הט גיהאט אנאמען אין רקת . אונ אז מען פלעגט ברייננגען אמת פון בבל צו בגראבין איהם אין טבריא . פלעגט מען איהם אזוי מספיד זיין . איהר מענטשין פון רקת וואס איהר האט ליב די יודען גייט ארויס פון שטאט נעמין דעם מת . אונ נעמט צו די גיהרגתע פון טאהל (די וואס זענען גישטארבין אין בבל וואס זי זיצט אין אטאהל) . אז רבי זירא איז גישטארבין אין טבריא . האט מען אן גיהויבין צו זאגין אויף איהם אהספד . בבל הט גיטראגין אונ גיבארין דעם צדיק . ארץ ישראל הט גיהאדעוועט דעם צדיק . וויי צו מיר הט גיזאגט די שטאט רקת (טבריא) . ווען מיר פון די אלע רייד אז רקת איז טבריא . נאר רבא זאגט אזוי . חמת רופט מען די ווארעמע קוואלין וואסער פון גרר . רקת מיינט מען די שטאט טבריא . כנרת מיינט מען די שטאט גינוסר . פר וואס רופט מען טבריא מיט דעם נאמען רקת ווארום רקת איז טייטש ליידיג . ווארום אפילו די ליידיגע (די פראסטע) מענטשין פון טבריא זענען אויך פול מיט מצות אזוי ווי אמילגרוים איז פול מיט קערנער . רבי ירמיה זאגט דער נאמען פון די שטאט איז רקת . נאר פאר וואס רופט מען איר טבריא . ווייל זי איז אין מיטען פון ארץ ישראל . (טבריא איז אזוי ווי א טבור . אנאפיל : אזוי ווי דער נאפיל איז דער מיטען פון מענטש . אזוי איז טבריא דער מיטען פון ארץ ישראל) . רבה זאגט אויך דער נאמען פון דיא שטאט איז רקת . פאר וואס רופט מען איר טבריא . ווייל טבריא מאכט צוויי ווערטער . טובה ראיתה . די שטאט זעהט גוט אויס . זעירא זאגט קטרון מיינט מען די שטאט צפורי . נאר פאר וואס רופט מען דיא שטאט צפורי . ווייל זי זיצט אויף אשפיץ בארג אזוי ווי אפויגיל . (צפור איז טייטש אפויגיל) : פרעגט די גמרא איז דען קטרון די שטאט צפורי . די שטאט קטרון איז דאך גיוועזן אין דעם חלק פון שבט זבולן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זבולן האט ניט פאר טריבען די גוים וואס האבען גיוואוהנט אין קטרון . אונ זבולן איז גיוועזן בייז פאר וואס מען האט איהם צו גיטאסטען אזוי אשטיק לאנד וואס זי איז איהם ניט גיפעלין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער שבט זבולן איז גיוועזן אפאלק וואס האט מלחמה גיהאלטען ביז צום שטארבען . פאר וואס . ווייל ער האט מקנא גיוועזן דעם שבט נפתלי וואס ער הט אגוטע פעלד . דריבער האט ער גיוואלט מלחמה האלטען . טאמער וועט ער בעקומען אבעסערע שטיק לאנד ווי ער האט . דער שבט זבולן

האט

לפני הקב"ה רבונו של עולם לאחי נתת להם ארצות ולי נתת ימים ונהרות לאחי נתת להם שדות וכרמים ולי נתת הרים וגבעות א"ל כולן צריכין לך על ידי חלזון שנאמר (דברים לג) עמים הר יקראו וגו' ושפוני טמוני חול ותנא רב יוסף שפוני זו חלזון טמוני זו טרית חול זו זכוכית לבנה אמר לפניו רבונו של עולם מי מודיעני על זאת א"ל (שם) שם יזבחו זבחי צדק סימן זה יהיה לך שכל הנוטל ממך בלא דמים אינו מועיל בפרקמטיא שלו כלום ואי ס"ד קטרון זו צפורי אמאי התרעם על מדותיו והא הוה ליה צפורי דעדיפא טובא וכ"ת דלית בה ארץ זבת חלב ודבש והאר"ל לדידי חזי לי ארץ זבת חלב ודבש דצפורי והוי שיתסר מיל על שיתסר מיל וכי תימא דלא נפיש דידיה כדאחוה והאמר רבה בר בר חנה (אמר רבי יוחנן) לדידי חזי לי ארץ זבת חלב ודבש דכל ארץ ישראל והוה כמבי כובי ועד אקרא

פירוש

א"ל כולם צריכים לך. כל אחיך יהיו צריכין לך: על ידי חלזון. חלזון עולה מן הים להרים וצובעין בדמו תכלת ונמכר בדמים יקרים: עמים הר יקראו. שכל השבטים יתקבצו נצרכין לקנות בפוני טמוני חול: שפוני זו חלזון. שהוא דבר חשוב כפון חשוב בלשון גמרא: טמוני זו טריה. מין דג בקרין טרית: חול זו זכוכית לבנה. זכוכית הלבנה נעשית מן החול כדאמרינן בפ"ק דשבת וחול של זבולון חשוב מכל חולות (וראוי) לזכוכית לבנה: מי מודיעני על זאת. לתת לי דמים כמונה חלזון וטמאה אלא יקחום בלא דמים: אמר לו שם יזבחו זבחי צדק. כשם שאסור גזל במעילה כך לא יטלו ממך כלום שאם יטלו בזה פרוטה בלא דמים יתקלקל הצבע והחול ולא יועיל לכלום: זבת חלב ודבש. כשדים אוכלים תאנים והדבש נוטף מהם והחלב מטף מן העזים ונעשה כמין נחל: שיתסר מיל. ד' פרסאות: לדידי חזי לי זבת חלב ודבש דכל א"י. בכל מקומות שבוא שם ולא נראו כלומר אלא כמבי כובי עד אקרא דתולבקני שם

---

האָט גיזאָגט פאַר גאָט רבונו של עולם צו מיין ברידער האָסטו גיגעבען לענדער. און מיר האָסטו גיגעבען ימים און טייכען. מיין ברידער האָסטו גיגעבען פעלדער און ווייִנגערטנער. און מיר האָסטו גיגעבען בערג און הויכע ערטער. האָט גאָט גיזאָגט צו זבולון. אַלע שבטים וועלען באַדאַרפען אָן קומען צו דיר. דער וואָרעם חלזון גייט אַרויס פון ים אויף די בערג. און מיט זיין בלוט פאַרבט מען דעם תכלת וואָס שטייט אין די תורה. און דער תכלת ווערט טייער פאַר קויפט. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק פעלקער וועלען גירופען ווערין צו דיינע בערג זיי זאָלען ביי דיר קויפען שפוני טמוני חול. רב יוסף האָט גילערנט שפוני מיינט מען דעם חלזון. טמוני מיינט מען דעם מין פיש וואָס הייסט טרית. חול (זאַמד) מיינט מען די ווייסע גלאָז. וואָס ווערט גימאַכט פון אַזעלכע זאַמד. דאָס אַלץ וועט מען מוזען קויפען ביי דעם שבט זבולון. און זבולון האָט גיזאָגט פאַר גאָט רבונו של עולם ווער וועט מיר זאָגין. טאָמער וועט איינער געפינען דעם חלזון און וועט פאַרבען פון איהם תכלת. אָדער ער וועט פאַנגען פיש. אָדער ער וועט נעמען מיינע זאַמד צו מאַכען גלאָז. און איך וועל גאָר ניט וויסען. און ער וועט מיר ניט באַצאָהלין. האָט גאָט צו איהם גיזאָגט דאָרט וועט מען שעכטין אמתה קרבנות. אַזוי ווי אַגינזלטער קרבן איז פסול. אַזוי זאָלסטו האָבען אַסימן דער וואָס וועט נעמען פון דיר איינע פון דיא זאַכען אָן געלט. וועט ער ניט פאַר דינען פון זיין האַנדיל. די פאַרב און די פיש און די גלאָז וועלין קאַליע ווערין. איז דאָך די קשיא אַז מען וועט זאָגין קטרון איז צפורי פאַר וואָס איז זבולון בייז גיוועזן אויף זיין חלק. ער האָט דאָך גיהאַט צפורי וואָס דאָ איז גאַנץ גוט גיוועזן. וועסטו אפשר זאָגין אין צפורי האָט ניט גירונען מילך און האָניג. ריש לקיש האָט דאָך גיזאָגט איך האָב גיזעהן אַשטיק פעלד פון צפורי וואָס דאָ איז גיוועזן גרויס זעכצעהן תחום שבת (צוויי און דרייסיג טויזענד איילין פיר מייל) די לענג. און זעכצעהן תחום שבת צוויי און דרייסיג טויזענד איילין פיר מייל די ברייט. און אויף די פעלד זענען גישטאַנען ציגען און האָבען גיגעסען פייגען און דיא האָניג האָט גירונען פון די פייגען. און די מילך האָט גירונען פון די ציגען. און עס איז גיוואָרין אַטייך פון האָניג און מילך. וועסטו אפשר זאָגין די מילך און האָניג פון זבולון איז ניט גיוועזן אַזוי פיל וויא עס איז גיוועזן ביי זיינע ברידער. רבה בר בר חנה האָט דאָך גיזאָגט פון רבי יוחנן וועגין איך האָב גיזעהן אַלע ערטער אין ארץ ישראל וואָס אויף זיי רינט מילך און האָניג. אַז מען זאָל צו זאַמען נעמען אַלע ערטער פון זיי זאָל ווערין איין אָרט. וואָרט דער איין אָרט גרויס

גיוועזן

אקרא דתולבקני והויא עשרין ותרתין פרסי באורכא ובפותיא שיתא (עשר) פרסי אפילו הכי שדות וכרמים הוו עדיפי (להו) [ליה] דיקא נמי דכתיב (שופטים ה) ונפתלי על מרומי שדה ש"מ. אמר רבי אבהו (צפניה ב) עקרון תעקר זו קסרי בת ארם שיושבת בין החולות והיא היתה יתד תקועה לישראל בימי יוונים וכשנברו מלכי בית חשמונאי לכדוה והיו קורין אותה אחידת מגדל צור:

מקומות: אקרא. מקום מעבר הנהר וכו' פרס"ו: עדיפי ליה. חביבין היו עליו: יתד תקועה. נרעה: אחידת מגדל צור. כמיבצר מגדל צור:

והסירותי דמיו מפיו. גבי עיר כתיב שהיא ראש לארם: גלית במיא. ראשי ע"ז של ארם: כיבוסי. זו ירושלים ויהיה ארם כאלוף יהודה ועקרון תהיה בית ועד לירושלים: לשם. עיר שכבשו בני דן: פמיאס. שמשם יוצא ירדן ממערת פמיים: מטרפולין. לשון יוני אומה של מלכות מטרי אם פולין לשון עיר: דמרבי בה מלכי. מגדלים שם בני מלכים: אחולאם מתרגם.

**ח** **א"ר** יוסי בר חנינא מ"ד (זכריה ט) והסירותי דמיו מפיו זו בית כריא שלהן ושקוציו מבין שניו זו בית גליא שלהן ונשאר גם הוא לאלהינו אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבארם והיה כאלוף ביהודה ועקרון כיבוסי אלו טרטסיאות וקרקסיאות שלהן שעתידין שרי יהודה ללמד בהם תורה ברבים. אמר רבי יצחק לשם זו פמיאס עקרון (תעקר) זו קסרי בת ארם שהיא היתה מטרפולין של מלכים אי"ד דמרבי בה מלכי וא"ד דמוקמי מינה מלכי. קסרי וירושלים אם יאמר לך אדם שחרבו שתיהן אל תאמין ישבו שתיהן אל תאמין חרבה קסרי וישבה ירושלים הרבה ירושלים וישבה קסרי תאמין שנאמר (יחזקאל כו) אמלאה החרבה אי מלאה זו חרבה זו רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (בראשית כה) ולאום

---

גיהען ווי פון כובי ביז אקרא דתולבקני. דאס איז צוויי און צוואנציג מייל די לייננ. און ועקס מייל די ברייט. ענטפערט די גמרא פון דעסטוועגען פעלדער און ווייין גערטנער וואלטין בייא זבולן בעסער גיוועזן ווי די אלע זאכען וואס ער האט גיהאט. פון פסוק זעהן מיר אויך אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק זבולן האט זיך גישטארקט אין די מלחמה ווייל נפתלי איז גיוועזן אויף די הייך פון די פעלדער. רבי אבהו האט גזאגט די שטאט עקרון זאל אויס געריסען ווערין דאס איז קסרי פון ארם. וואס די שטאט איז צווישען זאמד בערג. און די שטאט האט אייביג גיטאהן שלעכץ צו יודען אין די ציים ווען די יונים האבען געקיניגט אויף דער וועלט. ביז די חשמונאים האבען זיך גישטארקט אויף די יונים און האבען איין גינומען די שטאט. און היינט רופט מען די שטאט אחידת מגדל צור:

**ח** אמר. רבי יוסי בר חנינא הט גזאגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אפ טאהן זיין בלוט פון זיין מויל. דאס מיינט מען די עבודה זרה כריא. און איך וועל אפ טאהן זיין פאר מיאוסונג פון צווישען זיינע ציין. דאס מיינט מען דיא עבודה זרה גליא. און ער וועט אויך בלייבען צו אונזער גאט. דאס מיינט מען די שולען און די בתי מדרשים וואס אין ארם. אין פסוק שטייט והיה כאלוף ביהודה וארם וועט גיהערין צו דיא גרויסע לייט פון יהודה ועקרון כיבוסי און עקרון וועט זיין אין ירושלים. דאס מיינט מען אלע טעאטער שטובען און קאמעדיע שטובען וואס אין ארם וועלין די גרויסע לייט פון יהודה אין זיי לערנען תורה צו פיל מענטשין. רבי יצחק האט גזאגט לשם איז פמיים. ופמיים איז אקעלער. און פון דעם קעלער גייט ארוים דער ירדן. עקרון זאל אויס געריסען ווערין דאס איז קסרי פון ארם. זי איז אמאהל גיוועזן דיא מוטער פון די קעניגען. אנדערע זאגען אין קסרי האט מען גיארעוועט דיא קעניגליכע קינדער אנדערע זאגין אין קסרי האט מען גיקריינט די קעניגין. די שטאט קסרי און ירושלים אויב אמענטש וועט דיר זאגין זיי זענען ביידע וויסט זאלסטו ניט גלויבען. זיי זענען ביידע בזעסין. זאלסטו ניט גלייבען. און אז מען וועט דיר זאגין קסרי איז וויסט און ירושלים איז בזעסין. אדער ירושלים איז וויסט און קסרי איז בזעסין זאלסטו גלויבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמלאה החרבה. אויב קסרי איז פול איז ירושלים וויסט. און אויב ירושלים איז פול איז קסרי וויסט. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק ולאם מלאם יאמץ. איין קעניגרייך וועט

ולאם מלאם יאמץ . ואמר רבי יצחק מ"ד (ישעיה כו) יוחן רשע בל למד צדק בארץ נכוחות יעול ובל יראה גאות ה' . אמר יצחק לפני הקב"ה רבונו של עולם יוחן עשו . א"ל רשע הוא . א"ל בל למד צדק . א"ל בארץ נכוחות יעול . א"ל א"כ בל יראה גאות ה' וגו' . ואמר רבי יצחק מ"ד (תהלים קמ) אל תתן ה' מאויי רשע זממו אל תפק ירומו סלה . אמר יעקב לפני הקב"ה רבונו של עולם אל תתן לעשו הרשע תאות לבו זממו אל תפק ירומו סלה זו (ע"ב) גרממיא של ארם שאלמלי הן יוצאין מחריבין את העולם כולו דאמר רבי חמא בר חנינא ש' מלכי קטרי תאגי איכא בגרממיא של ארם ושס"ה מרזבני איכא בארמי) [בבבל] כל יומא נפקי הני לאפי הני והני לאפי הני מקטיל או חד מהני או חד מהנו ומטרדי לאוקמי מלכא אחריני . ואמר רבי יצחק אם יאמר לך אדם יגעתי ולא מצאתי אל תאמין לא יגעתי ומצאתי אל תאמין יגעתי ומצאתי תאמין הני מילי בדברי תורה אבל במשא ובמתן סייעתא דשמיא היא . ובדברי תורה לא אמרן אלא לאיחדודי

**פירוש**

דמשיה דקרא יען אמרה צור על ירושלים האח וגו' אמלאה החרבה עכשיו אתמלא מחורבנה : רשע . זה עשו הרשע אמר יצחק להקב"ה יוחן (רשע זה) גמו א"ל הקב"ה רשע הוא : א"ל . יצחק : בל למד צדק . כלומר אין אדם יכול ללמד עליו צדק : א"ל . הקב"ה : בארץ נכוחות יעול . זו ירושלים. ויחריב כלומר עתיד להחריב אותה : אמר . יצחק א"כ בל יראה וגו' : זממו אל תפק . אל תוציאהו מהרהורו זה כמין טבעת של ברזל שנותנין בחוטמו של נאקה שמושכה בו ומתוך חוזקה אינה משתמרת כי אם בו : גרממיא . שם מלכות ואף היא מאדום : מרזבני . זכסים : ינפקי. כתורם : לאוקמי גירסא . שלא

---

העט גישטארקט ווערי דורך די אנדערע קעניגרייך . אז ירושלים פאלט ווערט קסרי גישטארקט . אונ אז קסרי פאלט ווערט ירושלים גישטארקט . נאך האט רבי יצחק גזאגט עס שטייט אין פסוק יוחן רשע בל למד צדק בארץ נכוחות יעול ובל יראה גאות יי . יצחק אבינו האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם יוחן עשו . זאל עשו האבען חן ביי דיר . האט גאט גזאגט ער איז דאך א רשע . האט יצחק גזאגט בל למד צדק איז גאר ניטא קיינער וואס זאל לערנען אויף עשו א זכות אים גירעכט צו מאכען . האט גאט גזאגט בארץ נכוחות יעול . ווייל ער וועט פאר קריגען אין די ערליכע לאנד . ער וועט וויסט מאכען ארץ ישראל . האט יצחק גזאגט אויב ער וועט אזוי טאהן בל יראה גאות יי . זאל ער ניט זעהן די גרויסקייט פון גאט . נאך האט רב יצחק גזאגט עס שטייט אין פסוק אל תתן יי מאויי רשע זממו אל תפק ירומו סלה . יעקב אבינו האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם זאלסט ניט געבין צו עשו הרשע וואס זיין הארץ גלוסט . דוא זאלסט ניט ארויס ציהען דעם רינג פון זיין נאז . ער זאל ניט קענען גיין שאדין טאהן וואס ער וויל . ווא מען האט אווילדע בהמה שטעקט מען אריין אן אייזערנעם רינג אין איר נאז . אונ מען ציהט אריין א שטריק אין דעם רינג אונ מען בינט אן די בהמה צו אונאנט זי זאל ניט קענען גיין א שאדין טאהן . ווארום ער וועט דער הויבען ווערין אויף אייביג . דאס מיינט מען די מלוכה גרממיא פון ארם . אז זיי וואלטען ארויס גיגאנגען וואלטען זיי חרוב מאכען די גאנצע וועלט רבי חמא בר חנינא האט גזאגט דריי הונדערט מלכים מיט קרוינען איז דא אין גרממיא פון ארם . אונ דריי הונדערט פינף אונ זעכציג פירשטען איז דא אין בבל . אלע טאג גייען ארויס איינע געגין די אנדערע (די מלכים געגין די פירשטען) אויף א מלחמה אונ איינער פון זיי ווערט גיהרגת . אדער איינער פון די מלכים . אדער איינער פון די פירשטען . זענען זיי פאר נומען דעם גאנצען טאג צו מאכען איין אנדער מלך . אדער איין אנדער פירשט . נאך האט רבי יצחק גזאגט . אויב אמענטש וועט דיר זאגין איך האב מיך גימאטערט אין די תורה : אונ האב ניט גיפונען . זאלסטו איהם ניט גלויבען . אונ אויב ער וועט דיר זאגין איך האב גיפונען די תורה אונ האב מיך ניט גימאטערט . זאלסטו איהם ניט גלויבען . אונ אויב ער וועט דיר זאגין איך האב מיך גימאטערט אין די תורה אונ האב גיפונען . זאלסטו איהם גלויבען . אבער נאר די תורה געפינט מען אז מען מאטערט זיך . אבער האנדלען העלפט ניט וואס מען מאטערט זיך . נאר וועמען גאט וויל העלפען איז ער רייך ניט גימאטערט . אונ צו די תורה העלפט נאר דאס מאטערין מען זאל שארפען דעם שכל . מען זאל ווערין א חכם אין די תורה . אבער מען

ואל

לאיחודי אבל לאוקמי גירסא סייעתא דשמיא היא . ואמר רבי יצחק אם ראית רשע שהשעה משחקת לו אל תתגרה בו שנא׳ (תהלים לז) אל תתחר במרעים וגו׳ :

**ט אמר** עולא איטליא של יון זה כרך גדול של ארם והויא ש׳ פרסי על ש׳ פרסי ויש בה שס״ה שווקים כמנין ימות החמה וקטן שבכולם של מוכרי עופות והויא י״ו מיל על י״ו מיל ומלך סועד בכל יום באחד מהן והדר בו אע״פ שאינו נולד בו נוטל פרס מבית המלך והנולד בו אע״פ שאינו דר בו נוטל פרס מבית המלך וג׳ אלפים בי בני יש בו וה׳ מאות חלונות מעלים עשן חוץ לחומה צדו אחת ים וצדו אחת הרים וגבעות צדו אחת מחיצה של ברזל וצדו אחת חלסית ומצודה :

(ד׳ ז) **י לקיים** את אגרת הפורים הזאת השנית (אסתר ט) אמר (רב יהודה אמר שמואל) [רב שמואל בר יהודה] בתחלה קבעוה בשושן ולבסוף קבעוה בכל העולם . אמר (רבי) [רב] שמואל בר (יצחק) [יהודה] שלחה אסתר לחכמים קבעוני לדורות שלחו לה קנאה את מעוררת עלינו בין האומות שלחה להם כבר כתובה אני על ספר דברי הימים למלכי כדי

השתכח ממנו : סייעתא דשמיא כוח , דיש שינה ואינו מולא :
איטליא של יון . כרך גדול שנגדל בשביל עון מנשה שבשעה שהכניס צלם בהיכל ירד גבריאל ונעץ קנה בים וגדל עליו חלקה גדולה ונבנה בהם איטליא של יון מאיי אליסה מתרגמינן מגנות איטליא : שווקים . הומה : ס״ס . מזון : הלונות שמעלים מהן עשן חוץ לחומה . שכן גבוהים חוץ לחומה ואין מעשנין את החומה וזהו חשיבות : חלסית . מקום אבנים דקות : ולבסוף קבעוה וכו׳ . וזהו השנית שנשלחה להם בשנה שניה לקבוע עליהם חובה : קבעוני לדורות . י״ד וט״ו ליום טוב ולקיימה להיות לי לשם : קנאה את מעוררת עלינו . שיאמרו האומות שאנו שמחים להזכיר מפלתן : כבר כתובה אני . ושם הם רואים מה שאירע להם פי׳

---

זאל ניט פאר געסין וואס מען האט געלערנט . העלפט ניט דאס מאטערן . נאר ווער עס איז זוכה העלפט אים גאט די תורה זאל ניט פאר געסין ווערין פון איהם . נאך האט רבי יצחק געזאגט אז דוא וועסט זעהן ארשע וואס די צייט שפילט איהם . דער גליק דיינער איז גרויס . זאלסטו דיך ניט רייצען מיט איהם . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אל תתחר במרעים . דו זאלסט דיך ניט רייצען מיט די שלעכטע בענטשין :

**ט אמר** . עולא האט געזאגט אין ארם איז דא אגרויסע שטאט מיט דעם נאמען איטליא . די שטאט איז גרויס דריי הונדערט מייל די לייגג אונ דריי הונדערט מייל די ברייט . אונ אין די שטאט איז דא דריי הונדערט פינף אונ זעכציג גאסען . ווי פיל טעג עס איז דא אין יאהר נאך דעם רעכענונג פון די זוהן . די קלענסטע גאס איז דיא וואס מען פאר קויפט אין איר עופות . אונ די גאס איז זעכצעהן תחום שבת די לייגג אונ זעכצעהן תחום שבת דיא ברייט . אונ אלע טאג עסט דער מלך אסעודה אין איין אנדער גאס . אונ דער וואס וואוהנט אין די שטאט אפילו ער איז ניט געבאהרין אין די שטאט . נעמט ער זיין עסין פון מלך . אונ דער וואס איז געבארען אין די שטאט . אפילו ער וואוהנט ניט אין די שטאט . נעמט ער אויך זיין עסין פון מלך . אונ דריי טויזענד בעדער איז דא אין די שטאט . אונ פינף הונדערט פענסטער זענען דא וואס דורך זיי גייט ארויס דער רויך אויסער די מויער . אין איין זייט פון דיא שטאט איז דער ים . אונ אין אנדערן זייט איז גרויסע בערג . אונ אין די דריטע זייט איז אאייזערנע וואנט . אונ אין די פערטע זייט איז דא קליינע שטיינער אונ אפעסטונג :

• **לקיים** . אין פסוק שטייט אסתר אונ מרדכי האבען געשריבען צו די יודין מען זאל מקיים זיין והאלטען וואס עס שטייט אין דעם אנדערין פורים בריף . רב שמואל בר יהודה זאגט אין אנהייב האט מען גימאכט פורים נאר אין שושן . דער נאך האט מען אויס גיזעצט מען זאל מאכע פורים אין די גאנצע וועלט וואו יודען וואוהנען . רב שמואל בר יהודה זאגט אסתר האט געשיקט צו די חכמים זיי זאלען געבעטען אויף די יודען מען זאל מאכען פורים אייביג אלע יאהר . האבען די חכמים געשיקט צו אסתר דו ווילסט דער וועקין אבעם פון די פעלקער אויף אונז . זיי וועלין זאגין מיר פרייען אונז אויף זייער מפלה . האט אסתר געשיקט צוא די חכמים די מעשה פון פורים איז שוין פאר שריבען אין דעם קראניק פון מדי אונ פרס . ווייסען שוין אלע

פעלקער

פרש"י: רב ורבי חנינא וכו'. מתנו הא דלעיל דקתני שלחה להם וכו': בבולייה סדר מועד. מקום שנאמר שם זוג זה כל ד' חכמים הללו: חלופי רבי יוחנן וכו'. יש מחליפין ר' יוחנן ומכניסין ר' יונתן. שלישים. בג' מקומות יש לנו להזכיר מחיית עמלק בכתב ואלה בשמות ובמשנה תורה ובספר שמואל. והיינו דאמר כי מה דבר שכתבתי לך הוי אתה כותבו לבדנו: זאת מה שכתוב כאן ובמשנה תורה. דכל מה שכתוב בתורה קורא בהיינה הזה: ויאמר המן בלבו. מנא ידעי כותבי המגילה בכך אמר בלבו הלא ש"מ ברה"ק נגלה להם: ויודע הדבר למרדכי. מי גלה לו הלא ברה"ק נגלה אליו: ובבזה

סדי ופרס. רב ורבי חנינא ורבי יוחנן ורב חביבא מתני בבוליה סדר מועד כל כי האי זוגא חלופי רבי יוחנן ומעייל רבי יונתן שלחה להם אסתר לחכמים כתבוני בספר שלחו לה (משלי כב) הלא כתבתי לך שלישים במועצות ודעת שלישים ולא רבעים עד שמצאו לה מקרא מן התורה שנאמר (שמות יז) כתוב זאת זכרון בספר כתוב זאת מה שכתוב כאן ובמשנה תורה זכרון מ"ש בנביאים בספר מ"ש במגילה. תניא רבי אליעזר אומר מגילת אסתר ברה"ק נאמרה שנאמר (אסתר ו) ויאמר המן בלבו. ר' עקיבא אומר מגילת אסתר ברה"ק נאמרה שנאמר (שם ב) ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה. (ר' יוסי בן דורמסקית) [רבי מאיר] אומר מגילת אסתר ברה"ק נאמרה שנאמר (שם) ויודע הדבר למרדכי ויגד לאסתר המלכה. (ר' מאיר) [רבי יוסי בן דורמסקית] אומר מגילת אסתר ברוח הקודש נאמרה שנאמר (שם ט) ובבזה לא שלחו את ידם. (אמר רב יהודה) אמר שמואל אי הואי התם הוה אמרי להו מילתא דעדיפא מדכולהו שנאמר (שם) קיימו וקבלו היהודים קיימו למעלה מה שקבלו למטה.

אמר

---

פעלקער. רב הונא אונ רבי חנינא אונ רבי יוחנן אונ רב חביבא האבען גילערנט. ואין גאנץ סדר מועד וואו עס קומט דיא פאר. נעמט מען ארוים רבי יוחנן. אונ מען שטעלט אריין רבי יונתן. וואס האבען זייא גילערנט. אסתר האט געשיקט צוא דיא חכמים איר זאלט פאר שרייבען די מעשה וואס דא האט גיטך פען אין אמגלה. האבען די חכמים געשיקט צו אסתר. עס שטייט אין פסוק הלא כתבתי לך שלישים. איך האב דיר געשריבען די מעשה פון עמלק דריי מאהל. אין די סדרה בשלח. אונ אין די סדרה תצא. אונ אין ספר שמואל קפיטל טו. דארף זיין געשריבען נאר דריי מאהל. ניט פיר מאהל. ביז די חכמים האבען גיפונען אפסוק אין די תורה אז מען מעג שרייבען די מעשה פון המן אויף אמגלה. ווארום עס שטייט אין פסוק כתוב זאת זכרון בספר. כתוב זאת מיינט מען וואס עס איז געשריבען אין בשלח אונ אין תצא. דאס ווערט גירעכנט פאר איינס. זכרון מיינט מען וואס עס איז געשריבען אין נביאים אין ספר שמואל. בספר מיינט מען וואס מען וועט שרייבען אויף אמגלה די מעשה פון המן ווס ער איז פון עמלק. מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט מגלת אסתר איז גיזאגט געווארין מיט רוח הקודש. ווארום עס שטייט אין פסוק המן האט גיטראכט אין זיין הארץ. פון וואנען האבען אסתר אונ מרדכי געוואוסט וואס המן האט גיטראכט. נאר מען האט זיי גיזאגט פון הימעל. רבי עקיבא זאגט אויך מגלת אסתר איז גיזאגט געווארין מיט רוח הקודש. ווארום עס שטייט אין פסוק אסתר האט גיהאט חן ביי אלע מענטשין וואס האבען איהר גיזעהן. פון וואנען ווייס מען אז עס איז אזוי גיוועזן. נאר מען האט זיי גיזאגט פון הימעל. רבי מאיר זאגט אויך מגלה אסתר איז גיזאגט געווארין מיט רוח הקודש. ווארום עס שטייט אין פסוק די זאך פון בגתן ותרש איז דער וואוסט געווארין צו מרדכי אונ ער האט גיזאגט צו אסתר המלכה. פון וואנען האט דאס מרדכי גיוואוסט. נאר מען האט איהם גיזאגט פון הימעל. רבי יוסי בן דורמסקית זאגט אויך מגלת אסתר איז גיזאגט געווארין מיט רוח הקודש. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען ניט גינומען דעם פאר מעגין פון דיא עמלקים וואס זייא האבען גיהרגט. פון וואנען האבען אסתר אונ מרדכי גיקענט וויסען וואס עס איז גיוועזן אין דיא ווייטע מדינות. טאמער האבען זיי יא גענומען. נאר מען האט זיי גיזאגט פון הימעל. שמואל זאגט ווען איך וואלט גיוועזן דארט ביי די תנאים וואלט איך זיי גיזאגט אזאך וואס עס וואלט גיוועזן בעסער ווי אלע האבען גיזאגט. עס שטייט אין פסוק קימו וקבלו היהודים. מען האט בשטעטיגט אין הימעל

וואס

אמר רבא לכולהו אית להו פירכא לבר מדרב יהודה אמר שמואל) [מדשמואל] דלית ליה פירכא (דר"א סברא הוא דלא הוה איניש דחשיב למלכא כוותיה והאי כי קא מפיש טובא ואמר אדעתא דנפשיה קאמר]. ובגמ' האריכו לפרש פירכא כנגד כל ראיות שלמעלה זולת דשמואל דלית ליה פירכא, אמר רבינא (ואי תימא רב נחמן בר יצחק) היינו דאמרי אינשי טבא חדא פלפלא חריפא מטלא צנא דקרי. רב יוסף אמר מהכא (שם) וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים. רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (שם) וזכרם לא יסוף מזרעם. תניא רבי שמעון בן מנסיא אומר קהלת אינו מטמא את הידים מפני שחכמתו של שלמה היא אמרו לו וכי זו בלבד אמרו והלא כבר נאמר (מ"א ה) וידבר שלשת אלפים משל ואומר (משלי ל) אל תוסף על דבריו מאי ואומר וכי תימא מימר טובא אמר דאי בעי איכתוב ודאי בעי לא איכתוב ת"ש אל תוסף על דבריו:

(ע"ב) **אמר** רבא מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי

לא אלמו גו'. מאי ידעי מה עשו סרחוקים: גו יעברו. מנא ידעי את העתיד: והלא כבר נאמר וכו'. (וקהלת כבר נאמרה) וכיון דלא כתב את כולן למדת שמה שכתב ברוה"ק היה: דאי בעי איכתוב וכו'. ולעולם מה שכתב משלות בעלמא נינהו ולא מפי הקב"ה: ת"ש אל תוסף על דבריו. מדקאמר להוסיף עליהן ש"מ ברוה"ק נאמרו: לבסומי. להשתכר ביין: ואיבסום. נשתכרו:

---

וואס די יודען האבען גינומען אן אויף די ערד · רבא זאגט אלע תנאים קען מען אפ פרעגין נאר שמואלן קען מען ניט אפ פרעגין · (ועיין בגמרא) · רבינא זאגט דאס איז וואס מענטשען זאגין איין שארפער פעפער איז בעסער ווי אפולע קארב פלוצערין · רב יוסף זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מגלת אסתר איז גיזאגט גיווארין מיט רוח הקודש · עס שטייט אין פסוק אז די טעג פורים וועלין ניט אוועק גיין פון די יודען · פון וואנען האבען אסתר אונ מרדכי גיקענט ווייסען · אז די יודען וועלין אייביג מאכען פורים · נאר עס איז צו זיי גיזאגט גיווארין פון הימעל · רב נחמן בר יצחק זאגט אז מגלת אסתר איז גיזאגט גיווארין מיט רוח הקודש ווייסען מיר פון דעם פסוק · זייער דער מאנונג וועט ניט אין גיטאהן ווערין פון זייערע קינדער · פון וואנען האבען אסתר אונ מרדכי גיקענט ווייסען אז די יודען וועלין אייביג גידיינקען דעם פורים. נאר עס איז צו זיי גיזאגט גיווארען פון הימעל מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן מנסיא זאגט דער ספר קהלת איז ניט מטמא די הענט. ווייל אין איהם שטייט געשריבען די חכמת פון שלמה המלך · אבער עס איז ניט גיזאגט גיווארין מיט רוח הקודש ופאר צייטען פלעגט מען לייגען ספרים נעבין תרומה · זיי פלעגין זאגין תרומה איז הייליג אונ דער ספר איז הייליג מעג מען לייגין איינס נעבין דם אנדערע · מיז פלעגין קומען עסין די תרומה פלעגין זיי צו בייסען די ספרים · האבען די חכמים גיזאגט אז אלע ספרים זאלען מטמא זיין די הענט וואס רירען זיי אן · וועט מען זיי שוין ניט לייגען נעבין תרומה · אבער קהלת איז ניט קיין ספר איז ער ניט מטמא די הענט הט מען גיזאגט צו רבי שמעון האט דען שלמה המלך נאר גיזאגט דעם ספר קהלת · עס שטייט דאך אז ער האט גיזאגט דרייא טויזענד משלים · אונ אלע זענען ניט געשריבען גיווארין · אונ קהלת איז יא געשריבען גיווארין · מוז דאך זיין אז קהלת איז גיזאגט גיווארין מיט רוח הקודש · נאך שטייט אין פסוק שלמה המלך הט גיבעטען מען זאל ניט מערין אויף זיינע רייד · גיוויס ווייל עס איז גיזאגט גיווארין מיט רוח הקודש · צו ווי ברייננט די גמרא דעם אנדערין פסוק · נאר מיר וואלטין גיקענט זאגין שלמה הט טאקי גיזאגט פיל חכמות נאר די וואס ער האט גיוואלט האט ער געשריבען · אונ דיא וואס ער האט ניט גיוואלט שרייבען האט ער ניט געשריבען · אבער די וואס ער האט געשריבען למשל קהלת · האט ער אליין געשריבען · ניט דורך רוח הקודש. דריבער ברייננט דיא גמרא דעם אנדערין פסוק אז שלמה הט גיבעטין מען זאל ניט מערין אויף זיינע רייד · פאר וואס · געוויס ווייל דס וואס ער האט געשריבען איז דורך רוח הקודש געשריבען גיווארין:

**יא אמר** · רבא הט גיזאגט יעדער יוד בארף זיין פורים אזוי שכור ער זאל ניט וויסען

צווישען

מרדכי. רבה ורבי זירא עבדו סעודת פורים בהדי הדדי איבסום קם רבה שחטיה לרבי זירא למחר בעי רחמי ואחייה לשנה א"ל ניתי מר ונעביד סעודת פורים בהדי הדדי א"ל לאו בכל שעתא ושעתא מתרחיש ניסא ׃

(דף ה ע"ב) **יב משנה** אין בין ספרים לתפילין ומזוזות אלא שהספרים נכתבים בכל לשון ותפילין ומזוזות אין נכתבים אלא אשורית רבי שמעון בן גמליאל אומר אף בספרים לא התירו שיכתבו אלא בלשון יוונית ׃

(דף ט) **גמ'** אמר רב יהודה אף כשהתירו רבותינו יונית לא התירו אלא בס"ת ומשום מעשה דתלמי המלך מאי היא דתניא מעשה בתלמי המלך שכנס ע"ב זקנים והושיבם בע"ב בתים ולא גילה להם על מה כנסם ונכנס אצל כל אחד ואחד ואמר להם כתבו לי תורת משה רבכם נתן הקב"ה עצה בלב כל אחד ואחד והסכימה דעתם לדעת אחד וכתבו לו (בראשית א) אלהים ברא בראשית (שם) אעשה אדם בצלם ובדמות (שם ב) ויכל ביום הששי. וישבות ביום השביעי.

זכר

(ספרים. תורה נביאים וכתובים: אלא יונית. לס"ק: אף בספרים לא התירו. להם לכתוב אלא חוץ מלה"ק: אלא יונית. בגמ' מפרש טעמא): תלמי המלך. מלך מצרים היה: אלהים ברא בראשית. את השמים שלא יאמר בראשית שם הוא וב' רשויות הן ראשון ברא את השני: אעשה אדם. שמכאן (פקרו האומרים) ב' רשויות הן דכתיב נעשה ויכל ביום הששי. שלא יאמר א"כ עשה מלאכה ביום השבת דהא כתיב ויכל אלהים ביום

---

צווישען ארור המן און ברוך מרדכי. רבה און רבי זירא האבען אמאהל גיגעסין צו זאמען די סעודה פון פורים. האבען זיי זיך אן געשיכורת. הט רבה געשאכטין רבי זיראן. אויף מארגין האט רבה גיבעטין צו גאט און ער האט רבי זיראן לעבעדיג גימאכט. אויף דאס אנדערע יאהר האט רבה גיזאגט צו רבי זירא קום מיר וועלין עסין צו זאמען די סעודה פון פורים. הט רבי זירא ניט גיוואלט. ער הט גיזאגט ניט אלע צייט טרעפט זיך אנס ׃

**יב** משנה אין. עס איז ניטא קיין אונטערשייד צווישען ספרים (תורה נביאים כתובים) און תפילין מיט מזוזות. נאר תורה נביאים כתובים מעג מען שרייבען אויף וועלכע שפראך מען וויל אבער תפילין און מזוזות טאר מען אנדערש ניט שרייבען נאר לשון קודש. רבן שמעון בן גמליאל זאגט אפילו תורה נביאים כתובים טאר מען אויך ניט שרייבען נאר (לשון קודש אדער) גריכעש ׃

גמרא. רב יהודה זאגט נאר אספר תורה מעג מען שרייבען גריכעש אבער נביאים און כתובים טאר מען ניט שרייבין נאר לשון קודש). אזוי ווי מען האט געשריבען פר תלמי המלך. ווארום מיר האבען גילערונט תלמי דער מלך פון מצרים האט פאר זאמלט צוויי און זיבעציג אלטע לייט פון יודען. און ער האט זיי גיזעצט אין צוויי און זיבעציג שטובין. יעדין אין איין בזונדער שטוב. און ער הט זיי ניט גיזאגט צו וואס ער הט זיי פר זאמלט. און דר מלך איז אריין גיגאנגען צו יעדין בזונדער און ער האט גיזאגט צו איהם שרייב מיר די תורה פון דיין רבי משה. (דער מלך האט גיוואלט זעהן אויב אלע וועלין שרייבען גלייך איז איין סימן די תורה איז אמת. אבער אז יעדער וועט שרייבען אנדערש. איז די תורה ניט אמת). גאט האט אבער פאר גלייכט זייערע הערצער און זייער חכמה אז אלע האבען גלייך געשריבען. און זייא האבען געשריבען אלהים ברא בראשית. ווארום אז עס וועט שטיין בראשית ברא אלהים. וועט ער זאגין אז בראשית איז א נאמען פון א גאט. און דער גאט וואס הייסט בראשית. האט בשאפען דעם גאט וואס הייסט אלהים. ווארום דער נאמען פון גאט דארף שטיין אין אן הייב. נאך האבען זיי גיענדערט און האבען געשריבען אעשה אדם בצלם ובדמות. ווארום נעשה איז טייטש. מיר וועלין מאכען. וועט דאך אויס אז עס איז דא מעהר ווי איין גאט. און אעשה איז טייטש איך וועל מאכען. נאך האבען זיי געשריבען ויכל ביום הששי. ווארום ויכל ביום השביעי. איז דער טייטש גאט האט אויס גילאזען זיין ארבעט אין דעם זיבעטין טאג. האט דאך גאט גיארבעט אום שבת. דריבער האבען זיי געשריבען ביום הששי. דעם

זעקסטין

(שם כ) זכר ונקבה בראו. (שם יא) הבה ארדה ואבלה שם שפתם. (שם יח) ותצחק שרה בקרוביה לאמר. (שם מט) כי באפם הרגו שור וברצונם עקרו אבוס. (שמות ד) ויקח משה את אשתו ואת בניו וירכיבם על נושא בני אדם. (שם יב) ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים ובשאר ארצות שלשים שנה וארבע מאות שנה. (שם כד) וישלח את זאטוטי בני ישראל (שם) ואל זאטוטי בני ישראל לא שלח ידו. (ע"ג) (במדבר טז) לא חמור אחד

השביעי והוא לא יקבל עליו מדרש חכמים שדרשו בו מה היה העולם חסר מנוחה באה שבת באה מנוחה וזהו גמרו: זכר ונקבה בראו. ולא כתבו בראם דמשמע ב' גופים ברא כל אחד ואחד זכר ונקבה ב' פרצופין לכך כתבו בראו שכך נברא אדם בב' פרצופים: בקרוביה. שלא יאמר על אברהם לא הקפיד דכתיב ביה ויפול אברהם על פניו ויצחק ויאמר בלבו ועל שרה הקפיד לכך כתבו בקרוביה לומר אברהם צחק בלבו והיא אמרה בקרוביה: על נושא בני אדם. דמשמע נמי גמל שלא יאמר וכי לא היה לו למשה רכבה סוס או גמל: הרגו שור. שלא יאמרו רוצחים היו אבותיכם שהרי אביהם העיד עליהם שהרגו איש לכך כתבו שור שלא היו הגונים לפניהם אלא כבהמות ולא הקפיד על הבהמות: ובשאר ארצות. שלא יאמר שקר כתוב בתורה שהרי קהת מיורדי מצרים היה ובשנותיו מונה שנותיו של קהת ושנותיו של עמרם ושמונים של משה הולך אינן מגיעין לד' מאות שנה וכ"ש שהרבה משנות הבנים מובלעין בתוך שנות האבות אלא במנה הכתוב מיום שנגזרה גזרת גלות מצרים בין הבתרים ומשם עד שנולד יצחק שלשים שנה ומשנולד יצחק עד שיצאו ישראל ממצרים ד' מאות שנה לא מהם ס' ליצחק וק"ל שנה שהיו ליעקב כשבא למצרים שאמרו רז"ל וכן היתה גזרה כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ולא נאמר במצרים אלא בארץ לא להם וכשנולד יצחק היה גר אברהם בארץ פלשתים ומשם עד שיצאו ממצרים נמצא יצחק ובניו בהם מזרעו של אברהם גרים ושלשים של קודם לכן לא גמרו מגזירה דהא זרעך כתיב: זאטוטי. לשון חשיבות אבל נערי לשון קטנות ויאמר גרועים שבהם שלחו לקבל פני מלכם: ואל זאטוטי בני ישראל. כאותם ארבעה עשר נערי שהראם חמנה זאטוטי הזכו והכנוס בבמה הראשון ולא כתבו ואל אצילי בני ישראל לא חמד אחד מהם. שלא יאמר

---

וועקסטין טאג האט ער אויס גיזאגט זיין ארבעט. נאך האבען זיי געשריבען זכר ונקבה בראו. דאס האט באשאפען איהם ואדם איזב מיט א נקבה צו זאמען. פאר וואס אפנים פון אזכר איינטען אפנים פון א נקבה. אבער אז עס שטייט בראם. ער האט זיי באשאפען. וועהט אויס אז דאס האט באשאפען צווייא מענטשין. יעדער בזונדער איז געוועז א זכר מיט א נקבה. נאך האבען זייא געשריבען הבה ארדה ואבלה שם שפתם. איך וועל נידערין. איך וועל צו מישען. ווארום נרדה. מיר וועלין נידערין. ונבלה. מיר וועלין צו מישען. וועהט אויס אז עס איז דא מעהר ווי איין גאט. נאך האבען זיי געשריבען ותצחק שרה בקרוביה. שרה האט גילאכט צווישען איהרע גוטע פריינד. ווארום אז עס וואלט שטיין שרה האט גילאכט בקרבה. אין זיך. וואלט דער מלך גיפרעגט אברהם האט דאך אויך גילאכט פר וואס אויף אברהם איז גאט ניט אין בעס גיוועזן. אונ אויף שרה יא. נאר איצט קען מען זאגין ווייל אברהם האט נאר גילאכט אין זיך. דריבער איז גאט אויף איהם ניט אין כעס גיוועזן. אבער שרה האט גילאכט צווישען אנדערע מענטשין דריבער איז גאט אויף איהר אין כעס גיוועזן. נאך האבען זיי געשריבען כי באפם הרגו שור. מיט זייער כעס האבען זיי גיהרגת איין אקס. וברצונם עקרו אבוס. אונ מיט זייער ווילען האבען זיי אויס גערישען א קארעטע. ווארום אז עס וואלט שטיין באפם הרגו איש. מיט זייער כעס האבען זייא גיהרגת א מענטש. וואלט דער מלך גיזאגט אייערע עלטערין זענען גיוועזן מערדער. אז זיי זענען אין כעס גיווארין האבען זיי א מענטשין גיהרגת. נאך האבען זיי געשריבען ויקח משה את אשתו ואת בניו וירכיבם על נושא בני אדם. משה האט גינומען זיין ווייב אונ קינדער אונ האט זיי גמאכט רייטין אויף א בהמה וואס טראגט אויף זיך מענטשין. אפערד אדער א קעמיל. זיי האבען ניט גיוואלט שרייבען על חמור. אויף אאייזיל. ווארום עס איז צו פראסט פאר משה רבינו זיין ווייב אונ קינדער זאלען רייטין אויף אאייזיל. נאך האבען זיי געשריבען ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים ובשאר ארצות שלשים שנה וארבע מאות שנה. די יודען זענען גיזעסין אין מצרים אונ אין אנדערע לענדער ארץ צו זאמען איז גיוועזן פיר הונדערט אונ דרייסיג יאהר. ווארים אין מצרים זענען דיא יודען ניוועזן נאר צווייא הונדערט מיט צעהן יאהר. נאך האבען זיי געשריבען וישלח את זאטוטי בני ישראל. משה האט געשיקט די גרויסע לייט פון די יודען. אונ זיי האבען ניט גיוואלט שרייבען נערי בני ישראל: די יונגע לייט פון יודען. ווארום עס איז ניט שיין צו שיקען יונגע לייט פאר א קרבן אונ פאר גאט גיוועזן ניט. אונ עייל זיי האבען געשריבען אויף נערי. זאטוטי האבען

אחד מהם נשאתי. (דברים ד) אשר חלק ה' אלהיך אותם להאיר לכל העמים תחת כל השמים. (שם יז) וילך ויעבוד אלהים אחרים אשר לא צויתי לעובדם. וכתבו לו במקום (ויקרא יא) הארנבת את צעירת הרגלים ולא כתבו לו את הארנבת מפני שאשתו של תלמי המלך ארנבת שמה כדי שלא יאמר שחקו בי יהודאי וכתבו שם אשתי בתורה: פיסקא. ר' שמעון בן גמליאל אומר וכו' א"ר אבהו אמר רבי יוחנן הלכה כרשב"ג (שמותר לכתוב בלשון יוונית). וא"ר אבהו אמר רבי יוחנן מאי טעמיה דרשב"ג דכתיב (בראשית ט) יפת אלהים ליפת וישכן באהלי שם דבריו של יפת יהיו באהלי שם (א"ה) [ואימא] גומר ומגוג (נמי) אלא א"ר חייא בר אבא (אמר רבי יוחנן) היינו טעמיה דרשב"ג אמר קרא יפת אלהים ליפת מיפיותו של יפת יהיה באהלי שם. (דף י ע"ב) ויהי בימי אחשורוש אמר רבי לוי ואיתימא רבי (יוחנן) [יונתן] דבר זה מסורת בידינו הוא מאבותינו מאנשי כנסת הגדולה שבכל מקום שנאמר ויהי אינו אלא צער (אסתר א)

ויהי

ויאמר חמור לא לקח אלא הסוס אחד לקח: להאיר לכל העמים. שאם לא יכתבו להאיר יאמרו בני נח מותרין לעבוד ע"ז ומדרשו שהחליקן בדברים כדי לטורדן מן העולם: אשר לא צויתי לעובדם. שאם לא כתבו לעובדם משמע אשר לא צויתי שיהיו ויאמר א"כ אלהות הם שהרי על כרחו נבראו: צעירת הרגלים. לפי שידיה קצרים וקטנים מרגליה: מיפיותו של יפת. לשון יון הוא לשון יפה מכל כל בני

האבען זיי אויף אציל׳י אויף געשטעלט זאטוטי. וְאֶל זַאטוּטֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ. נאך האבען זיי געשריבען לא חֶמֶד אֶחָד מֵהֶם נָשָׂאתִי. משה האט גזאגט איך האב ביי דיא יודען ניט גינומען ניט איין גלוסטיגע זאך. זיי האבען ניט גיוואלט שרייבען לא חֲמוֹר. ניט איין אייזיל; ווארום מען וועט זאגען אאייזיל האט ער ניט גינומען אבער אנדערע זאכען האט ער יא גינומען. נאך האבען זיי געשריבען לְהָאִיר לְכָל הָעַמִּים. גאט האט בשאפען דיא זוהן מיט די לְבָנָה זיי זאלין לייכטען צו אלע פעלקער. ווארום אז דער ווארט לְהָאִיר. צום לייכטען; וואלט ניט שטיין. וואלט מען זאגען גאט האט אפ גיטיילט די זוהן מיט די לְבָנָה צו די פעלקער זיי זאלען דינען צו זיי. נאך האבען זיי געשריבען וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבוֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי לְעוֹבְדָם. ער איז גיגאנגען אונ האט געדינט אנדערע געטער וואס איך האב ניט גיבאטען מען זאל זיי דינען. ווארום אז דער ווארט לְעוֹבְדָם. זיי צו דינען. וואלט ניט גישטאנען. וואלט מען גיקענט זאגען מען מיינט אֲשֶׁר לֹא צִוִּיתִי איך האב ניט גיבאטען. זייא זאלען בשאפען ווערין; נאר זיי זענען אליין בשאפען גיווארין. זענען זיי דאך טאקי געטער. נאך האבען זייא געשריבען צְעִירַת הָרַגְלָיִם. דיא חיה וואס האט קליינע פיסלאך. דאס מיינט מען אהאז. אונ זייא האבען ניט געשריבען אַרְנֶבֶת. ווייל דיא ווייב פון תַּלְמַי הַמֶּלֶךְ הייסט אַרְנֶבֶת. וועט דער מֶלֶךְ זאגען די יודען לאכען פון מיר אונ האבען געשריבען אין זייער תורה דעם נאמען פון מיין ווייב;

רַבִּי אֲבָהוּ האט גזאגט פון רַבִּי יוֹחָנָן וועגין פאר וואס האלט רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל אז מען מעג שרייבען אספר תורה מיט די גריכישע שפראכע. ווארום עס שטייט אין פסוק יַפְתְּ אֱלֹהִים לְיֶפֶת וְיִשְׁכֹּן בְּאָהֳלֵי שֵׁם. די רייד פון יֶפֶת זאלען רוהען אין די גיצעלטין פון שֵׁם. אונ יָוָן וואס איז גריכען קומט ארויס פון יֶפֶת. זיין שפראך זאל זיין אין די גיצעלטין פון שֵׁם. אין די שוהלען אונ אין די בָּתֵּי מִדְרָשִׁים פון שֵׁם. ווארום די תורה אונ נביאים אונ כתובים מעגין געשריבען ווערין אויף די גריכישע שפראכע; פרעגט די גְּמָרָא טאמער מיינט מען די שפראך פון גוֹמֶר אדער פון מָגוֹג. זיי זענען דאך אויך קינדער פון יֶפֶת. האט רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא גזאגט דאס איז דער טַעַם פון רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל עס שטייט אין פסוק יַפְתְּ אֱלֹהִים לְיֶפֶת. די שענסטע שפראך פון די קינדער פון יֶפֶת זאל זיין אין די גיצעלטין פון שֵׁם אונ פון אלע קינדער פון יֶפֶת איז די שענסטע שפראך פון יָוָן;

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ. רַבִּי לֵוִי האט גזאגט; אונ אנדערע זאגין רַבִּי יוֹנָתָן האט גזאגט. דאס ווייסען מיר פון אונזערע עלטערן. פון די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה. וואו עס שטייט דער ווארט

ויהי

ויהי בימי אחשורוש הוה המן (רות א) ויהי בימי שפוט השופטים הוה רעב (בראשית ו) ויהי כי החל האדם לרוב על פני אדמה וגו' (ויראו בני האלהים את בנות האדם הוה מבול) [ויירא ה' כי רבה רעת האדם] (שם יא) ויהי בנסעם מקדם וגו' הבה נבנה לנו עיר (שם יד) ויהי בימי אמרפל מלך שנער וגו' עשו מלחמה (יהושע ה) ויהי בהיות יהושע וגו' והנה איש עומד לנגדו וחרבו שלופה בידו (שם ו) ויהי ה' את יהושע וימעלו בני ישראל מעל (ש"א א) ויהי איש אחד מן הרמתים (שם) כי את חנה אהב וה' סגר רחמה (שם ח) ויהי כי זקן שמואל ולא הלכו בניו בדרכיו (שם יח) ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו ויהי שאול עוין את דוד (ש"ב ז) ויהי כי ישב המלך בביתו רק אתה לא תבנה הבית. והכתיב (ויקרא ט) ויהי ביום השמיני ותנא אותו היום שמחה גדולה היתה לפני הקב"ה ביום שנבראו בו שמים וארץ כתיב הכא ויהי ביום השמיני וכתיב התם (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום אחד הא שכיב נדב ואביהוא והכתיב (מ"א ו) ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל והכתיב (בראשית כט) ויהי כאשר ראה יעקב את רחל בת לבן אחי אמו והכתיב (שם א) ויהי ערב ויהי בקר יום אחד והאיכא שני והאיכא שלישי והאיכא ויהי טובא אלא אמר רב אשי ויהי איכא הכי ואיכא הכי כל ויהי בימי ודאי לשון צער הוא והנו ה' ויהי בימי אחשורוש ויהי בימי שפוט השופטים ויהי בימי אמרפל (ישעיה ז) ויהי בימי אחז (ירמיה א) ויהי בימי יהויקים:

אמר

יפה: ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וגו'. וכתיב בתריה ויהי שאול עוין את דוד בשביל הצלחתו:

---

ויהי. איז געוועזן א צער. ויהי בימי אחשורוש, איז געוועזן המן. ויהי בימי שפוט השופטים. איז געוועזן א הונגער. ויהי כי החל האדם לרוב על פני האדמה. ואז די מענטשין האבען זיך אן געהויבען מערין אויף דער וועלט, האט גאט געזעהן אז זייער שלעכץ איז גרויס. איז געווארין א מבול. ויהי בנסעם מקדם. ואז זיי האבען געצויגען פון מזרח זייט. האבען זיי געמאכט א טורעם, הט זיי גאט פאר שפרייט אויף די גאנצע וועלט. ויהי בימי אמרפל, הט מען געמאכט א מלחמה. ויהי בהיות יהושע ביריחו, איז א מענטש געשטאנען געגין איהם מיט זיין שווערד אין האנט. ויהי יי את יהושע. האבען די יודען גענומען פון חרם ווען זיי נהרגה געווארין אין די מלחמה פון עי. ויהי איש אחד מן הרמתים. האט דער מענטש ליב געהאט חנה אונ זיא האט ניט געהאט קיין קינדער. ויהי כי זקן שמואל, זענען זיינע קינדער ניט אזוי גוט געוועזן ווי ער. ויהי דוד לכל דרכיו משכיל ויי עמו. האט שאול פיינט געהאט דוד. ויהי כי ישב המלך בביתו. האט גאט געזאגט צו איהם דוא וועסט ניט באהען דעם בית המקדש. זעהן מיר וואו עם שטייט דער ווארט ויהי איז געוועזן א צער. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ויהי ביום השמיני. אונ מיר האבען געלערנט דער טאג איז געוועזן א גרויסע שמחה פאר גאט, אזוי וויא דער טאג וואס איז איהם אין באשאפען געווארין די הימעל אונ ערד. ווארום דא שטייט ויהי ביום השמיני. אונ דארט שטייט ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד. גלייכט מיר צו איין טאג צום אנדערין. ענטפערט די גמרא דא איז אויך געוועזן א צער. ווארום אין דעם טאג איז געשטארבען נדב אונ אביהוא. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ויהי בשמנים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל. אונ עס איז ניט געוועזן קיין צער. אונ עס שטייט ויהי כאשר ראה יעקב את רחל. אונ עס איז ניט געוועזן קיין צער. אונ עס שטייט ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד. יום שני. יום שלישי. יום רביעי. יום חמישי. יום ששי. אונ עס איז ניט געוועזן קיין צער. האט רב אשי אזוי געזאגט וואו עס שטייט דער ווארט ויהי אליין, איז אמאהל געוועזן א צער אונ אמאהל ניט. אבער וואו עס שטייט ויהי בימי איז געוויס געוועזן א צער: פינף מאהל שטייט ויהי בימי. ויהי בימי אחשורוש. ויהי בימי שפוט השופטים. ויהי בימי אמרפל. ויהי בימי אחז. ויהי בימי יהויקים:

רבי

אמוץ ואמציה. אמוץ אביו של ישעיה ואמציה מלך יהודה: מלמד בכסתה פניה בבית חמיה. לכך לא הכירה עכשיו שאף בביתו לא ראה פניה שיכלא תכירה: פתח פתחא נראה פרשתא מהכא. כשהיה רוצה לדרוש באגדת פורים היה מתחיל לדרוש במקרא זה: וקמתי עליהם. בפורענות בבל כתיב: שם זה הכתב. אין להם כתב אלא מלשונם אחרים: ונין. לשון ממשלה הוא וכן ינון שמו יתפאל ויגדל וכן אמרו בלבם נינם יחד וכן אחריתו

**אמר** רבי לוי (ואיתימא רבי יונתן) דבר זה מסורת הוא בידינו מאבותינו אמוץ ואמציה אחי הוו מאי קמ"ל כי הא דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל כלה שהיא צנועה בבית חמיה זוכה ויוצאין ממנה מלכים ונביאים מנא לן מתמר דכתיב (בראשית לח) ויראה יהודה ויחשבה לזונה כי כסתה פניה משום דכסתה פניה ויחשבה לזונה אלא (אמר רבי אלעזר) משום שכסתה פניה בבית חמיה [ולא הוה ידע לה] לפיכך יצאו ממנה מלכים ונביאים מלכים מדוד ונביאים מאמוץ דאמר רבי לוי מסורת בידינו מאבותינו אמוץ ואמציה אחי הוו. וכתיב (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ אשר חזה (וכל היכא דקרו בנביא שם אביו קיימא לן ראביו היה נביא כמוהו). ר' יונתן פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (שם יד) וקמתי עליהם נאם ה' צבאות והכרתי לבבל שם ושאר ונין ונכד נאם ה' שם זה הכתב ושאר זה הלשון ונין זה מלכות ונכד זה ושתי. ר' שמואל בר נחמני פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (ישעיה נה) תחת הנעצוץ יעלה ברוש ותחת וגו' תחת הנעצוץ זה המן הרשע שעשה עצמו ע"ז דכתיב ובכל

---

רַבִּי לֵוִי הָאט גְזָאגְט דָאס הָאבֶּען אוּנְז אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גְזָאגְט אָמוֹץ אוּנ אֲמַצְיָה זֶענֶען גִיוֶועֶן בְּרִידֶער. צוּ וָואס בַּארְפֶ֑ן מִיר דָאס וִויסֶען. אַזוֹי וִויא רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגְן. אַז אַשְׁנוּר פִּירְט זִיךְ פְרוּם בַּיי אִיר שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב. אִיז זִיא זוֹכֶה פוּן אִיר זָאלֶען גִיבָּארֶען וֶוערְן מְלָכִים אוּנ נְבִיאִים. דָאס וֵויסֶען מִיר פוּן תָּמָר. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יְהוּדָה הָאט אִיר גִיזֶעהֶן (זַיין שְׁנוּר תָּמָר) הָאט עֶר גִימֵיינְט זִיא אִיז אַזוֹנָה. וַוייל אִיר פָּנִים אִיז גִיוֶועֶן בַּדֶעקְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וַוייל אִיר פָּנִים אִיז גִיוֶועֶן בַּדֶעקְט דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִימֵיינְט זִי אִיז אַזוֹנָה. נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען וַוייל אִיר פָּנִים אִיז גִיוֶועֶן בַּדֶעקְט וֶוען זִי אִיז גִיוֶועֶן בַּיי אִיר שְׁוֶוער (יְהוּדָה) אִין שְׁטוּב. דְרִיבֶּער הָט אִיר יְהוּדָה קֵיין מָאהל נִיט גִיזֶעהֶן. הָאט עֶר אִיר אִיצְט נִיט דֶערְקֶענְט. דְרִיבֶּער זֶענֶען פוּן אִיר גִיבָּארֶען גִיוָוארְן מְלָכִים אוּנ נְבִיאִים. מְלָכִים אִיז גִיוֶועֶן דָוִד אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער. אוּנ נְבִיאִים אִיז גִיוֶועֶן אָמוֹץ מִיט זַיין זוּהְן יְשַׁעְיָה. וָוארוּם רַבִּי לֵוִי הָאט גְזָאגְט דָאס הָאבֶּען אוּנְז אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גְזָאגְט אַז אָמוֹץ אוּנ אֲמַצְיָה זֶענֶען גִיוֶועֶן בְּרִידֶער. אוּנ אֲמַצְיָה אִיז גִיוֶועֶן אַמֶלֶךְ פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה. פוּן תָּמָר. אוּנ זַיין בְּרוּדֶער אָמוֹץ אִיז גִיוֶועֶן אַנָבִיא. אוֹיךְ פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה: פוּן תָּמָר. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶּן אָמוֹץ. דִי נְבוּאָה פוּן יְשַׁעְיָהוּ דֶער זוּהְן פוּן אָמוֹץ. אוּנ דֶער נָבִיא וָואס וֶוערְט גִירוּפֶען מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן זַיין פָאטֶער. אִיז דֶער פָאטֶער אוֹיךְ גִיוֶועֶן אַנָבִיא אַזוֹי וִוי דֶער זוּהְן:

רַבִּי יוֹנָתָן אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה פוּן פּוּרִים. הָט עֶר אָן גִיהוֹיבֶּען מִיט דֶעם פָּסוּק גָאט זָאגְט אִיךְ וֶועל אוֹיף שְׁטֵיין אוֹיף זֵיי אוּנ אִיךְ וֶועל פַאר שְׁנֵיידֶען בַּיי בָּבֶל שֵׁם וּשְׁאָר וְנִין וָנֶכֶד. שֵׁם מֵיינְט מֶען דָאס גֶעשְׁרִיפְט: בָּבֶל וֶועט נִיט הָאבֶּען קֵיין אֵייגֶענֶעם גֶעשְׁרִיפְט. נָאר זֵיי וֶועלֶען שְׁרַייבֶּען מִיט דֶעם גֶעשְׁרִיפְט פוּן אַיין אַנְדֶער מְדִינָה. וּשְׁאָר מֵיינְט מֶען דִי שְׁפְּרַאכֶע. בָּבֶל וֶועט נִיט הָאבְּען קֵיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. נָאר זֵיי וֶועלֶען רֵיידֶען מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן אַיין אַנְדֶער מְדִינָה. נִין מֵיינְט מֶען דִי מְלוּכָה. זֵייא וֶועלֶען נִיט הָאבְּען קֵיין מֶלֶךְ פוּן זֵייעֶר מְדִינָה. נָאר אַפְרֶעמְדֶער מֶלֶךְ וֶועט אוֹיף זֵיי גִיוֶועלְטִיגֶען. נֶכֶד מֵיינְט מֶען וַשְׁתִּי. וַשְׁתִּי אִיז גִיוֶועֶן אַמַלְכָּה אַגִיבָּארֶענֶע פוּן בָּבֶל. אִיז זִיא אוֹיךְ גִיהַרְגֶת גִיוָוארְן. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אַז עֶר הָאט גִיוָואלְט דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה פוּן פּוּרִים הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבֶּען מִיט דֶעם פָּסוּק תַּחַת הַנַּעֲצוּץ יַעֲלֶה בְּרוֹשׁ. אַז דֶער נַעֲצוּץ דָאס אִיז הָמָן הָרָשָׁע וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט פַאר אַעֲבוֹדָה זָרָה וְנַעֲצוּץ אִיז טַייטְשׁ עֲבוֹדָה זָרָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּבְכֹל הַנַּעֲצוּצִים

ובכל

(טס ז) ובכל הנעצוצים ובכל הנהלולים יעלה ברוש זה מרדכי הצדיק שנקרא ראש לבשמים שנאמר (שמות ל) ואתה קח לך בשמים ראש מר דרור ומתרגמינן מרי דכיא ותחת הסרפד זו ושתי הרשעה בת בנו של נ"נ הרשע ששרף בית מרפידו של אלהינו דכתיב ביה (ש"ה ג) רפידתו זהב יעלה הדס זו אסתר הצדקת שנקראת הדסה שנאמר (אסתר ב) ויהי אומן את הדסה (היא אסתר בת דודו) וכתיב (זכריה א) והוא עומד בין ההדסים) והיה לה' לשם אלו ימי פורים ל..ות עולם לא יכרת זה מקרא מגילה. רבי יהושע (בר חנינא) [בן לוי] פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (דברים כח) והיה כאשר שש ה' עליכם להיטיב אתכם וגו' כן ישיש להרע אתכם ומי חדי קב"ה במפלתן של רשעים והכתיב (דה"ב כ) בצאת לפני החלוץ ואומרים הודו לה' כי לעולם חסדו. ואמר ר' יוחנן מפני מה לא נאמר כי טוב בהודאה זו לפי שאין הקב"ה שמח במפלתן של רשעים. וא"ר (שמואל בר נחמני א"ר) יונתן [יוחנן] מ"ד (שמות יד) ולא קרב זה אל זה כל הלילה באותה שעה בקשו מלאכי השרת לומר שירה לפני הקב"ה אמר להם מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני. א"ר (יוסי ברבי חנינא) [אלעזר] הוא אינו שש אבל אחרים משיש דיקא נמי דכתיב ישיש ולא כתיב ישוש ש"מ. רבי אבא בר כהנא

יוסיף ממון : בצאת לפני החלוץ. ביהושפט כתיב בדה"י כשיצא להלחם עם העמונים (והגבעונים) כשבאו עליו : (הודו לה') כי טוב. מכמע טוב למי שנקלם לפניו על זאת : אחרים משיש. שכשנתחייבו כליה בימי המן היו אויביהם שמחים

---

ובכל הנהלולים) איז אויס געריסען געווארן. אויף זיין ארט איז אויף געוואקסען אברוש. דאס איז מרדכי. וואס ער ווערט גירופען ראש. דער בעסטער פון אלע בשמים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נעמען בשמים ראש. די בעסטע בשמים. מר דרור. טייטשט דער תרגום מרי דכיא. צו זאגען ליינגט מען מרדכי. אונ אז דער הסרפד דם מיינט מען ושתי וואס זי איז געווען אאייניקול פון נבוכדנצר הרשע וואס ער הט פר ברענט דעם בית המקדש וואס ער ווערט גירופען רפידתו זהב. אז די ושתי איז אויס געריסען געווארן. אויף איר ארט איז אויף געוואקסען אהדס. דאס איז אסתר הצדקת וואס זי ווערט גירופען הדסה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גיהארעוועט דיא הדסה דאס איז אסתר זיין פעטערס טאכטער. אין פסוק שטייט עס וועט זיין צו גאט אנאמען. דאס מיינט מען די טעג פון פורים. דורך דעם נס פון פורים איז גרויס געווארען דער נאמען פון גאט. אאייביגער צייכען עס וועט קיין מאהל ניט פאר שניטען ווערין. דאס מיינט מען אייביג וועט מען לייענען די מגלה. רבי יהושע בן לוי אז ער האט געוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבען מיט דעם פסוק עס וועט זיין אזוי ווי גאט הט זיך גפרייט אויף אייך ער זאל אייך גוטס טאהן. אזוי וועט ער זיך פרייען ער זאל אייך שלעכטס טאהן. איז דאך די קשיא פרייט זיך דען גאט אז די רשעים פאלין. עס שטייט דאך אין פסוק ווען מען איז ארויס גנאנגען פאר די גוואפענטע צו דער מלחמה הט מען גזאגט הודו ליי כי לעולם חסדו. לויבט גאט וואריום זיין חסד איז אויף אייביג. האט רבי יוחנן גיפרעגט פר וואס הט מען ניט גיזאגט הודו ליי כי טוב. לויבט גאט ווארום עס איז גוט צו לויבען איהם אויף דעם וואס אונזערע פיינט די רשעים וועלין פאלין אין די מלחמה. ווארום גאט פרייט זיך ניט אז די רשעים פאלין. ווארום רבי יונתן האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק עס האט ניט גינענט איינער צום אנדערין אגאנצע נאכט. ווארום אין די צייט ווען די מצרים זענען דער טרונקען גיווארין אין ים. האבען דיא מלאכים גוואלט זאגען שירה פאר גאט. האט גאט צו זיי גיזאגט מענטשין וואס איך האב זיי בשאפען טרינקען אין ים אונ איהר ווילט זאגין שירה פאר מיר. דאס מיינט דער פסוק עס האט ניט גינענט איין מלאך צום אנדערין די גאנצע נאכט צו זאגין שירה. הט רבי אלעזר גזאגט גאט אליין פרייט זיך ניט אז די רשעים פאלין. נאר ער מאכט אנדערע מענטשין זאלען זיך פרייען. ווארום עס שטייט אין פסוק ישיש. ער וועט מאכען פרייען. אונ עס שטייט ניט ישוש. ער וועט זיך פרייען.

רבי

פרס: ושמתי כסאי בעילם. שושן הבירה היה בעילם המדינה דכתיב בספר דניאל ואני בשושן הבירה אשר בעילם המדינה: כי עבדים אנחנו ובעבדותנו לא עזבנו אלהינו. פסוק זה בספר עזרא וסיפיה דקרא ויט עלינו חסד לפני מלכי פרס וגו': באנו באש בימי לג. הכשילנו בתוך כבשן האש: אימתי ראו כל אפסי ארץ את ישועת אלהינו בימי מרדכי ואסתר. שהדבר הזה נגלה לכל האומות

כהנא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (קהלת ב) כי לאדם שטוב לפניו נתן חכמה ודעת וגו' כי לאדם שטוב זה מרדכי ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס זה המן לתת לטוב לפני האלהים זה מרדכי [ואסתר] דכתיב ביה (אסתר ח) ותשם אסתר את מרדכי על בית המן. (ר' אבא) [רבה] בר עופרן פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (ירמיה מט) ושמתי כסאי בעילם והאבדתי משם מלך ושרים נאם ה' מלך זו ושתי שרים זו המן ועשרת בניו. רב דימי בר יצחק פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (דף יא) (עזרא ט) כי עבדים אנחנו ובעבדותנו לא עזבנו אלהינו ויט עלינו חסד לפני מלכי פרס אימתי ויט עלינו חסד בימי מרדכי. ר' חנינא בר פפא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהלים סו) הרכבת אנוש לראשנו באנו באש ובמים ותוציאנו לרויה באנו באש בימי נבוכדנצר הרשע ובמים בימי פרעה ותוציאנו לרויה בימי המן. ר' יוחנן פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהלים צח) זכר חסדו ואמונתו לבית ישראל ראו כל אפסי ארץ את ישועת אלהינו אימתי ראו כל אפסי וגו' זה בימי מרדכי ואסתר. ריש לקיש פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (משלי כח) ארי נוהם ודוב שוקק מושל רשע על עם דל ארי נוהם זה נבוכדנצר הרשע דכתיב ביה (ירמיה ד) עלה [אריה] מסבכו ודוב שוקק זה אחשורוש

דכתיב

---

רבי אבא בר כהנא אז ער הט געוואלט דרשנן די מגלה פון פורים האט ער אן גיהויבן מיט דעם פסוק צו דעם מענטשן וואס ער איז גוט פאר גאט. האט איהם גאט גיגעבן חכמה אונ חיסענשאפט. דאס מיינט מען מרדכי. אונ צו דעם זינדיגען הט גאט גיגעבן אין זינען ער זאל איין זאמלען פיל גוטס. דאס מיינט מען המן. דער פאר מעגין פון דעם זינדיגער זאל אוועק גיגעבן ווערין צו דעם מענטשן וואס ער איז גוט פאר גאט. דאס מיינט מען מרדכי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אסתר האט גיטאהן מרדכין אויף די שטוב פון המן. דאס גאנצע פר מעגין פון המן האט אסתר אוועק גיגעבין צו מרדכי. רבה בר עופרן אז ער האט גיוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבין מיט דעם פסוק. גאט האט גיזאגט איך וועל שטעלן מיין שטוהל אין עילם אונ איך וועל מאכען פארלירען פון דארט דעם מלך אונ די הארין. דעם מלך מיינט מען ושתי. די הארין מיינט מען המן מיט זיינע צעהן קינדער. רב דימי בר יצחק אז ער האט גיוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבין מיט דעם פסוק. מיר זענען קנעכט אונ ביי אונזערע ארבעט האבען מיר גאט ניט פר לאזען. דריבער האט אונז גאט גיגעבין חסד פר די קיניגען פון פרס. דאס מיינט מען אין די צייט פון מרדכי. רבי חנינא בר פפא אז ער הט גיוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבין מיט דעם פסוק. אז גאט הט גימאכט רייטען (גיוועלטיגען) אמענטשין אויף אונזער קאפ זענען מיר גיקומען אין פייער אונ אין וואסער. אונ דוא האסט אונז אויס גיצויגען צו זעט. מיר זענען גיקומען אין פייער אין די צייט פון נבוכדנצר הרשע. וואס ער האט גוזר גיוועזן ווער עס וועט זיך ניט בוקין צום צלם וועט ער אריין ווארפען אין פייער. אונ חנניה מישאל ועזריה זענען טאקי אריין גיווארפען גיווארען אין פייער. אין וואסער זענען מיר גיוועזן אין די צייט פון פרעה. אונ דו האסט אונז אויס גיצויגען צו זעט אין די צייט פון המן. רבי יוחנן אז ער הט גיוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבען מיט דעם פסוק אלע עקין פון די וועלט האבען גיזעהן די הילף פון גאט. ווען הט דיא גאנצע וועלט גיזעהן די הילף פון גאט. אין די צייט פון מרדכי מיט אסתר. ריש לקיש אז ער הט גיוואלט דרשנן די מגלה פון פורים הט ער אן גיהויבען מיט דעם פסוק. אלייב ברומט. אונ אבער ברומט. אונ ארשע גיוועלטיגט אויף אארעם פאלק. אלייב ברומט דאס מיינט מען נבוכדנצר הרשע. אויף איהם זאגט דער

פסוק

דכתיב ביה במלכות פרס (דניאל ז) וארו חיוה אחרי תנינה דמיה לדוב ותני רב יוסף אלו פרסיים שאוכלין ושותין כדוב ומסורבלין בשר כדוב ומגדלין שער כדוב ואין להם מנוחה כדוב מושל רשע זה המן על עם דל אלו ישראל שהם דלים מן המצות. ר' (אלעזר) [אליעזר] פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (קהלת י) בעצלתים ימך המקרה בשביל עצלות שהיה בהם בישראל שלא עסקו בתורה (בימי המן) נעשה שונאו של מקום מך ואין מך אלא עני שנאמר (ויקרא כז) ואם מך הוא מערכך ואין מקרה אלא הקב"ה שנא' (תהלים קד) המקרה במים עליותיו. רב נחמן בר יצחק פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהלים קכד) שיר המעלות לדוד לולי ה' שהיה לנו וגו' בקום עלינו אדם ולא מלך. רבא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (משלי ג) ברבות צדיקים ישמח העם ובמשול רשע יאנח עם ברבות צדיקים זה מרדכי ואסתר ישמח העם כדכתיב (אסתר ח) (ומרדכי יצא מלפני המלך וכתיב ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר) [והעיר שושן צהלה ושמחה] ובמשול רשע יאנח עם זה המן וכן הוא אומר (שם ג) והמלך והמן ישבו לשתות והעיר שושן נבוכה. רב מתנה אמר מהכא (דברים ד) כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו כה' אלהינו בכל קראנו אליו. רב אשי אמר מהכא (שם) או הנסה אלהים לבוא וגו':

שמלכו והגרוה לכל העולם: ומסורבלין: מלובשי בבשר: נעשה שונאו של הקב"ה מך. כמו שלא יוכל להושיע: אדם ולא מלך. זה המן: רב מתנה אמר מהכא. פתח לה פתחא מהכא כו':

ויהי

---

פָּסוּק דֶער בֵּייבּ איז אויף גִינַאנגֶען פוּן זַיין בּיידִיל. אַבֶּער בְּרוּמְט דָאס מֵיינְט מֶען אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ. אויף אִיהם זָאגְט דֶער פָּסוּק בַּיי דִי מְלוּכָה פוּן פָּרַס. נָאךְ דִי חַיָּה אִיז גִיקוּמֶען אַיין אַנדֶערֶע חַיָּה וָואס זִיא אִיז גְלַייךְ צוּ אַבֶּער. הָט רַב יוֹסֵף גִילֶערוּנְט דָאס מֵיינְט מֶען דִי פַּרְסִיִּים. זַיי עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אַזוֹי וִוי אַבֶּער. אוּנ זַיי זֶענֶען פֶעט מִיט פְלֵיישׁ אַזוֹי וִוי אַבֶּער. אוּנ זַייא זֶענֶען בֶּעוָואקסֶען מִיט הָאר אַזוֹי וִויא אַבֶּער אוּנ זַיי הָאבֶּען נִיט קַיין רוּה אַזוֹי וִויא אַבֶּער. אוּנ דֶער גִיוָועלְטִיגֶער אִיז אַרָשָׁע. דָאס אִיז הָמָן. אויף אַאָרֶעם פָאלְק. דָאס מֵיינְט מֶען דִי יוּדֶען וָואס זַיי זֶענֶען אָרֶעם פוּן מִצְוֹת. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אַז עֶר הָט גִיוָואלְט דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה פוּן פּוּרִים הָט עֶר אָן גִיהוֹיבֶּען מִיט דֶעם פָּסוּק. בַּעֲצַלְתַּיִם יִמַּךְ הַמְּקָרֶה. וַוייל דִי יוּדֶען זֶענֶען פוֹיל גִיוֶוען אוּנ הָאבֶּען נִיט גִילֶערְנְט תּוֹרָה. דְרִיבֶּער אִיז גָאט גִיוָוארֶען אַזוֹי וִוי אָרֶעם. גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט נִיט גִקֶענְט הֶעלְפִין. עֲצַלְתַּיִם אִיז טַייטְשׁ פוֹיל. מָךְ אִיז טַייטְשׁ אָרֶעם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכְּךָ. אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין אָרֶעם צוּ בֶּצָאהלִין זַיין שַׁאצוּנג. מְקָרֶה מֵיינְט מֶען גָאט: אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו. גָאט הָט בַּדֶעקְט אִין וַואסֶער זַיינֶע בּוֹידִימְס. וְדִי הִיכְלֶען. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אַז עֶר הָט גִיוָואלְט דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה פוּן פּוּרִים הָט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין מִיט דֶעם פָּסוּק. וֶוען נִיט גָאט וָואלְט גִיוֶוען מִיט אוּנז וֶוען אויף אוּנְז אִיז אויף גִישְׁטַאנֶען אַמֶענְטְשׁ. אַמֶענְטְשׁ נִיט קַיין מֶלֶךְ. דָאס אִיז הָמָן. וָואלְט מֶען אוּנז לֶעבֶּעדִיג אַיין גִישְׁלוּנגֶען. רָבָא אַז עֶר הָט גִיוָואלְט דַרְשְׁנֶן דִיא מְגִלָּה פוּן פּוּרִים. הָט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין מִיט דֶעם פָּסוּק. אַז דִי צַדִּיקִים וֶוערִין גִימֶערְט אוּנ גִיגְרֵייסְט. דָאס מֵיינְט מֶען אַז מָרְדְּכַי אוּנ אֶסְתֵּר זֶענֶען גְרוֹיס גִיוָוארֶען זֶענֶען דִי יוּדֶען דֶער פְרֵייט גִיוָוארֶען. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מָרְדְּכַי אִיז אַרוֹיס גִיגַאנגֶען פוּן דֶעם מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אָן גִיטָאהן אַקֶענִיגְלִיכֶע קְלֵייד מִיט אַקְרוֹין אויף זַיין קָאפּ. אוּנ דִי שְׁטָאט שׁוּשָׁן הָט זִיךְ גִיפְרֵייט. אוּנ אַז אַרָשָׁע גִיוֶועלְטִיגְט זִיפְצְט דָס פָאלְק. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ אוּנ הָמָן הָאבֶּען זִיךְ גִיזֶעצְט טְרִינְקֶען אוּנ דִיא שְׁטָאט שׁוּשָׁן אִיז גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג. רַב מַתָּנָה הָט אָן גִיהוֹיבֶּען דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה מִיט דֶעם פָּסוּק ווּא אִיז נָאךְ דָא אַגְרֵייסֶע פָאלְק וָואס גָאט זָאל זַיין נָאהֶנְט צוּ אִיהם. אַזוֹי וִוי אוּנזֶער גָאט אִיז נָאהֶנְט צוּ אוּנז וֶוען מִיר רוּפֶען אִיהם. רַב אַשִׁי הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען דַרְשְׁנֶן דִי מְגִלָּה מִיט דֶעם פָּסוּק אוֹ הֲנִסָּה אֱלֹהִים לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי. הָאט דֶען אַמָאהל אַגָאט גִיפְּרוּבְט קוּמֶען אַרוֹיס נֶעמֶען אַפָאלְק פוּן אַפָאלְק:

ויהי

מה שכתוב בתורה ואין קונה : גזר המן שלא יפא אדם רצאי לקנות מהם לעבד : ושמואל. פתח פיתחא מהכא לא מאסתים וגו' : ואם לא תורישו גו'. אף אלו נעשו על שחמל שאול על עמלק ואלו לא נעשה להם נס כמעט כלו : תהיו על ראש. כלומר דומה לו : בן גילו בן מזלו

יג ויהי בימי אחשורוש. אמר רב וי והי נתקיים פח שכתוב בתורה (דברים כח) והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות ואין קונה. ושמואל אמר (ויקרא כו) לא מאסתים ולא געלתים לכלותם לא מאסתים בימי יוונים ולא געלתים בימי אספסינוס קיסר לכלותם בימי המן. להפר בריתי אתם בימי ארמיים. כי אני ה' אלהיהם לימות גוג ומגוג. במתניתא תנא לא מאסתים בימי כשדים שהעמדתי להם דניאל חנניה מישאל ועזריה ולא געלתים בימי המן שהעמדתי להם מרדכי ואסתר לכלותם בימי יוונים שהעמדתי להם שמעון הצדיק ומתתיה בן יוחנן כהן גדול וחשמונאי ובניו. להפר בריתי אתם בימי ארמיים שהעמדתי להם של בית רבי וחכמי דורות. כי אני ה' אלהיהם לעתיד לבא דאין כל אומה ולשון שולטת בהם. ר' לוי (פתח לה פתחא להאי פ־שתא) [אמר] מהכא (במדבר לג) ואם לא תורישו את יושבי הארץ. רבי חייא (בר אבא אמר רבי יוחנן) [אמר] מהכא (שם) והיה כאשר דמיתי לעשות להם אעשה לכם. ויהי בימי אחשורוש א"ר (לוי) אחיו של ראש ובן גילו של ראש אחיו של נבוכדנאצר שנקרא ראש שנאמר (דניאל ב) אנת הוא רישא די דהבא ובן גילו של ראש נבוכדנאצר הרג והוא בקש להרוג. נ"נ החריב

והוא

יג וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ : רַב הָט גֶזָאגְט וַי וַי עֶס אִיז מְקוּיָם גֶיוָוארִין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אִיהר וֶועט וֶועלִין דָארְט פַאר קוֹיפְט וֶוערִין צוּ אֵייעֶרֶע פֵיינְט צוּ קְנֶעכְט אוּנ צוּ דִינְסְטְמֶען אוּנ קֵיינֶער וֶועט אֵייךְ נִיט קוֹיפֶען . וָוארוּם הָמָן הָאט גֶיגֶעבֶּען אַגְזֵרָה אַז אַעַכּוּ"ם זָאל נִיט קוֹיפֶען אַיוּדֶען פַאר אַקְנֶעכְט . שְׁמוּאֵל זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלּוֹתָם . אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַאר מִיאוּסְט אִין דֶער צֵייט פוּן דִי יְוָנִים : אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַאר מִיאוּסְט אִין דֶער צֵייט פוּן אַסְפַּסְיָנוּס קֵיסָר . אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַר לֶענְדְט אִין דִי צֵייט פוּן הָמָן . אוּנ אִיךְ הָאבּ נִיט גֶישְׁטֶערְט מַיין בּוּנְד וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט זַייא אִין דִי צֵייט פוּן דִי אֲרַמִּיִּים ; וָוארוּם אִיךְ בִּין זֵייעֶר גָאט צוּ דֶער צֵייט וֶוען גוֹג אוּנ מָגוֹג וֶועט קוּמֶען . אִין דֶער בְּרַיְיתָא הָאבֶּען מִיר אַזוֹי גֶילֶערְנְט . אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַאר מִיאוּסְט אִין דִיא צֵייט פוּן דִי כַּשְׂדִּים . אִיךְ הָאבּ זַייא אוֹיף גֶישְׁטֶעלְט דָנִיאֵל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה . אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַאר מִיאוּסְט אִין דִי צֵייט פוּן הָמָן . אִיךְ הָאבּ זַייא אוֹיף גֶישְׁטֶעלְט מָרְדְּכַי אוּנ אֶסְתֵּר . אוּנ אִיךְ הָאבּ זֵיי נִיט פַאר לֶענְדְט אִין דִי צֵייט פוּן דִיא יְוָנִים . אִיךְ הָאבּ זַייא אוֹיף גֶישְׁטֶעלְט שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אוּנ מַתִּתְיָה בֶּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי מִיט זַיינֶע קִינְדֶער . אוּנ אִיךְ הָאבּ נִיט גֶישְׁטֶערְט מַיין בּוּנְד וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט זֵיי אִין דִי צֵייט פוּן דִי אֲרַמִּיִּים . אִיךְ הָאבּ זַייא אוֹיף גֶישְׁטֶעלְט רַבִּי מִיט דִי אַלֶע חֲכָמִים וָואס זֶענֶען גֶיוֶועזֶען אִין דֶעם דוֹר . וָוארוּם אִיךְ בִּין זֵייעֶר גָאט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען . וֶועט קֵיין פָאלְק נִיט גֶיוָועלְטִיגֶען אוֹיף דִי יוּדֶען . רַבִּי לֵוִי הָאט אָן גֶיהוֹיבֶּען דִי מְגִלָּה פוּן דֶעם פָּסוּק . אוֹיבּ אִיר וֶועט נִיט פַאר טְרַייבֶּען דִיא זִיצֶער פוּן דֶעם לַאנְד . וֶועלֶען זֵיי זַיין אַשְׁטְרוּיכְלוּנְג צוּ אֵייךְ . וֶוען שָׁאוּל וָואלְט גֶיהַרְגֶעט אַלֶע עֲמָלֵקִים אַזוֹי וִוי גָאט הָאט גֶיהֵייסֶען וָואלְט נִיט גֶיוֶועןֶ קֵיין הָמָן ; אוּנ אַז שָׁאוּל הָאט אָבֶּער נִיט גֶיהַרְגֶעט דִיא עֲמָלֵקִים אִיז גֶיבָּארֶען גֶיוָוארִין הָמָן וָואס עֶס הָאט וֵוייניג גֶיפֶעלְט וָואלְטִין אַלֶע יוּדֶען גֶיהַרְגֶעט גֶיוָוארִין . רַבִּי חִיָּיא הָט אָן גֶיהוֹיבֶּען דִי מְגִלָּה פוּן דֶעם פָּסוּק אַזוֹ וִוי אִיךְ הָאבּ גֶיטְרַאכְט טָאהן צוּ זֵיי וֶועל אִיךְ טָאהן צוּ אֵייךְ :

וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ . רַבִּי לֵוִי זָאגְט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מַאכְט אָחִיו שֶׁל רֹאשׁ . דֶער בְּרוּדֶער פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט רֹאשׁ . דֶער בְּרוּדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר וָואס עֶר הֵייסְט רֹאשׁ , אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא בִּיסְט דִיא גָאלְדֶענֶע קָאפּ . אוּנ דֶער וָואס הָאט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען מַזָל פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט רֹאשׁ . אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מִיט נְבוּכַדְנֶצַר זֶענֶען בֵּיידֶע גֶיבָּארֶען אִין אֵיין מַזָל . נְבוּכַדְנֶצַר הָט

ויהריה

שניהם אל אחד הם : בקש להחריב. ישוב שיסד זרובבל בבה"מ בימי כורש לפני אחשורוש כמו שאמור בספר עזרא : כתבו שטנה. כודמל"ש בלע"ז שטנה לשטן להם שלא יבנוהו : אח. אוי : אברם הוא אברהם. פסוק הוא בדברי הימים : שמלך מעצמו. ולא היה מזרע המלוכה : כי הוא

והוא בקש להחריב וכן הוא אומר (עזרא ד) ובמלכות אחשורוש בתחלת מלכותו כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים ושמואל אמר שהושחרו פניהם של ישראל בימיו כשולי קדרה רבי (חנינא) [יוחנן] אמר שכל הזוכרו אומר אח לראשו רבי (יוחנן) [חנינא] אמר שהכל נעשין בימיו רשים שנא' (אסתר י) וישם המלך אחשורוש מס על הארץ. הוא אחשורוש הוא ברשעו מתחלתו ועד סופו (בראשית לו) הוא עשו אבי אדום הוא ברשעו מתחלתו ועד סופו (ד"ה ב כח) הוא המלך אחז הוא ברשעו מתחלתו ועד סופו וכן (במדבר כו) הוא דתן ואבירם וכן לענין צדיקים (ד"ה א א) אברם הוא אברהם הוא בצדקתו מתחלתו ועד סופו (שמות ו) הוא משה ואהרן הן בצדקתן מתחלתן ועד סופן. (שמואל א יז) ודוד הוא הקטן הוא (בצדקתו) [בקטנותו] מתחלתו ועד סופו וכשם שבקטנותו הקטין את עצמו אצל מי שגדול ממנו (בחכמה כדי ללמוד ממנו תורה) [בתורה] כך במלכותו הקטין את עצמו אצל מי שגדול ממנו בחכמה (כדי ללמוד ממנו תורה). המולך אמר (רבא) [רב] שמלך מעצמו אמרי לה לשבח ואמרי לה לגנאי. לשבח דלא הוה איניש דחשיב למלכא כוותיה. לגנאי דלא חוי למלכותא ויהב ממונא יתירא וקם. מהודו ועד כוש רב ושמואל חד אמר

הודו

---

גיהרגה די יודען און אחשורוש האט געוואלט הרגנען די יודען. נבוכדנצר האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש. און אחשורוש האט געוואלט חרוב מאכען דעם פונדאמענט וואס מען האט געמאכט צום בית המקדש. און אזוי שטייט אין פסוק אין דיא קעניגרייך פון אחשורוש אין זיין אנהייב קעניגען האט מען געשריבען פיינדשאפט אויף די זיצער פון ירושלים און יהודה. מען זאל זיי ניט לאזען בויען דעם בית המקדש. און שמואל זאגט מען האט איהם גירופען אחשורוש ווייל אין זיין צייט איז שווארץ געווארין דער פנים פון די יודען אזוי וויא דער דעק פון א טאפ. רבי יוחנן זאגט מען האט איהם גירופען אחשורוש ווייל ווער עס האט איהם דער מאנט האט גיזאגט אח לראשו. וויי צו זיין קאפ. רבי חנינא זאגט מען האט איהם גירופען אחשורוש ווייל אלע זענען געווארין ארעם אין זיין צייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך אחשורוש האט גוזר געווען אויף דיא לאנד און אויף דיא אינזלען מען זאל איהם געבין פאדאטקעם. הוא אחשורוש. אחשורוש איז געווען אין זיין שלעכטיגקייט פון אנהייב ביז צום סוף. הוא עשו אבי אדום. עשו איז געווען אין זיין שלעכטיגקייט פון אנהייב ביז צום סוף. הוא המלך אחז. אחז איז געווען אין זיין שלעכטיגקייט פון אנהייב ביז צום סוף. הוא דתן ואבירם. זייא זענען געווען אין זייער שלעכטיגקייט פון אנהייב ביז צום סוף. ביי צדיקים ווערט אויך אזוי גידרשת. אברם הוא אברהם. ער איז געווען אין זיין פרומקייט פון אנהייב ביז צום סוף. הוא משה ואהרן. זייא זענען געווען אין זייער פרומקייט פון אנהייב ביז צום סוף. ודוד הוא הקטן. ער איז געווען אין זיין קליינקייט ביז צום סוף. אזוי וויא אין זיין יוגענד איידער ער איז געווארין א מלך איז ער ביי זיך קליין געווען געגין דעם וואס איז געווען גרעסער פון איהם אין חכמה ער זאל לערנען פון איהם תורה. אזוי אז ער איז געווארין א מלך איז ער ביי זיך קליין געווען געגין דעם וואס איז געווען גרעסער פון איהם אין חכמה ער זאל לערנען פון איהם תורה. המולך: רבא זאגט אחשורוש איז געווארין א מלך פון זיך אליין. אנדערע זאגען דאס איז א לויב פאר אחשורוש. עס איז ניט געווען קיינער ווער עס זאל ווערט זיין צו זיין א מלך אזוי וויא אחשורוש. און אנדערע זאגען דאס איז א שאנד פאר אחשורוש. ער איז ניט ווערט געווען צו זיין א מלך נאר ער האט געגעבען פיל געלט איז ער געווארין א מלך. ער האט געקיניגט פון הודו ביז כוש. קריגען רב און שמואל איינער זאגט הודו איז געווען אין אנהייב וועלט. און כוש איז געווען אין סוף וועלט. און איינער זאגט הודו מיט כוש זענען

גישטאנען

**פירוש**

דהוי בשלמא כתיב : כשם שמלך על תפסח ועל עזה וכו'. וה"ק קרא בכל עבר הנהר כמו מתפסח ועד עזה : מלכו בכפה. תחת כל כפת הרקיע : הא דאמרן . מהודו ועד כוש : לא סליק מלכותיה . לא נשלים מלכותו בסרדו אשמדאי כדאמריק במס'

הודו בתחלת העולם וכוש בסוף העולם וחד אמר הודו וכוש גבי הדדי קיימי כשם שמלך על הודו וכוש כך מלך בכל העולם כולו כיוצא בדבר אתה אומר (מלכים א ה) כי הוא רודה בכל עבר הנהר מתפסח ועד עזה רב ושמואל חד אמר תפסח בסוף העולם ועזה בסוף העולם וחד אמר תפסח ועזה בהדדי קיימי אלא כשם שמלך על תפסח ועזה כך מלך בכל העולם כולו . שבע ועשרים ומאה מדינה אמר רב חסדא בתחלה מלך על שבע ולבסוף מלך על עשרים ולבסוף מלך על מאה . אלא מעתה דכתיב (שמות ו) ושני חיי עמרם שבע ושלשים ומאת שנה מאי דרשת ביה שאני הכא דקרא יתירה הוא מכדי כתיב מהודו ועד כוש שבע ועשרים ומאה ל"ל ש"מ לדרשה . תנו רבנן שלשה מלכים הם שמלכו בכפה אחאב בן עמרי נבוכדנאצר ואחשורוש אחאב בן עמרי דקאמר ליה עובדיהו לאליהו (מלכים א יח) חי ה' אלהיך אם יש גוי וממלכה אשר לא שלח אדוני שם לבקשך ואמרו אין והשביע את הממלכה ואת הגוי וגו ואי לאו דהוה מליך עלייהו היכי מצי לאשבועינהו ונבוכדנאצר דכתיב ביה (ירמיה כז) והיה הגוי והממלכה אשר לא יעבדו אותו את נבוכדנאצר מלך בבל . אחשורוש הא דאמרן (שם ע"ב) . ותו ליכא והא איכא שלמה. שלמה לא סליק מלכותיה .

הא

---

געשטאנען איינער נעבן אנדערן . אזוי ווי ער האט געקיניגט אויף הודו מיט כוש אזוי האט ער געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . נאך א פסוק זאגט אויך אזוי . ביי שלמה המלך שטייט ער האט געוועלטיגט פון תפסח ביז עזה . קריגט רב אונ שמואל . איינער זאגט תפסח איז געוועזען אין איין עק וועלט . אונ עזה איז געוועזען אין אנדערן עק וועלט אונ איינער זאגט תפסח מיט עזה זענען געשטאנען איינער נעבן אנדערן . אזוי וויא ער האט געקיניגט אויף תפסח אונ עזה אזוי האט ער געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . שבע ועשרים ומאה מדינה . רב חסדא זאגט אין אנהייב האט ער געקיניגט נאר אויף זיבען מדינות . דער נאך אויף צוואנציג . דער נאך אויף הונדערט . פרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק די יאהרען וואס עמרם האט געלעבט איז געוועזען זיבען אונ דרייסיג אונ הונדערט יאהר . וואס וועסטו דרשנען אויף דעם פסוק . ענפערט די גמרא דא ביי אחשורוש איז אאיבעריגער פסוק . עס שטייט דאך אז ער האט געקיניגט פון הודו ביז כוש . צוא וואס שטייט נאך זיבען אונ צוואנציג אונ הונדערט מדינות . געוויס מען זאל דרשנען . אז פריער הט ער געקיניגט אויף זיבען מדינות . דער נאך אויף צוואנציג מדינות . דער נאך אויף הונדערט מדינות :

תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט דריי מלכים האבען געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . אחאב בן עמרי . נבוכדנצר . אחשורוש . פון וואנען ווייסען מיר אז אחאב האט געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . ווארום עובדיה האט געזאגט צו אליהו הנביא אזוי ווי גאט לעבט אויב עס איז דא א פאלק אונ א קעניגרייך וואס מיין הער אחאב האט ניט געשיקט דארט זוכען דיך . אונ מען האט געזאגט דוא ביסט ניטא . אונ ער האט בשווארין די קעניגרייך אונ דעם פאלק זיי זאלען זאגען דעם אמת . אונ מען האט געזאגט דוא ביסט ניטא : ווען אחאב וואלט ניט געקיניגט אויף אלע פעלקער אונ אויף אלע קעניגען ווי אזוי וואלט ער זיי געקענט בשווערין , אונ פון וואנען ווייסען מיר אז נבוכדנצר האט געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא פאלק אונ דיא קעניגרייך וואס וועלען ניט דינען נבוכדנצר דעם מלך פון בבל וועלען זיי געשטראפט ווערין פון גאט . אחשורוש . האבען מיר שוין פריער געזאגט אז ער האט געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . פרעגט די גמרא שלמה האט דאך אויך געקיניגט אויף די גאנצע וועלט . ענפערט דיא גמרא שלמה האט ניט אויס געפירט דיא מלוכה ביז צום שטארבען . ווארום אשמדאי דער מלך פון די שדים האט איהם פאר ווארפען פון מלוכה.

פרעגט

הא ניחא למ"ד מלך והדיוט אלא למ"ד מלך והדיוט ומלך מאי איכא למימר שאני שלמה דמילתא אחריתי הוה ביה שמלך על העליונים ועל התחתונים שנאמר (ד"ה א כט) וישב שלמה על כסא ה' וגו'. והאיכא סנחריב דכתיב (מלכים ב יח) מי בכל אלהי הארצות אשר הצילו את ארצם מידי הא הויא ירושלים דלא כביש ליה. והא איכא דריוש דכתיב (דניאל ו) דריוש מלכא כתב (שלח) לכל עממיא נ' שלמכון ישגא הויא שבע דלא מלך עלייהו דכתיב (שם) שפר קדם דריוש והקים על מלכותא לאחשדרפניא מאה ועשרין. והא איכא כורש דכתיב ביה (ד"ה ב לו) כה אמר כורש מלך פרס כל ממלכות הארץ נתן לי ה' וגו' התם אשתבוחי הוא דקא משתבח בנפשיה:

(אסתר א) **יד בימים** ההם כשבת המלך וכתיב בתריה בשנת שלוש למלכו אמר רבא מאי כשבת לאחר שנתישבה דעתו אמר בלשאצר מנה ומער אנא

גיסין כס' מי סלחתו: על העליונים. על (התחתונים) [הספרים]:
כשבת המלך. משמע כשהלך מלחמתו והדר כסא
בשנת שלש למלכו: שנתיישבה דעתו.
שמתחלה היה דואג שלא יגאלו ישראל שהתחיל מחתם ירו כשלמו
ע' שנה לגלות בבל ועכשיו נתיישבה דעתו: מלו

---

פרעגט די גמרא דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט אז שלמה איז געוועזן אמלך. דער נאך ווי אשמדאי האט איהם פאר וואָרפען ביז צום שטארבען איז ער געוועזן אפראסטער מענטש. אבער נאך דעם וואס זאגט אז שלמה איז געוועזן אמלך און אפראסטער מענטש און איז צוריק געווארין אמלך ביז צום שטארבען. איז דאך אקשיא פאר וואס רעכענט מען ניט שלמה דער פערטער מלך וואס האט געקעניגט אויף די גאנצע וועלט. ענטפערט די גמרא שלמה קען מען ניט רעכענען מיט יענע דריי מלכים צו זאמען. ווארום דיא מעלה פון שלמה איז געוועזן גאנץ אנדערש. ווארום ער איז געוועזן אמלך אויף דער ערד און אויף די שרים וואס אין הימעל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שלמה איז געזעסען אויף די שטול פון גאט. פרעגט די גמרא סנחריב האט דאך אויך געקעניגט אויף דיא גאנצע וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע געטער פון אלע לענדער האבען ניט געקענט רעטין זייערע לענדער פון מיין האנט. ענטפערט די גמרא ער האט דאך ניט איין גינומען ירושלים. פרעגט דיא גמרא דריוש האט דאך אויך געקעניגט אויף די גאנצע וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער קעניג דריוש האט געשריבען צו אלע פעלקער אייער פריד זאל גיגרייסט ווערין. ענטפערט די גמרא עס איז געוועזן זיבען מדינות וואס ער האט אויף זיי ניט געקעניגט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז געפעלין דעם מלך דריוש און ער האט אויף גישטעלט אויף זיין קעניגרייך הונדערט און צוואנציג ערצטע אויף די הונדערט און צוואנציג מדינות. פרעגט די גמרא כורש האט דאך אויך געקעניגט אויף די גאנצע וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גזאגט כורש דער מלך פון פרס אלע קעניגרייכען פון דער וועלט האט גאט מיר גיגעבען. ענטפערט דיא גמרא כורש האט זיך נאר אזוי בארימט. אבער עס איז ניט געוועזן אמת. ער האט ניט געקעניגט אויף דיא גאנצע וועלט:

**יד** בימים ההם כשבת המלך. אין דיא טעג אזוי וויא דער מלך אחשורוש האט זיך גיזעצט אויף זיין קעניגליכען שטוהל. דאס מיינט מען אין זיין אנהייב קעניגרייך. דער נאך שטייט אין דעם דריטען יאהר פון זיין קעניגרייך. ווייכען מיר דאך ניט ווען ער האט גימאכט דיא סעודה. האט רבא גזאגט דיא סעודה האט ער טאקי גימאכט דעם דריטען יאהר פון זיין קעניגרייך. נאר כשבת איז ניט דער טייטש וויא ער האט זיך גיזעצט. נאר מען מיינט וויא זיין הארץ איז רוהיג גיווארין. ווארום פריער האט ער גיזארגט אז די יודען וועלין אויס גילייזט ווערין פון זיין לאנד אז די זיבעציג יאהר פון גלות בבל וועט זיך אויס לאזין. דעם דריטען יאהר פון זיין קעניגרייך האט ער ברעכענט אז די זיבעציג יאהר האבען זיך שוין אויס גילאזען און דיא יודען זענען ניט אויס גילייזט גיווארין. איז ער רוהיג גיווארין און האט גזאגט דיא יודען וועלין שוין

אנא מנינא ולא טעינא מאי היא דכתיב (ירמיה כט) כה אמר ה' כי לפי מלאת לבבל שבעים שנה אפקוד אתכם גו' (דניאל ט) למלאות לחרבות ירושלים שבעים שנה חשיב מ"ה שנין דנבוכדנאצר וכ"ג דאויל מרודך ותרתי דידיה הוו שבעים אפיק מאני דבי מקדשא ואשתמש בהון ומנא לן דנ"נ מ"ה מלך דאמר מר גלו בשבעה גלו בשמונה גלו בי"ח גלו בי"ט (וכי ד' גליות גלו והא ב' גליות גלו אלא) גלו בשבעה לכבוש יהויקים גלות יהויכין שהיא שנת ח' לנ"נ גלו בי"ח לכבוש יהויקים גלות צדקיהו שהיא שנת י"ט למלכות נ"נ דאמר מר שנה ראשונה כיבש נינוה שנה שניה כיבש יהויקים מלך יהודה וכתיב (ירמיה נב) ויהי בשלשים ושבע שנה לגלות יהויכין מלך יהודה בשנים עשר חדש בעשרים

**פירוש**

**שלא**. שאבכינם דבלשאצר ושעשועים: **לפי מלאת לבבל**. כשביר שהוה למלכות בבל מיום שנטלה בבל מלכות וזהו נ"נ שנטל מלכות מאשור מדין מלך אשור: **חשיב**. בלשאצר מ"ה דנ"נ וכ"ג דאויל מרודך: **ותרתי דידיה**. דאשכחן דבלשאצר מלך שני מלך דכתיב בספר דניאל בשנת שלש למלכות בלשאצר המלך חזון נראה אלי וגו': **גלו בשבעה גלו בשמונה**. חד גלות הוא וקראי הוא דקא דריש כתיב בגלות יהויכין בשנת שמונה למלכות נ"נ בסוף ספר מלכים ובספר ירמיה בסופו כתב אשר הגלה נבוזראדן בשנת שבע אלא ש"מ ח' למלכות נ"נ ושבע לכיבוש יהויקים שכבשו תחתיו בשנה שניה למלכותו כדאמרינן לקמן ולא הגלה אותו ויהי לו עבד שלש שנים: **י"ח וי"ט**. כתיבי בגלות צדקיהו בסוף ספר ירמיה דהיינו חרבות ירושלים דהוי י"ח שנה הא: גלות יהויכין כדכתיב ויהי בעשתי עשרה שנה למלך צדקיהו ומאי י"ח וי"ט י"ח לכבוש יהויקים שהיא י"ט למלכות נ"נ: **דאמר מר שנה ראשונה**. למלכותו כיבש נינוה שהיתה ראש למלכות אשור שם הוא מולך כינוה: **שניה עלה וכבש יהויקים**. קראי קא דריש בס"פ כתיב בראש ספר דניאל בשנת שלש למלכות יהויקים מלך יהודה בא נבוכדנאצר מלך בבל לירושלים ויתן ה' בידו את יהויקים וגו' ואי אפשר לומר כן שהוא לא מלך אלא בשנת ד' ליהויקים שנאמר בספר ירמיה הדבר אשר היה אל ירמיה בשנה הרביעית ליהויקים היא השנה הראשונה לנבוכדנאצר מלך בבל אלא מה ת"ל בשנת שלש ליהויקים בשנת שלש למרדו באחר שכבשו עבדו באמונה ג' שנים ומרד בו דכתיב ויהי לו יהויקים עבד ג' שנים וישב וימרוד בו ולמדך כאן שעמד במרדו ג' שנים הרי ו' שנים לכבושו ופעם זו נמסר בידו והרגו ונתקיים בו קבורת חמור יקבר סחוב השלך וגו' והמליך יהויכין בנו תחתיו ובא לבבל אמרו לו יועציו כלב מגדל בן ואת המלכה את

בנו

---

שוין ניט אויס געלייזט ווערין פון איהם. אחשורוש האט געזאגט בלשאצר האט געציילט אונ האט געהאט א טעות. איך וועל ציילען אונ וועל ניט האבען קיין טעות. וואס מיינט מען ציילען. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט אז עס וועט דער פילט ווערין צו בבל זיבעציג יאהר וועל איך אן אייך געדיינקין אונ וועל אייך אויס לייזען. אונ נאך א פסוק שטייט אז עס וועט דער פילט ווערין זיבעציג יאהר וויא ירושלים איז חרוב געווארין. וועל איך אייך אויס לייזען. האט בלשאצר גערעכענט פינף אונ פערציג יאהר וואס נבוכדנצר איז געווען א מלך. אונ דריי אונ צוואנציג יאהר וואס אויל מרודך איז געווען א מלך. אונ צוויי יאהר זיינע. איז זיבעציג יאהר. אז בלשאצר האט געזעהן די יודען זענען נאך ניט אויס געלייזט געווארין. האט ער געטראכט געוויס איז ליגען וואס דער נביא האט געזאגט אונ די יודען וועלין שוין ניט אויס געלייזט ווערין. דריבער האט ער ארויס גענומען די כלים פון בית המקדש אונ האט גענוצט מיט זיי. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז נבוכדנצר איז געווען א מלך פינף אונ פערציג יאהר. ווארום דער תנא האט געזאגט די יודען זענען פאר טריבען געווארען דעם זיבעטין יאהר. זיי זענען פאר טריבען געווארען דעם אכטען יאהר. זייא זענען פאר טריבען געווארען דעם אכטצעהנטין יאהר. זיי זענען פאר טריבען געווארען דעם ניינצעהנטין יאהר. פרעגט די גמרא זענען דען די יודען פיר מאהל פאר טריבען געווארען. זיי זענען דאך נאר פאר טריבען געווארען צוויי מאהל. נאר אזוי מיינט מען. זייא זענען פאר טריבען געווארען דעם זיבעטין יאהר וויא נבוכדנצר האט איין גענומען דעם מלך יהויקים. ביי דער צייט האט נבוכדנצר פר טריבען דעם מלך יהויכין. דאס איז געווען דער אכטער יאהר ווי נבוכדנצר איז געווארען א מלך. דר נאך זענען די יודען נאך אמאהל פאר טריבען געווארען דעם אכטצעהנטין יאהר ווי נבוכדנצר האט איין גענומען דעם מלך יהויקים. ביי דער צייט האט נבוכדנצר פאר טריבען דעם מלך צדקיהו. דאס איז געווען דער ניינצעהנטער יאהר ווי נבוכדנצר איז געווארען א מלך. ווארום דער תנא האט געזאגט דעם ערשטין יאהר ווי נבוכדנצר איז געווארען א מלך האט ער איין גענומען נינוה דעם אנדערין יאהר האט נבוכדנצר איין גענומען יהויקים דעם מלך פון יהודה. אונ עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געווען דעם זיבען אונ דרייסיגסטען יאהר ווי יהויכין דער מלך פון יהודה

איז

בעשרים וחמשה לחדש נשא אויל מרודך מלך בבל בשנת מלכותו את ראש יהויכין מלך יהודה תמני ותלתין ושבע הרי מ"ה שנין דנ"נ וכ"ג דאויל מרודך גמרא ותרתי דידיה דבלשאצר הא שבעים (כיון דחזא דמלו שבעין ולא איפרוק) אמר תו לא איפרקי אפיק ואייתי מאני דבי מקדשא ואשתמש בהון והיינו דקאמר ליה דניאל לבלשאצר (דניאל ה) ועל מארי שמיא התרוממת ולמאניה די בותיה היתיו קדמך וכתיב (שם) ביה בליליא קטיל בלשאצר מלכא כשדאה וכתיב (דניאל ו) ודריוש מדאה קביל מלכותא כבר שנין שיתין ותרתין אמר איהו מנה וטעה אנא מנינא ולא טעינא מי כתיב למלכות בבל (לפי מלאת) לבבל כתיב מאי לבבל לגלות בבל (שהוא יהויכין סוף סוף) כמה בצירן תמני ושיב ועייל תמני חילופייהו חדא דבלשאצר (ותרתי) [וחמש] דדריוש (ותרתא) דכורש ותרתי דידיה הא שבעין כיון דחזא דמלו שבעין ולא איפרוק אמר מדלא איפרוק השתא ודאי לא מיפרקי אפיק ואייתי מנא דבי מקדשא

כמו מתלא אמר מלכתא פישא גוריא עכא לא נפיק חזר עליו לתשובת השנה והגלהו והמליך את צדקיהו דודו תחתיו וכן כתוב בספר מלכים גם פו נמצא גלות יהויכין בשנת ז' לנבוכ' אבל הרי כלהון קורא אותה שנה ח' למלכותו של נ"נ בסוף ספר מלכים למדנו שבשנה שניה למלכותו כבשו : נשא אויל מרודך מלך בבל בשנת מלכותו . למדנו שמלך אויל מרודך בשנת ל"ו (למלכות) ולגלות יהויכין וכבר מלך נ"נ לפני מלכות יהויכין ח' שנים הרי ול"ז הרי מ"ה וכ"ג דאויל מרודך ותרתי דידיה דבלשאצר : אפיק מאני דבית מקדשא . בשנה ג' : אמר . אחשורוש : איהו . בלשאצר מנה וטעה אנא תשיכנא וכו' . לגלות בבל . תחלת גולה שגלה (אותה דהוה גלות) [את] יכניה : כמה בצירן . משבעין משנת שתים לבלשאצר : תמני . אותן ח' שנים שמלך נ"נ לפני הגלותו את יכניה מלך יהודה שלא היה לו לבלשאצר למנותן ומנאם : הכא . אחשורוש (משמע) ומשנים לו בלשאצר עד שנת שלש שלו : ועייל הך תמניא חילופייהו הדא דבלשאצר . הרי בשנת שתים שלו שלמו ע' לפי מניינו ובאו מלך שנה שלישית : וה' דדריוש המדי וכורש הפרסי. דכתיב ודריוש מדאה קביל מלכותא ואחריו מלך כורש הראשון שנתן רשות לבני הגולה לעלות שנאמר כה אמר כורש מלך פרס וגו' וקס"ד השתא במלכו פ"ג שניהם ה' שנים אע"ג דליתיה בקרא : וחרתי

---

איז פאר טריבען געווארען . דעם צוועלפטין חודש פינף און צוואנציג טעג אין חודש וואס נבוכדנצר געשטארבען . האט אויל מרודך דער מלך פון בבל אין דעם ערשטין יאהר פון זיין קעניגען ארויס גינומען יהויכין דעם מלך פון יהודה פון זיין גיפיינקעניס . ווען מיר אז נבוכדנצר איז גיוועזען א מלך אכט יאהר איידער ער האט פר טריבען דעם יהויכין . אונ זיבען אונ דרייסיג יאהר איז ער גיוועזען א מלך נאך דעם ווי ער האט פאר טריבען דעם יהויכין . צו זאמען איז נבוכדנצר גיוועזען מלך פינף אונ פערציג יאהר . אונ מיר האבען גילערונט אז אויל מרודך איז גיוועזען א מלך דריי אונ צוואנציג יאהר . אונ צוויי יאהר איז בלשאצר גיוועזען מלך . איז זיבעציג יאהר . ווי בלשאצר האט גיזעהן אז עס איז שוין פול געווארען זיבעציג יאהר אונ זיי זענען נאך ניט אויס גילייזט גיווארען . האט ער גיזאגט זיי וועלין שוין געוויס ניט אויס גילייזט ווערין . האט ער ארויס גינומען די כלים פון בית המקדש אונ האט גענוצט מיט זיי . דאס איז וואס דניאל האט גיזאגט צו בלשאצר אויף דעם גאט פון הימעל האסטו דיך דער הויבין . אונ די כלים פון זיין בית המקדש האט מען גיברענגט פאר דיר . שטייט אין פסוק די זעלביגע נאכט איז גיהרגת גיווארען בלשאצר דער מלך פון כשדים . אונ עס שטייט אין פסוק דריוש דר מלך פון מדי האט אן גינומען די מלוכה פון כשדים ווען ער איז אלט גיוועזען צוויי אונ זעכציג יאהר . האט אחשורוש גיזאגט בלשאצר האט גיציילט אונ האט גיהאט א טעות . איך וועל ציילען אונ וועל ניט האבען א טעות . שטייט דען אין פסוק אז די זיבעציג יאהר זאל מען רעכענען צום מלך פון בבל . עס שטייט נאר מען זאל רעכענען צו בבל . וואס מיינט מען צו בבל . צו דר צייט וואס בבל האט דעם ערשטין מאהל פאר טריבען די יודען פון ארץ ישראל . וויא פיל פעלט פון די זיבעציג יאהר וואס בלשאצר האט גירעכונט . אכט יאהר . וואס נבוכדנצר האט געקינגט איידער ער האט פר טריבען די יודען דאס ערשטע מאהל . דארף מען ניט רעכענען . האט אחשורוש גירעכונט פאר די אכט יאהר אנדערע אכט יאהר . איין יאהר פון בלשאצר . דעם דריטען יאהר פון זיין מלוכה פינף יאהר פון דריוש מיט כורש : אונ צוויי יאהר זיינע . איז זיבעציג יאהר . וויא אחשורוש האט גיזעהן אז עס איז פול גיווארען די זיבעציג יאהר . אונ די יודען זענען ניט אויס גילייזט גיווארין . האט ער גיזאגט אז זיי זענען שוין איצט ניט אויך

גיליוזט

מקדשא ואשתמש בהון אתא שטן ורקד ביניהם והרג את ושתי והא שפיר חשיב איהו נמי מיטעה טעה דהוה ליה למימני מחרבות ירושלים סוף סוף ממה בצירן חד סרי איהו כמה מלך ארביסר ובארביסר דיליה איבעי ליה לאיבנויי מקדשא אלמה כתיב (עזרא ד) באדין בטילת עבידת בית אלהא דירושלם (והוה בטלה עד שנת תרתין למלכות דריוש מלך פרס) . אמר רבא שנים מקיטעות הוו . (דף יב) תנ"ה עוד שנה אחרת (יש) לבבל ועמד דריוש והשלימה אמר רבא ואף דניאל בההוא מנינא מנה וטעה דכתיב (דניאל ט) בשנת אחת למלכו אני דניאל בינותי בספרים מספר השנים אשר היה דבר ה' אל ירמיה הנביא למלאות לחרבות ירושלים שבעים

פירוש

דידיה דאחשורוש בשר ועברו עליו ג' שנים : מחרבות ירושלים . גלות יהויכין שנקראת חורבן וכהדיא כתיב דלחרבות ירושלים בעי למימני דכתיב בספר דניאל למלאות לחרבות ירושלים ע' שנה : חד סרי . שכן עמד הבית אחר גלות יכניה : איהו כמה מלך הרגיל . דכתיב בשנת שתים עשרה שנה למלך אחשורוש הפיל פור הוא הגורל ובאדר לשנה שלאחריה נמצא הנס הרי י"ג דהא למלכי אה"ע מתשרי מנינן והתחדשה השנה בתשרי וכתיב בשנה השלישית לקיים אגרת הפורים הזאת השנית הרי י"ד : באדין . אז בימי כורש בטילת עבודת בית אלהינו שאמר כורש לבנות וחזר בו ע"י לשון הרע יהודה ובנימין כמו שכתוב בספר עזרא עד שנת תרתין למלכות דריוש השני שמלך אחר אחשורוש ונקרא לו ג' שמות דריוש כורש וארתחשסתא : שנים מקיטעות היו . הואיל שנים שמנינו למעלה יש בהן שנבלעו מבל האחרון בשל ראשון כגון נדריוש המדי וכורש הפרסי דמנינן להו ה' שנים ולא המנא בהן אלא ד' דכתיב בשנת אחת לדריוש בן אחשורוש מזרע מדי (ולא זהו אחשורוש המלך שזה קדמו שנים הרבה מזרע מדי וגו') ותמה בס"ע בהדיא לא מצינו שנה למדי בכתובים אלא זו בלבד ולכורש מצינו ג' שנים בספר דניאל בשנת שלש למלכות פרס ותמה בס"ע כורש מלך ג' שנים מקוטעות הרי שנה יתירה וגם בשנות נ"נ ואויל מרודך נבלעה שנה וכנגדן נשתהא כנגדן ב' שנים של דריוש האחרון : תנ"ה . דבשנות נ"נ ואויל מרודך נבלעה שנה : עוד שנה אחת לבבל וכו' (רישא דברייתא) הכי איתא בס"ע ביה בליליא קטיל בלשאצר וגו' ודריוש מדאה קביל מלכותא וגו' הרי ע' שנים משמלך נ"נ ע' שנה חסר אחת מגלות יהויקים ועוד שנה אחת למנותם לבבל ע' שנה משפטה על ישראל ועמד דריוש והשלימה אותיו בשנה שאחריה מלך כורש בבבל ונפקדו ישראל פקידה בעלמא קרא יעושם שאמר מי בכם מכל עמו יהי אלהיו עמו ויעל למדנו מברייתא זו (כשמלך דריוש) [כשמת בלשאצר] לא היה לכבוש יהויקים אלא ע' חסר אחת והנהו מנינו למעלה שבעים מ"ס דנבוכדנאצר וכ"ג דאויל מרודך וג' של בלשאצר הרי ע' ש"מ שנים מקיטעות היו :

ביומי

---

געלייזט געווארן . וועלין זיי שוין ניט אויס געלייזט ווערין . האט ער ארויס גינומען די כלים פון בית המקדש אונ האט גענוצט מיט זיי . איז גיקומען דער שטן אונ איז ארין גישפרונגען צווישען זיי אונ אחשורוש האט גיהרגת ושתי . פרעגט די גמרא אחשורוש האט דאך טאקי זייער גוט גירעכונט . פאר וואס זענען די יודען ניט אויס גילייזט געווארין . ענטפערט די גמרא ער האט אויך גיהאט אטעות . ער האט גידארפט ציילען די זיבעציג יאהר פון דער צייט ווען ירושלים איז חרוב געווארין . פרעגט די גמרא סיי ווי סיי מיט ווי פיל יאהר איז ווייניגער . עס פעלט נאך עלף יאהר . ווייא לאנג האט אחשורוש געקיניגט פערצעהן יאהר . האט מען שוין צוויי יאהר פון זיין מלוכה גירעכונט . וועט מען צו רעכענען נאך עלף יאהר . וועט זיין דרייצעהן . דעם פערצעהנטין יאהר האט דאך גידארפט גיבאהט ווערין דער בית המקדש . פאר וואס שטייט אין פסוק אז די ארבעט פון בית המקדש באהען איז גיוועזן גישטערט ביז דעם צווייטין יאהר ווי דריוש איז גיוועזן מלך נאך אחשורוש . האט רבא גיזאגט עס פעלט נאך צוויי יאהר פון דעם פריערדיגען רעכענונג . מען האט פריער גירעכונט דריוש מיט כורש פינף יאהר . צוויי יאהר פון דריוש . אונ דריי יאהר פון כורש . אונ עס איז ניט מער גיוועזן נאר פיר יאהר . ווארום איין יאהר האט געקיניגט דריוש אליין . אונ דעם אנדערין יאהר האט געקיניגט דריוש אונ כורש . ביידע צו זאמען . אונ ביא נבוכדנצר מיט אויל מרודך איז אויך אזוי גיוועזן . דער פינף אונ פערציגסטע יאהר פון נבוכדנצר איז גיוועזן דער ערשטער יאהר פון אויל מרודך . דעם יאהר האבען זייא געקיניגט ביידע צו זאמען . מיר האבען אויך אזוי גילערנט אז מען דארף רעכענען צו בבל נאך איין יאהר . ווייל איין יאהר האט געקיניגט נבוכדנצר מיט אויל מרודך . דריבער האט זיך גיצויגען די ניבוי פון בית המקדש נאך צוויי יאהר לייגנער . ביז דעם צווייטען יאהר פון דריוש . אונ דריוש האט אויף גיבאהט דעם בית המקדש אין גאנצין . רבא זאגט דניאל האט אויך אטעות גיהאט אין דעם רעכענונג . ווארום עס שטייט אין פסוק דעם ערשטין יאהר פון זיין קעניגרייך איך דניאל האב גיקלערט אין די ציילונג . דעם צאהל פון די יאהרין

וואס

שבעים שנה מדקאמר אני בינותי בספרים מכלל דאיהו נמי טעה מ"מ קשו קראי אהדדי כתיב (ירמיה כט) לפי מלאת לבבל שבעים שנה וכתיב (דניאל ט) לחרבות ירושלים [אמר רבא] לפקידה בעלמא והיינו דכתיב (ד"ה ב לו) (ובשנת אחת לכורש מלך פרס (שם) לכלות דבר ה' מפי ירמיה וכתיב כה אמר כורש מלך פרס גו' וכתיב) (ד"ה ב לו) כה אמר (כורש, מלך פרס [כל ממלכות הארץ נתן לי ה' אלהי השמים והוא פקד עלי לבנות לו בית בירושלים] (וכתיב מי בכם מכל עמו ה' אלהיו עמו ויעל) דדרש רב נחמן בר (יצחק) [רב חסדא] מאי דכתיב (ישעיה מה) כה אמר ה' למשיחו לכורש וכי כורש משיח הוא אלא אמר הקב"ה למשיח קובל אני אליך על כורש אני אמרתי הוא יבנה עירי ויקבץ גליותי והוא אמר (ד"ה ב לו) מי בכם מכל עמו ה' אלהיו עמו ויעל. כתיב חיל פרס ומדי הפרתמים וכתיב למלכי מדי ופרס אמר (ר"ח) [רבא] אתנויי אתנו בהדי הדדי אי מנייכו מלכי מינן אפרכי ואי מינן מלכי מנייכו אפרכי:

בימיו בספרים. לשון ספירה וחשבון: כתיב לפי מלאת לבבל ע' שנה. אפקוד אתכם בספר ירמיה ובספר דניאל כתיב למלאות לחרבות ירושלים ע' שנה מספר (הימים) השנים אשר היה דבר ה' אל ירמיה הנביא: לפקידה בעלמא. ואמר לפי מלאת לבבל שבעים שנה אפקוד אתכם וכן היה שנפקדו בשנה אחת לכורש שהיא שנת ע"א לבנות יהויקים שבשנה יד בבל על ישראל: משיח הוא. כלומר נמשח בשמן המשחה: קובל אני אליך וגו'. וה"ק כה אמר ה' למשיחו על כורש אני קובל אליך אשר החזקתי בימינו וגו' הוא יבנה עירי (הרי) קראי כתיבי דסמיכי אהדדי וקים טעם המקרא מוכיח על דרשה זו שאין לך טעם זקוף במקרא שאין כגון כל אחריו וכאן נקוד למשיחו בזרקא ולכורש נקוד כמאריך לספריהו ולנתק מעם למשיחו: מי בכם וגו'. והוא עלמו לא נתגדל בדבר: חיל פרס ומדי הפרתמים. סמך הפרתמים אצל מדי ופרס וכתיב למלכי מדי ופרס כאן סמך מלכות אצל מדי:

בהראותו

וואס נאט האט גירעט צו ירמיה הנביא עס זאל דער פילט ווערין זיבעציג יאהר צום חורבן ירושלים. אז דניאל זאגט איך האב גיקלערט אין דעם ציילונג. איז נעוויס אז ער הט אטעות גיהאט. פרעגט דיא גמרא איז דאך אבער אקשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. אין איין פסוק שטייט אז עס וועט דער פילט ווערין זיבעציג יאהר צו בבל. אונ אין איין פסוק שטייט אז עס וועט דער פילט ווערין צום חורבן ירושלים זיבעציג יאהר. האט רבא גזאגט אזוי מיינט מען אז עס וועט דער פילט ווערין זיבעציג יאהר פון בבל. וועט נאט דער מאנען די יודען מען זאל זייא אויס לייזען. אבער אויס גילייזט זענען זייא גיווארין אז עס איז פול גיווארען זיבעציג יאהר צום חורבן ירושלים. דאס מיינט דער פסוק אזוי האט גזאגט כורש דער מלך פון פרס אלע קעניגרייכען פון דער וועלט האט גאט מיר גיגעבען אונ ער האט אויף מיר גיבאטען איך זאל באהען פון זיינעט וועגין א בית המקדש אין ירושלים. דאס איז גיוועזען די דער מאנונג, דער נאך זויא דער בית המקדש איז גיבאהט גיווארין שטייט אין פסוק כורש האט גזאגט צו די יודען ווער עס איז דא צווישען אייך פון זיין גאנצע פאלק זאל זיין גאט מיט איהם אונ ער זאל אויף גיין אין ירושלים. רב נחמן בר רב חסדא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק אזוי האט גזאגט גאט למשיחו לכורש. איז דען כורש משיח. נאר גאט האט גזאגט צו משיח איך וועל קלאגין פאר דיר אויף כורש. איך האב גזאגט כורש זאל באהען מיין שטאט אונ ער זאל פאר זאמלען מיינע פאר טריבענע יודין. ער אליין זאל דאס אליין טאהן. אונ כורש האט גזאגט ווער עס איז דא צווישען אייך פון זיין גאנצע פאלק זאל זיין גאט מיט איהם אונ ער זאל אויף גיין אין ירושלים. אבער כורש אליין האט זיי ניט פאר זאמלט. ער האט זיי נאר ערלויבט זייא מעגין ארויס גיין פון זיין לאנד. אין איין פסוק שטייט חיל פרס ומדי הפרתמים. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט מלכי מדי ופרס. האט רבא גזאגט מדי מיט פרס האבען גימאכט צווישען זיך, אויב פון פרס וועלין זיין מלכים וועט זיין פון מדי פרתמים. אונ אויב פון מדי וועלען זיין מלכים וועט זיין פון פרס פרתמים. דריבער אמאהל שטייט נעבין מדי פרתמים. אונ אמאהל שטייט נעבין מדי מלכים:

בהראותו

בגדי כהונה. שהיו בידו בגדי כה"ג גדול שהביאן (נ"נ) מירושלים: פקח היה. שהקדים מתחם כרחוקים לגמהם בני עירו: שהשתחוו לצלם. בימי נ"נ: מכות פנים יש בדבר. כיולך זכו לנס:

**בהראותו** את עשר כבוד מלכותו ואת יקר וגו' אמר רבי יוסי בר' חנינא מלמד שלבש בגדי כהונה (ונתעטף ועמד) כתיב הכא את יקר תפארת גדולתו וכתיב התם (שמות כח) לכבוד ולתפארת. ובמלאת הימים האלה גו' רב ושמואל חד אמר מלך פקח היה וחד אמר טפש היה למ"ד פקח היה שפיר עביד דקריב רחיקי ברישא דבני מאתיה (מיכף כייפי ליה) כל אימת דבעי להו מקרב להו ומ"ד טפש היה בני מאתיה איבעי ברישא לקרובי דאי מרדו הנך קיימי הני והוו בהדיה. שאלו תלמידיו את רשב"י מפני מה נתחייבו שונאיהם של ישראל שבאותו הדור כליה אמר להם אמרו לי אתם אמרו לו מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע אמר להם אם כן של שושן יהרגו של כל העולם כולו לא יהרגו אמרו לו אמור לנו אתה אמר להם מפני שהשתחוו לצלם אמרו לו וכי משוא פנים יש בדבר אמר להם הם לא עשו אלא לפנים אף הקב"ה לא עשה אלא לפנים והיינו דכתיב (איכה ג) כי לא ענה מלבו ויגה בני איש. בחצר גנת ביתן המלך רב ושמואל ח"א הראוי לחצר לחצר הראוי לגינה לגינה הראוי לביתן לביתן וח"א הושיבן בחצר ולא החזיקתן בגינה ולא החזיקתן עד שהכניסם לביתן והחזיקתן.

במתניתא

---

**בהראותו**. אחשורוש האט געוויזען דיא רייכקייט פון זיין קעניגרייך. ואת יקר תפארת גדולתו. זאגט רבי יוסי בר חנינא אחשורוש האט אן גיקליידט די קליידער פון כהן גדול. דא שטייט תפארת גדולתו און ביי די קליידער פון כהן גדול שטייט לכבוד ולתפארת און אז די הונדערט און אכציג טעג האבען זיך אויס גילאזין האט אחשורוש גימאכט א סעודה פאר אלע מענטשין וואס זענען גיוועזען אין שושן. רב און שמואל קריגען. איינער זאגט אחשורוש איז גיוועזען א קלוגער מלך. פריער האט ער גימאכט א סעודה פאר די ווייטע מענטשין. וואריום פאר די מענטשין פון זיין שטאט קען ער דאך מאכען א סעודה ווען ער וועט וועלין. אדער ווען ער וועט זיי דארפין. און איינער זאגט אחשורוש איז גיוועזען א נארישער מלך. פריער האט ער גידארפט מאכען א סעודה פאר די מענטשין פון זיין שטאט. ווייל זיי דארף ער נייטיגער. טאמער וועלין אנדערע מדינות קימען אויף איהם מלחמה האלטען. וועלין דיא מענטשין פון זיין שטאט האלטען מיט איהם און וועלין איהם העלפין מלחמה האלטען:

**שאלו**. די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי שמעון בן יוחאי פאר וואס זענען פאר שולדיגט גיווארין די יודען פון דעם דור מען זאל זיי פאר טילגען האט רבי שמעון גיזאגט צו די תלמידים זאגט איר פאר וואס. האבען דיא תלמידים גיזאגט ווייל זייא האבען הנאה גיהאט פון די סעודה פון אחשורוש. האט רבי שמעון גיזאגט האט מען דאך נאר גידארפט הרגנן די יודען פון שושן. ווייל זיי האבען הנאה גיהאט פון דיא סעודה פון אחשורוש. אבער די יודען פון די גאנצע וועלט וואס זענען נית גיוועזען ביי די סעודה פאר וואס האט מען זיי גיוואלט הרגנן. האבען די תלמידים גיזאגט צו רבי שמעון זאג אונז דוא. האט רבי שמעון גיזאגט ווייל זיי האבען זיך גיבוקט צום צלם פון נבוכדנצר. האבען דיא תלמידים גיזאגט אז זיי האבען גיהאט אעבירה פון עבודה זרה. פאר וואס האט מען זיי גיטאהן אזוי אנם. האט רבי שמעון גיזאגט ווייל די יודען האבען נית גימיינט צו דינען צום צלם. זייא האבען זיך גיבוקט צום צלם נאר ווייל זייא האבען מורא גיהאט פאר נבוכדנצר. דריבער האט גאט אויך גימאכט אויף זיי די גזרה. זיי זאלען זיך דער שרעקין און זאלען תשובה טאהן. דאס מיינט דער פסוק גאט האט נית גיטראכט אין זיין הארצען צו פייניגען דיא יודען. ער האט נאר פריהרינג גימאכט. בחצר גינת ביתן המלך רב און שמואל קריגען. איינער זאגט דער מענטש וואס האט גידארפט זיצען אין הויף. איז גיזעסין אין הויף. און דער מענטש וואס האט גידארפט זיצען אין גארטען. איז גיזעסען אין גארטען. און דער מענטש וואס האט גידארפט זיצען אין בוים

גארטין

במתניתא תנא הושיבן בחצר ופתח להם שני פתחים אחד לגינה ואחד לביהן. חור כרפס ותכלה מאי חור רב ושמואל חד אמר חורי חורי וח"א מילת לבנה הציע להם. כרפס אמר רבי יוסי בר חנינא כרים של פסים. מטות זהב וכסף תניא אמר רבי יהודה הראוי לכסף לכסף הראוי לזהב לזהב א"ל ר' נחמיה א"כ קנאה אתה מטיל בסעודה אלא הן של כסף ורגליהם של זהב. רצפת בהט ושש מאי בהט אמר רבי (יוסי בר חנינא) (אסין) אבנים שמתחוטטות על בעליהן (וי"א אבנים המתחוטטות לעינים במקומן) וכה"א (זכריה ט) כי אבני נזר מתנוססות על אדמתו. ודר וסוחרת רב אמר דארי דארי ושמואל אמר אבן טובה יש בכרכי הים ודרה שמה והניחה (להם) בסעודה והאירה להם כצהרים (לכל בעלי סעודה) דבי רבי ישמעאל תנא שקרא דרור לכל בעלי סחורה:

הם עצו לפנים. מילתא: חורי חורי. מלמלא המלמלית כיתם עשויה נקבים נקבים: מילת לבנה. חור לשון חיור: הראוי לכסף וכו'. מטות זהב וכסף קא דריש שר הראוי לזהב לזהב והגרוע לכסף: שמתחוטטות על בעליהן. רצפה עשה להם באבנים חטוטות כלומר שלא באו לידי אדם אלא ע"י טורח שמחטטים ומחזירים בעליהם אחריהן עד שמוצאין אותן כדמים יקרים: וכה"א. שהמקרא מסבב אבנים יקרות ואומר שע"י נסיונות הרבה באות: כי אבני נזר מתנוססות על אדמתו. הכתוב מדבר בישראל לעתיד לבא שיהו יקרים וחשובין בין האומות כאבני נזר המתנוססות: דארי דארי. שורות שורות סביב סוחרת לשון בתוך סחור: כצהרים. וסחור סוחרת לשון סחורה: שקרא דרור. עשה נחת רוח לכל בני מלכותו להעביר מהם מכס הסוחרים:

---

גארטין. איז געזעסען אין בוים גארטין. אונ איינער זאגט אזוי איז געוועזן. אלע זענען אריין געגאנגען אין הויף ביז עס איז געווארין דער הויף פול. דער נאך האט מען אריין געזעצט אין גארטען ביז דער גארטען איז געווארין פול. די איבעריגע האט מען אריין געזעצט אין בוים גארטען. אונ דער בוים גארטען האט שוין פאר נומען אלע. אין אברייתא האבען מיר געלערנט אזוי איז געוועזן. זיי זענען אלע געזעסען נאר אין הויף. אונ אין הויף איז געוועזן האפען צוויי טירען. איין טיר אין גארטען. אונ איין טיר אין בוים גארטען. חור כרפס ותכלת. וואס איז חור. קריגען רב אונ שמואל. איינער זאגט חור איז טייטש לעכער. דיא פאר שפרייטונגען זענען געוועזן געמאכט מיט לעכלאך. אונ איינער זאגט חור איז טייטש ווייס: דיא פאר שפרייטונגען זענען געווען ווייסע זיידינצייג. וואס איז כרפס: רבי יוסי בר חנינא זאגט כרים של פסים. דיא קישענס (דיא ציכענס) זענען געווען בדעקט מיט אלערליי טייערע זיידינצייג. מטות זהב וכסף: בעטין פון גאלד אונ זילבער. מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט ווער עס איז ווערט געווען צו זיצען אויף אגאלדענע בעט. איז געזעסען אויף אגאלדענע בעט. אונ ווער עס איז נאר ווערט געווען צו זיצען אויף אזילבערנע בעט. איז געזעסען אויף אזילבערנע בעט. האט רבי נחמיה געזאגט אויב אזוי איז געוועזן. איז דאך געווען אקנאה אקריג ביי דער סעודה. יעדער וועט זאגין איך בין ווערט צו זיצען אויף אגאלדענע בעט. נאר אזוי איז געוועזן. די בעט איז געווען פון זילבער אונ די פיס זענען געווען פון גאלד. אונ אלע בעטין זענען געווען גלייך. רצפת בהט ושש. די פאדלאגע איז געווען פון בהט ושש. שש איז מארמער שטיין. אונ וואס איז בהט. האט רבי אסי געזאגט בהט איז טייטש זוכען. די שטיינער זענען געווען טייערע וואס מען מוז שטארק זוכען ביז מען בעקומט זיי צו קויפען פאר פיל געלט. אונ אזוי שטייט אין פסוק אז עס איז דא גאנץ טייערע שטיינער. כי אבני נזר מתנוססות על אדמתו. אז משיח וועט קומען אונ די יודין וועלין זיין אויף זייער לאנד וועלין זיי זיין טייער ביי אלע פעלקער אזוי ווי טייערע שטיינער וואס מען זעצט זיי אריין אין אקרוין. אונ זייא זענען געקומען צום מענטשין מיט פיל פרובונג אונ שווערקייט. ודר וסוחרת. רב זאגט די שטיינער זענען געלעגין אויף די ערד גלייך אין פראנגר איינע נאך די אנדערע. אונ שמואל זאגט אין די שטעט פון ים איז דא אגוטער שטיין. דער שטיין הייסט דרה. האט אחשורוש געלייגט דעם שטיין ביי די סעודה. האט דער שטיין גילויכטין ווי אין מיטען טאג. דבי רבי ישמעאל האט געלערנט אחשורוש האט פריי געמאכט אלע הענדלערס פון טראנטקעס ופון אפצאהל פון סחורה:

**טז והשקות** בכלי זהב וכלים מכלים שונים משונים מבעי' ליה אמר (רבה) [רבא] יצתה בת קול ואמרה להם ראשונים כלו מפני כלים ואתם שונים ושותים בהם. ויין מלכות רב אמר (רבא) [רב] מלמד שכל אחד ואחד השקהו יין שהוא גדול ממנו בשנים. והשתיה כדת אמר רב (ענן) [חנן] משום ר"מ כדת של תורה מה דת של תורה אכילה מרובה משתיה אף סעודתו של אותו רשע אכילה מרובה משתיה. אין אונס אמר (רבא) [רבי אלעזר] מלמד שכל אחד ואחד השקהו יין של מדינתו. כי כן יסד המלך על כל רב ביתו לעשות כרצון איש ואיש (אמר רבא) לעשות כרצון מרדכי והמן מרדכי דכתיב איש יהודי היה. המן דכתיב איש צר ואויב. גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים בית המלכות בית הנשים מיבעי ליה אמר (רבי אבא בר כהנא) [רבא] כלמד ששניהם לדבר עבירה נתכוונו היינו דאמרי אינשי איהו בי קרי ואיתתיה (סס ע"ט) בי בוציני. ביום השביעי כטוב לב המלך ביין אטו עד יום השביעי לא טב לביה ביין אמר רבא יום ז' שבת היה

משונים כלו מפני כלים. כלבלשר ותכזרוהו: (שהשקהו יין שגדול ממנו. שהיין היה גדול מן השותה בשנים שהיה ישן הרבה: רב. גדול): כדת של תורה. אכילת מזבח מרובה משתייתו של ובלשם עשרונים סולת לאכילת מזבח ונסך הגי הכין יין: יין מדינתו. יין שרגיל בו ולא ישכרהו ולא ישתהו אלא לפי רצונו: כרצון מרדכי והמן. גם היו ב' שרים המשרתים במשתה: איהו בי קרי. קרי דלועות גדולות: מיני. קשית כלומר גאותו מין עלמו זה נואף והי נואפת כלא הומר להראות יפיה וגם היא לכך נתכוונה שיהו מסתכלין ביופיה:

---

**טז** והשקות. טרינקען האט מען געגעבן אין גאלדענע כלים. וכלים מכלים שונים. און כלים פון כלים זענען געוועזן געענדערט. פרעגט די גמרא עס האט געדארפט שטיין משונים. ווארום שונים איז ניט דער טייטש געענדערט. משונים איז דער טייטש געענדערט. האט רבא געזאגט שונים איז דער טייטש איבער חזרין נאך אמאהל. ווארום אקול איז ארויס געגאנגען פון הימעל און האט געזאגט די ערשטע קעניגען זענען פאר לענדט געווארין דורך דיא כלים. און איר טרינקט אויך נאך אמאהל אין די כלים. ווארום די כלים זענען געוועזן פון בית המקדש. ויין מלכות רב. רב זאגט מען האט געגעבן צו יעדער מענטש טרינקען ווין וואס ער איז עלטער פון איהם מיט פיל יאהר. והשתיה כדת. רב חנן זאגט פון רבי מאירס וועגין דאס טרינקען איז געוועזן אזוי ווי דער דין פון די תורה. אזוי ווי דער דין פון דיא תורה ביי קרבנות איז עסין מעהר ווי טרינקען. צו אנאנצין אקס מיט דריי עשרונים מעהל. ניט מען ווין זעקס לוגין. אזוי ביי די סעודה פון אחשורוש האט מען אויך געגעבן עסין מעהר ווי טרינקען. אין אונס. רבי אלעזר זאגט מען הט געגעבן צו יעדער מענטש ווין פון זיין מדינה. וואס ער איז געוואוהנט מיט דעם ווין. וועט ער ניט שכור ווערין. און וועט איהם טרינקען מיטזיין נטען ווילען ניט גינייט. לעשות כרצון איש ואיש. רבא זאגט איש ואיש. צוויי מענטשין. דאס מיינט מען מרדכי און המן. מרדכי ווערט גירופען איש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איש יהודי. און המן ווערט גירופען איש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איש צר ואויב. מרדכי איז געוועזן דער עלצטער ביי די סעודה איבער די יודין. און המן איז געוועזן דער עלצטער ביי די סעודה איבער די עכו"ם. אין פסוק שטייט ושתי המלכה הט גימאכט אסעודה פאר ווייבער בית המלכות. אין די שטוב פון מלך. האט דאך גידארפט שטיין בית הנשים. אין די שטוב פון די ווייבער. האט רבא געזאגט ושתי האט גימאכט דיא סעודה פאר ווייבער אין די שטוב וואו דער מלך מיט די פאנסלייט זענען געזעסן. ווארום ביידע האבען גימיינט מען זאל מזנה זיין. דאס איז וואס מענטשין זאגען ער גייט מזנה זיין צווישען גרויסע פלוצערין וואס זיי האבען גרויסע בלעטער קיינער זאל איהם ניט זעהן און דיא גייט מזנה זיין צווישען קליינע פלוצערין. וואס זיי האבען קליינע בלעטער. ווארום עס הארט איר ניט וואס מען וועט איר זעהן ווייל אנקבה שעמט זיך ניט מזנה צו זיין. און אזכר שעמט זיך מזנה צו זיין. עס שטייט אין פסוק דעם זיבעטין טאג אז די הארץ פון מלך איז גוט געווארין מיט ווין. אז ער האט גיטרונקען פיל ווין. פרעגט די גמרא ביז דעם זיבעטין טאג איז נאך ניט גוט געוועזן דיא

היה שישראל אוכלין ושותין מתחילין בדברי תורה ובדברי תושבחות אבל עכו"ם שאוכלין ושותין אין מתחילין אלא דברי תפלות וכן בסעודתו של אותו רשע הללו אומרים מדיות נאות והללו אומרים פרסיות נאות אמר להם אחשורוש כלי שאני משתמש בו אינו לא מדיי ולא פרסי אלא כשדיי רצונכם לראותה אמרו ליה אין ובלבד שתהא ערומה שבמדה שאדם מודד בה מודדין לו מלמד שהיתה ושתי הרשעה מביאה את בנות ישראל ומפשיטן ערומות והיתה עושה בהן מלאכה בשבת (לפיכך נגזר עליה שתשחט בשבת ערומה) והיינו דכתיב זכר את ושתי ואת אשר עשתה ואת אשר נגזר עליה כאשר עשתה כן נגזר עליה. ותמאן המלכה ושתי מכדי פריצתא הואי דאמר מר שניהם לדבר עבירה נתכוונו אמאי לא אתאי אמר רבי יוסי בר חנינא מלמד שפרחה בה צרעת במתניתא תנא בא גבריאל ועשה לה זנב. ויקצוף המלך מאד וחמתו בערה בו מאי שלחה ליה דדלקה ביה המתיה ואזלא אמר רבא שלחה ליה אהורייריה דאבא אבא לקבל אלפא חמרא שתי ולא רוי והאי גברא אשתטי ליה מחמרא מיד וחמתו בערה בו:

פירושא כו'. פרוצה היתה (כדאמרינן שניהם לדבר עבירה נתכוונו): אהורייריה. שומר הסוסים: לקבל אלפא. כך העיד המקרא עליו בספר דניאל:

יז ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים מאן חכמים רבנן יודעי העתים שיודעים לעבר שנים ולקבוע

---

הארץ פון מלך מיט וויין. ער האט דאך אלע טאג גיטרונקען פיל וויין. האט רבא גזאגט דעם זיבעטען טאג מיינט מען דעם זיבעטען טאג אין די וואך דאס איז גיוועזען שבת. וואס יודען עסין אונ טרינקען אונ לערנען תורה אונ לויבען גאט. אבער עכו"ם אז זיי עסין אונ טרינקען הייבען זיי אן צו רייד'ן נארישקייט. אונ ביי די סעודה פון אחשורוש איז אויך אזוי גיוועזען. אנדערע האבען גזאגט די ווייבער פון מדי זענען די שענסטע. אנדערע האבען גזאגט די ווייבער פון פרס זענען די שענסטע. אחשורוש האט גזאגט דיא כלי וואס איך ניץ מיט איר (מיין ווייב) איז ניט פון מדי אונ ניט פון פרס נאר פון כשדים. איר ווילט איר זעהן. האבען זיי גזאגט יא. נאר זי זאל אריין קומען נאקעט. זאגט די גמרא פאר וואס איז גיוועזען אויף איר אגזרה זי זאל קומען נאקעט. ווייל מיט די זעלביגע מאס וואס א מענטש מעסט פאר איין אנדערין מעסט מען פאר איהם. אזוי ווי ושתי האט גיטאהן מיט אנדערע אזוי האט מען מיט איר גיטאהן. ווארום ושתי האט גינומען יודישע טעכטער אונ הט זיי אויס גיטאהן נאקעט אונ הט גיארבעט מיט זיי אום שבת. דריבער איז גיווארין אויף איר א גזרה זי זאל גישאכטען ווערין אום שבת נאקעט. דאס מיינט דער פסוק ע' האט גידיינקט ושתי אונ וואס זי האט גיטאהן אונ וואס מען האט אויף איהם נגזר גיוועזען. אזוי ווי זי האט גיטאהן. אזוי האט מען אויף איר נגזר גיוועזען. אין פסוק שטייט ושתי הט ניט גיוואלט קומען פאר דעם מלך. פרעגט די גמרא זיא איז דאך ניט פרום גיוועזען. אזוי ווי דער תנא האט גזאגט אז אחשורוש אונ ושתי האבען ביידע גימיינט מען זאל מזנה זיין. פאר וואס האט זיא ניט גיוואלט קומען. האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט ווייל זי איז מיט איין מאהל קרעציג גיווארין. אין א ברייתא האבען מיר גילערינט דער מלאך גבריאל איז גיקומען אונ האט איר גימאכט א וויידיל אויף איר שטערין. אין פסוק שטייט דער מלך איז שטארק אין כעס גיווארין אונ זיין כעס האט אין איהם גיברענט. פרעגט דיא גמרא וואס האט זי דען געשיקט צו איהם וואס זיין כעס האט זיך אין איהם אזוי אן גיצונדען. האט רבא גזאגט זי האט געשיקט צו איהם דוא ביסט דאך גיוועזען דער היטער פון מיין פאטערס פערד. מיין פאטער הט גיטרונקען וויין ווי פיל טויזענד מענטשין קענען טרינקען. אונ איז ניט שכור גיווארין. אונ דו האסט גיטרונקען וויין ביסטו משוגע גיווארין פון דעם ויין. דריבער הט באלד אין אים גיברענט דער כעס:

יז ויאמר. דער מלך האט גזאגט צו די חכמים וואס ווייסען די צייטען. ווער זענען גיוועזען די חכמים. די רבנן. וואס ווייסען די צייטען. זיי ווייסען וועלכין יאהר צו מאכען מעובר. צוויי מאהל

ולקבוע חדשים. כדת מה לעשות אמר להו דיינוה ניהלה אמרי היכי נעביד נימא דלקטלה למחר מפכח ליה חמרא ודכיר לה ובעי לה מינן נימא ליה לשבקה השתא לימא לא איכפת להו בזילותא דילית ומלכותית (אלא מוטב ניסלק נפשין) אמרו לו מיום שחרב בית המקדש וגלינו מארצנו ניטלה עצה ממנו ואין אנו יודעין לדון דיני נפשות אלא זיל לגבי עמון ומואב דיתבי אדוכתייהו כחמרא דיתיב על דורדיה (ולא פג טעמיה) וטעמא אמרו ליה דכתיב (ירמיה מח) שאנן מואב מנעוריו ושוקט הוא אל שמריו ולא הורק מכלי אל כלי ובגולה לא הלך על כן עמד טעמו בו וריחו לא נמר מיד והקרוב אליו כרשנא שתר אדמתא תרשיש מרס מרסנא ממוכן אמר רבי לוי פסוק זה כולו על שם קרבנות נאמר. כרשנא אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם כלום הקריבו לפניך אוה"ע פרים בני שנה כדרך שהקריבו ישראל. שתר כלום הקריבו לפניך שתי תורים (ובני יונה). אדמתא כלום בנו לפניך מזבח של אדמה כדכתיב (שמות כ) מזבח אדמה תעשה לי. הרשיש כלום שימשו לפניך בבגדי כהונה דכתיב בהו (שם כח) תרשיש ושהם וישפת

כרם

**פירוש**

תכבח ליה חמרא. ישיג תגומ ים : על דורדים. על שמריו : וטעמא אמרו ליה. גיפא אמרו ליה דידהו כן הוא שמתוך שאדם שליו השקט מיושבת עליו : שנאמר שאנן מואב מנעוריו וגו'. סיפיה דקרא על כן עמד טעמו בו וריחו לא נמר : פסוק זה על שם קרבנות נאמר. והקריב אליו לשון הקרבה קרבן מה"ש הזכירו לפני הקב"ה את הקרבנות שהיו ישראל מקריבין לפניו לעשות להם נקמה בושתי ותבא אסתר ותמלוך תחתיה : שתר. לשון שתי תורים : מרס. שמרסו בדם שלא

---

צוויי מאהל אדר. אונ זיי וויסען ווען מען זאל מאכען ראש חודש. אחשורוש האט גזאגט צו די רבנן זיי זאלען משפטין דעם דין פון ושתי. האבען די רבנן גזאגט צווישען זיך. ווי זאלען מיר מאהן. מיר זאלען איהם זאגען ער זאל איר הרגנן. מארגען וועט פון איהם ארויס גיין די ווין וועט ער זיך דער מאנען אן ושתי. וועט ער אונז פרעגין וואו זי איז. פאר וואס האבען מיר זי גיהרגת. זאלען מיר איהם זאגען ער זאל איר איצט לאזען לעבין. וועט ער זאגען די רבנן האלטען נאר ניט מיין חרפה אונ ניט מיין קעניגרייך. נאר בעסער וועלען מיר אונז אפ ציהען פון דעם משפט. האבען די רבנן גזאגט צו אחשורוש פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ מיר זענען פאר טריבען גיווארען פון אונזער לאנד. איז פון אונז צו גענומען גיווארען אונזער חכמה. אונ מיר ווייסען ניט ווי צו משפטין נפשות. נאר גיי צו עמון אונ מואב זיי זיצען אויף זייער ארט אזוי ווי וויין וואס זיצט אויף זיינע הייוון. זאגט די גמרא די רבנן האבען גוט גזאגט צו אחשורוש. ווארום עס שטייט אין פסוק מואב זיצט שטיל פון זיין יוגענד אונ ער זיצט רוהיג אויף זיינע הייוון. אונ ער איז ניט גיגאסען גיווארען פון איין כלי אין די אנדערע כלי. אין גלות איז ער ניט גיגאנגען. דריבער איז געבליבען אין איהם זיין טעם. אונ זיין גישמאק איז ניט אויס גיוועפט גיווארען. באלד האט אחשורוש אן גיהויבען צו שמועסין מיט די שרים וואס זענען גיזעסען נאנט פון איהם. כרשנא שתר אדמתא תרשיש מרס מרסנא ממוכן. רבי לוי זאגט דער פסוק שמועסט פון די קרבנות וואס יודען האבען מקריב גיוועזען אין בית המקדש. והקרוב אליו. איז טייטש וואס מען האט מקריב גיוועזען צו איהם. צו גאט. אונ אין דעם זכות פון די קרבנות איז גיהרגת גיווארען ושתי. אונ אסתר איז גיווארען א מלכה. כרשנא. די מלאכים האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם האבען דיא פעלקער פאר דיר מקריב גיוועזען שעפסין וואס זענען אלט גיוועזען א יאהר. אזוי ווי די יודען האבען מקריב גיוועזען. וכרשנא איז צוויי ווערטער. כר שנה. א שעפס פון א יאהר). שתר. האבען די פעלקער פאר דיר מקריב גיוועזען צוויי אלטע טויבען אזוי ווי די יודען האבען מקריב גיוועזען. ושתר איז צוויי ווערטער. שתי תורים. צוויי אלטע טויבען). אדמתא. האבען די פעלקער גימאכט פאר דיר א מזבח פון ערד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק א מזבח פון ערד זאלסטו פאר מיר מאכען. אזוי ווי די יודען האבען גימאכט. אדמתא איז טייטש ערד). תרשיש. האבען די פעלקער בדינט פאר דיר מיט די קליידער וואס דוא האסט גיהייסען מאכען די כהנים אונ דעם כהן גדול. וואס עס שטייט ביי זיי תרשיש שהם

וישפה

טרס כלום מרטו לפניך בדם. מרסנא כלום מרסו לפניך כמנחות. ממוכן כלום הכינו לפניך שולחן של לחם הפנים. מיד ויאמר ממוכן תנא ממוכן זה המן ולמה נקרא שמו ממוכן שמוכן לפורענות אמר רבי (אבא בר) כהנא מכאן שהדיוט קופץ בראש. להיות כל איש שורר בביתו אמר רבא אלמלא אגרות ראשונות לא נשתייר משונאיהם של ישראל שריד ופליט אמרי מאי האי דשדר לן להיות כל איש שורר בביתו פשיטא דאפילו קרחה בביתיה פרדשכא ליהוי. ויפקד המלך פקידים (אמר רב נחמן) אמר רבא מ"ד (משלי יג) כל ערום יעשה בדעת וכסיל יפרוש אולת כל ערום יעשה בדעת זה דוד מלך ישראל דכתיב ביה (מלכים א א) ויאמרו לו עבדיו יבקשו לאדוני המלך נערה בתולה וכל מאן דהוה ליה ברתא אייתר הליה. וכסיל יפרוש אולת זה אחשורוש דכתיב ביה ויפקד המלך פקידים דמאן דהוה ליה ברתא אטמרה מיניה:

יקרים (כדי שיכיר) [ושוב לא] ראוי למריקה: מרסו לפניך במנחות. לבולל עם השמן מנחת לשון מגים: מוכן לפורענות. מועד להיות מלוי: מכאן שהדיוט קופץ בראש. דברי מגה לאו הכתוב לבסוף אלמלא גזרו היה מלוגו וקפץ בראש: אלמלא אגרות הראשונות. שהוחזק בהן שטות בעיני האומות: לא נשתייר משונאי ישראל שריד ופליט. שהיו ממהרין להרוג כדבר המלך באגרות האמצעיות ולא היו ממתינין ליום המועד: דאמרי מאי האי דשדר לן. אמרו האומות מה זו שולח לנו שיהא אדם שורר בביתו פשיטא אפילו הגרדן בביתו שר הוא: פרדשכא. פקיד ונגיד: נערה. דוד לא בקש אלא אחת לסיכן כל אדם בתואר לשולחו את בתו אולי תיטב בעיניהם ואחשורוש שהיה כסיל צוה לקבץ את כולם בכל יודעין שלא יבא אלא אחת ואת כולם יבעול מתוך דהוה ליה ברתא אטמרה:

יח איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי וגו' [איש ימיני] מה (נשך) [קאמר] אי ליחוסיה

---

וישפה. טרס. האבען דיא פעלקער געמישט פאר דיר בלוט צו שפריצען אויף דעם מזבח מרסנא. האבען די פעלקער געמישט פאר דיר מנחות. אום צו מישען די מעהל מיט די בוימאייל ממוכן. האבען די פעלקער אנגיברייט פאר דיר אטיש מיט דעם לחם הפנים. אזוי וויא דיא יודען האבען גיטאהן, באלד ווי די מלאכים האבען דאס גזאגט פאר גאט. האט ממוכן גזאגט, ממוכן איז המן. פאר וואס רופט מען איהם ממוכן. ווייל ער איז געוועזען גיברייט צו פורענות, רב כהנא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז אפראסטער מענטש שפרינגט ארוים צו ערשט זאגען זיין דעה. ווארום ממוכן איז געציילט דער לעצטער. אונ ער האט גזאגט זיין דעה פריער וויא אלע. אין פסוק שטייט אחשורוש האט געשיקט בריף אין אלע לענדער אז יעדער מאן זאל זיין דער העררשער אין זיין שטוב. רבא זאגט ווען ניט די ערשטע בריף וואלט פון דיא יודען גאר ניט געבליבען. ווען עס זענען גיקומען די אנדערע בריף פון המן מען זאל הרגנן די יודען וואלט מען זיי באלד גיהרגת. אונ זיי וואלטען גאר ניט גיווארט ביז דעם דרייצעהנטין אדר. נאר באלד ביי די ערשטע בריף האבען אלע גיזעהן אז אחשורוש איז אנאר. ווארום זייא האבען גזאגט וואס האט ער אונז געשיקט. יעדער מאן זאל הערשען אין זיין הויז. געוויס איז אזוי. אפילו דער קלענסטער מענטש איז אויך אהאר ביי זיך אין שטוב. אין פסוק שטייט דער מלך האט אויף גינומען עלצטע מען זאל איהם ברענגען אלע מיידלאך פון אלע לענדער. רבא זאגט אין פסוק שטייט יעדער קלוגער טוהט מיט חכמה. דאס מיינט מען דוד המלך ביי איהם שטייט זיינע קנעכט האבען גזאגט צו איהם מיר וועלין זוכען פאר אונזער האר אמיידיל אבתולה. ווער עס האט גיהאט אמיידיל האט ער זי גיבראכט פאר די קנעכט פון דוד. אויב זיא איז ניט גיפעלין די קנעכט. האבען זיי איר גילאזען אין דער היים. אונ אויב זי איז גיפעלין האבען זיי איר גיבראכט צום מלך דוד. אונ מער האט מען שוין ניט גינומען. אונ דער נער רעט נארעשקייט. דאס מיינט מען אחשורוש. ביי איהם שטייט ער האט איף גענומען עלצטע זיי זאלען צו זאמען נעמען אלע מיידלאך פון די גאנצע וועלט אונ מען זאל זיי ברענגען צו איהם. אלע האבען געוואוסט אז ער וועט נאר נעמען איינע. אונ מזנה וועט ער זיין מיט אלע. דריבער ווער עס האט גיהאט אטאכטער האט ער זי בעהאלטען:

יח איש יהודי. איוד איז גיוועזען אין שושן הבירה. זיין נאמען איז גיוועזען מרדכי בן

יאיר

ליחסיה קא אתא ליחסיה וליזיל עד בנימין בר יעקב ס"ש הני תלתא ותו לא. תנא כולן על שמו נקראו בן יאיר בן שהאיר עיניהם של ישראל בתפלתו. בן שמעי בן ששמע אל תפלתו. בן קיש (שנקש) [שהקיש] על דלתי רחמים ונפתחו לו. קרי ליה יהודי אלמא מיהודה קאתי וקרי ליה ימיני אלמא מבנימין קאתי אמר רב נחמן מרדכי מוכתר בנימוסו היה רבה בר רב הונא

מוכתר בנימוסו כו'. בנמות נהיה נימוס בס בלשון יוני כעדי לא גרסינן וה"ג אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יהושע בן לוי וכו' (ואית דגרסי כעדי דבכ"ח שהוא מוכתר בנימוסו שהיו קורין בר בר משום יקרות כעדי כמו כבדי כמו עדה לאמרה כדא אמרה ואינו מפי מורי): דלא קטליה דוד לשמעי. שהיה חייב מיתה: לאיך גיסא. לצפון ולא לנבות איש יהודי ואיש ימיני גרמו לי שנעשה כן: איתי גוברין יהודאין וגו'.

רבה בר בר חנה משמיה דר' יהושע בן לוי אמרו אביו מבנימין ואמו מיהודה ורבנן אמרי משפחות מתגרות זו בזו משפחת יהודה אומרת אנא גרמי דמתיליד מרדכי דלא קטליה דוד לשמעי בן גרא ומשפחת בנימין אומרת מיני קאתי רבא אמר כנסת ישראל היא דקאמרה להך גיסא ולהך גיסא ראו מה עשה לי יהודה ומה שלם לי ימיני. מה עשה לי יהודה (דף יג) דלא קטליה דוד לשמעי בן גרא שאלמלי לא היה שמעי בן גרא וקטליה דוד לא הוה מתיליד מרדכי דמקני ביה המן (וגרם ליה צער לישראל) ומה שלם לי ימיני דלא קטליה שאול לאגג שאלמלא לא היה אגג וקטליה שאול לא הוה מתיליד המן (דמקני ביה מרדכי) וגרם ליה צערא לישראל ורבי יוחנן אמר לעולם מבנימין קאתי ואמאי קרי ליה יהודי על שם שכפר בע"ז שכל הכופר בע"ז נקרא יהודי שנאמר (דניאל ג) איתי גוברין יהודאין די

---

יאיר בן שמעי בן קיש איש ימיני. פרעגט די גמרא וואס מיינט דער פסוק. אויב מען מיינט צו רעכענען דעם יחוס פון מרדכי. זאל מען איהם רעכענען ביז בנימין בן יעקב פאר וואס רעכענט מען נאר דריי ניט מעהר ענטפערט די גמרא מיר האבן גילערנט די אלע זענען גיוועזען מרדכים נעמען. ער האט גיהייסען מרדכי אונ בן יאיר אונ בן שמעי. אונ בן קיש. אונ ער איז גיוועזען פון שבט בנימין. די פאטער אונ מוטער האבין אים גירופען מרדכי ווען ער איז גיבארין גיווארען. דער נאך האט מען אים גירופען בן יאיר. ווייל ער האט ליכטיג גימאכט די אויגען פון די יודין מיט זיין תפלה. בן שמעי. ווייל גאט האט גיהערט זיין תפלה. בן קיש. ווייל ער האט גיקלאפט אויף די טירען פון רחמנות אונ מען האט זיי גיעפינט פאר איהם. פרעגט די גמרא מען רופט אים איש יהודי איז ער דאך גיוועזען פון שבט יהודה. אונ מען רופט אים ימיני איז ער דאך גיוועזען פון שבט בנימין. האט רב נחמן גזאגט מרדכי האט גיהאט שיינע נעמען. פיר נעמען אזוי ווי פריער שטייט. אונ מען האט איהם גירופען יהודי נייל ער איז גיוועזען איוד. ניט ווייל ער איז גיוועזען פון שבט יהודה. ווארום ער איז גיוועזען פון שבט בנימין. רבה בר רב הונא אונ רבה בר בר חנה זאגין פון רבי יהושע בן לוים וועגין דער פאטער פון מרדכי איז גיוועזען פון שבט בנימין אונ זיין מוטער איז גיוועזען פון שבט יהודה. די רבנן זאגין דער שבט יהודה האבין גיקריגט מיט דעם שבט בנימין. דער שבט יהודה האט גיזאגט איך האב גיבראכט אז מרדכי איז גיבארין גיווארען. ווייל דוד האט ניט גיהרגת שמעי בן גרא. אונ דער שבט בנימין האט גיזאגט פון מיר איז דאך מרדכי גיבאהרין גיווארין. רבא זאגט די יודין שרייען אויף די ביידע שבטים. זעהט וואס דער שבט יהודה האט מיר גיטאהן. אונ וואס דער שבט בנימין האט מיר גיטאהן. דער שבט יהודה האט מיר גיטאהן איין צרה. וואס דוד האט ניט גיהרגת שמעי בן גרא. ווארום אז דוד וואלט גיהרגת שמעי בן גרא וואלט ניט גיבאהרין גיווארין מרדכי וואלט קיינער ניט גיקריגט מיט המן. וואלט ניט גיוועזען די גזרה מען זאל יודין הרגנן. אונ דער שבט בנימין האט אויך גיטאהן א צרה. וואס שאול האט ניט גיהרגת אגג. ווארום אז שאול וואלט גיהרגת אגג. וואלט ניט גיבארין גיווארען המן. וואלט ניט גיוועזען קיין גזרה מען זאל יודין הרגנן. רבי יוחנן זאגט מרדכי איז טאקי גיבארין נאר פון שבט בנימין. נאר פאר וואס רופט מען אים יהודי.

ווייל

די מנית יתהון וגו׳ כדרבי שמעון בן פזי דאמר רבי שמעון בן פזי (נ״א ר״ש בן פזי כי הוה פתח בדברי הימים אמר. וכן יראה כפרש״י שאינו גורס כרר״ש וכו׳) דכי הוה פתח אכא פזי בדברי הימים אמר כל דבריך אחד הם ואנו יודעין לדורשן (ד״ה א ד) ואשתו היהודיה ילדה את ירד אבי גדור ואת חבר אבי שוכו ואת יקותיאל אבי זנוח ואלה בני בתיה בת פרעה אשר לקח מרד (וכי יהודיה שמה והלא בתיה שמה ולמה נקרא שמה יהודיה על שכפרה בע״ז דכתיב (שמות ב) ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור וא״ר יוחנן (משום ר״ש בן יוחאי מלמד) שירדה לרחוץ מגלולי בית אביה. ילדה והא רבויי רביתיה אלא לומר לך שכל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו. ירד זה משה ולמה נקרא שמו ירד שירד להם לישראל מן בימיו (ובשבילו). גדור שגדר פרצותיהן של ישראל. חבר שחבר את ישראל לאביהם שבשמים. סוכו שנעשה להם לישראל כסוכה. יקותיאל שקוו ישר ל (לאביהם שבשמים) [לאל] בימיו. זנוח שהזניח עונותיהם של ישראל. אבי אבי אבי אב בחכמה אב בתורה אב בנביאים. ואלה בני בתיה בת פרעה אשר לקח מרד וכי מרד שמו והלא כלב שמו אמר הקב״ה

וסיפא דקרא לאלוך לא פלחין: כל דבריך אחד הן. כנגד הכם היה מדבר כל דבריך דברי הימים אחד הן הרבה במות אחד מזכיר פלוני ופלוני וכלם אדם אחד הן: ואנו יודעין לדרשן. אע״פ שאתה סתמת אותם אנו נותנין את לבנו עד שאנו יודעין לדרשן ומשום דאתרי׳ לעיל כל הכופר בע״ז נקרא יהודי נקט להאי קרא הכא: ואשתו היהודיה. לעיל מיניה מתהעי קרא בכלב ובני כלב בן יפנה עידו אלה ונועה ואשתו היהודיה וגו׳: והלא בתיה שמה. דכתיב בסיפיה אלה בני בתיה וגו׳: לרחוץ. לטבול לשם גירות: והלא כלב שמו. דהא בכלב מתהעי קרא: כ״ג וישא בסיה במרדכ בגילולי

ווייל ער האט געלייקנט אין די עבודה זרה. אונ דער וואס לייקנט אין די עבודה זרה הייסט יהודי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איתי גוברין יהודאין. עס זענען דא יודין וואס בוקין זיך צום צלם פון נבוכדנצר. רבי שמעון בן פזי האט געזאגט אז מיין פאטער פזי האט אן געהויבען צו לערנען דעם ספר דברי הימים. האט ער געזאגט צום ספר דיינע אלע רייד זענען איינס. די רופסט אמאהל איין מענטשין מיט פיל נעמען. אונ מיר ווייסען צו דרשנן אלע נעמען. אין פסוק שטייט זיין ווייב יהודיה האט געבאהרען דעם ירד אבי גדור אונ חבר אבי סוכו. אונ יקותיאל אבי זנוח. דאס זענען די קינדער פון בתיה בת פרעה וואס מרד האט איהר גינומען פאר א ווייב. איז דאך א קשיא פריער רופט ער זיא יהודיה דער נאך רופט ער זיא בתיה. נאר דאס איז טאקי געוועזן בתיה די טאכטער פון פרעה. אונ ווייל זיא האט געלייקנט אין די עבודה זרה דריבער רופט ער זיא יהודיה. ווארום עס שטייט אין פסוק די טאכטער פון פרעה האט געניטערט צום טייך זיך צום וואשין. האט רבי יוחנן געזאגט זיא איז געגאנגען אפ צו וואשין זיך ומטובל זיין פון די עבודה זרה וואס זיא האט געדינט ביי איר פאטער. אין פסוק שטייט יהודיה האט געבארין די קינדער זיא האט דאך זיי ניט געבארען נאר זיא האט זייא גיצאדעוועט. נאר דער פסוק זאגט אונז אז איינער אדעוועט א יתום ביי זיך אין שטוב איז גלייך ווי ער וואלט איהם געבאהרען. ירד מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען איהם ירד. ווייל אין זיין צייט האט געניטערט מן צו די יודין. גדור מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען אים גדור. ווייל ער האט פארצאמט די אוים ברעכונג פון די יודין. חבר מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען איהם חבר. ווייל ער האט באהעפט די יודין צו זייער פאטער וואס אין הימעל. סוכו מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען איהם סוכו. ווייל ער האט בדעקט די יודין מיט וואלקינס גלייך וויא זיי וואלטען גיוועסין אין א סוכה. יקותיאל מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען איהם יקותיאל. ווייל אין זיין צייט האבען די יודין גיהאפט צו גאט. זנוח מיינט מען משה. פאר וואס רופט מען אים זנוח. ווייל ער האט פאר לאזט די זינד פון די יודין. דורך אים האט גאט מוחל גיוועזן די זינד פון די יודין. פאר וואס שטייט דריי מאהל אבי. ווייל משה איז גיוועזן ביא די יודין א פאטער אין חכמה אונ א פאטער אין תורה אונ א פאטער אין נבואה. אין פסוק שטייט דאס זענען די קינדער פון בתיה בת פרעה וואס מרד האט איר

נעמען

הקב"ה יבא כלב שמרד בעצת מרגלים וישא בתיה בת פרעה שמרדה בגלולי בית אביה. אשר הגלה מירושלים אמר רבא שגלה מעצמו. ויהי אומן את הדסה היא אסתר קרי לה אסתר וקרי לה הדסה תניא ר' מאיר אומר אסתר שמה ולמה נקרא שמה הדסה על שם הצדיקים שנקראו הדסים וכן הוא אומר (זכריה א) והוא עומד בין ההדסים אשר במצולה. רבי יהודה אומר הדסה שמה ולמה נקרא שמה אסתר מפני שהיתה מסתרת את דבריה שנאמר אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה. רבי נחמיה אומר הדסה שמה ולמה נקרא שמה אסתר שהאומות היו קורין אותה על שם אסתהר. בן עזאי אומר אסתר שמה ולמה נקרא שמה הדסה מפני שהיתה בינונית לא ארוכה ולא קצרה אלא בינונית כהדס רבי יהושע בן קרחה אומר אסתר ירקרוקת היתה וחוט של חסד משוך עליה. כי אין לה אב ואם (וכתיב) ובמות אביה ואמה למה לי אמר רב (חסדא) [אחא] עיברתה אמה מת אביה ילדתה אמה מתה אמה. לקחה מרדכי לו

ביה אביה. ולכך נשתנה שמה בליקוחין הללו: שגלה מעצמו. מדלא כתיב אשר היה מן הגולה אשר הגלהם וכתיב אשר הגלה עם הגולה משמע שלא היה מהם שאחר הגולים גלו על כרחם והוא גלה מעצמו כמו שהיה ירמיה גולה עצמו עד שאמר לו הקב"ה חזור: בין ההדסים אשר במצולה. בין הצדיקים שגלו לבבל ושכינה מתחתי קרא: אסתהר. ירח יפה כלבנה: ירקרוקת היתה. כה"ם אלא חוט של חסד משוך עליה מאת הקב"ה ולכן היתה נראית יפה להאומות ולאחשורוש: ובמות אביה ואמה למה לי. מאחר דכתיב כי אין לה אב ואם אלא ללמדנו כל שאפי' יום אחד לא היה לה אב ואם: שכיון שעיברה אמה מת אביה: ומאלא שלא היה לה אב משעה שנראה לבקרות אב: אבילדסה אמה מתה אמה. ולא נראים לבקרות

---

גענומען פאר אווייב. האט דען איר מאן געהייסען מרד. ער האט דאך געהייסען כלב. נאר אזוי מיינט מען נאט האט גזאגט זאל קומען כלב וואס ער האט ווידער געשפעניגט די עצת פון די מרגלים אונ ער זאל נעמען פאר אווייב בתיה די טאכטער פון פרעה וואס זיא הט ווידער געשפעניגט די עבודה זרה פון איהר פאטער. ומרד איז טייטש ווידער שפעניגען. אין פסוק שטייט אשר הגלה מירושלים עם הגולה. מרדכי איז פאר טריבען געווארין פון ירושלים מיט די פארטריבענע. רבא זאגט מרדכין האט מען ניט פאר טריבען. נאר ער איז אליין פאר טריבען געווארין. ער האט געזעהן אלע יודין ווערין פארטריבען איז ער מיט גגאנגען מיט זיי. אין פסוק שטייט ער האט דער צויגין די הדסה דאס איז אסתר. מען רופט איר אסתר אונ מען רופט איר הדסה. ווייסין מיר ניט וויא זיא האט געהייסען. מיר האבין גילערינט רבי מאיר זאגט איר נאמען איז געווען אסתר. נאר פאר וואס האט מען איר גירופען הדסה. ווייל זיא איז געווען אצדקת. אונ צדיקים ווערין גירופין הדסים. אונ אזו שטייט אין פסוק גאט איז געשטאנען צווישען די הדסים וואס אין דער טיפעניש. צווישען די צדיקים וואס אין בבל. רבי יהודה זאגט איר נאמען איז געווען הדסה. נאר פאר וואס האט מען איר גערופען אסתר. ווייל זיא האט פאר באהאלטען איהרע רייד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אסתר האט ניט גזאגט פון וועמען זיא איז געבארען געווארען אונ ניט פון וועלכען פאלק זיא איז. רבי נחמיה זאגט איהר נאמען איז געווען הדסה. נאר פאר וואס האט מען איר גירופען אסתר. ווייל די פעלקער האבין איר גירופען אסתהר. לבנה. ווייל זיא איז געווען שיין ווי די לבנה. ואין פערסיען רופט מען די לבנה אסתהר. בן עזאי זאגט איהר נאמען איז געווען אסתר. נאר פאר וואס האט מען איר גירופען הדסה. ווייל זי איז געווען אמיטעלע ניט אלאנגע אונ ניט אקורצע נאר אמיטעלע אזוי וויא אהדס. רבי יהושע בן קרחה זאגט אסתר איז געווען גרין אזוי ווי אהדס נאר גאט האט אויף איר גיצויגען אפאדים פון חסד. אביסעל חסד האט איהר גאט גיגעבען איז זיא געווען מיט חן ביי אחשורוש אונ ביי אלע פעלקער. אין פסוק שטייט אסתר האט ניט גיהאט קיין פאטער אונ מוטער. דער נאך שטייט אז איהר פאטער אונ מוטער איז געשטארבען צו וואס שטייען ביידע פסוקים. אז די פאטער אונ מוטער זענען געשטארבען. האט זי דאך ניט גיהאט קיין פאטער אונ מוטער. האט רב אחא גזאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז זיא הט נאר ניט געזעהן איהר פאטער אונ מוטער אפילו איין טאג אויך ניט. ווען איר

פאטער

לו לבת תנא (רבי) [משום] ר"מ אל תקרי לבת אלא לבית וכן הוא אומר (שמואל ב יב) ולרש אין כל כי אם כבשה אחת קטנה אשר קנה ויחיה ותגדל עמו ועם בניו יחדו מפתו תאכל ומכוסו תשתה ובחיקו תשכב ותהי לו כבת משום (דמפתו תאכל) [ובחיקו תשכב] ותהי לו כבת אלא כבית ה"נ לבית. ואת שבע הנערות הראויות לתת לה אמר רבא מלמד שהיתה מונה בהן שבעת ימי שבת:

**וישנה** ואת נערותיה לטוב אמר רב שהאכילה מאכל יהודי ושמואל אמר שהאכילה קדלי דחזירי ורבי יוחנן אמר שהאכילה זרעונים וכה"א (דניאל א) ויהי המלצר נושא את פתבגם ויין משתיהם ונותן להם זרעונים. ששה חדשים בשמן המור מאי שמן המור (רב הונא בר חייא) [ר' חייא בר אבא] אמר סטכת (ורב ירמיה בר אבא) [רב הונא] אמר שמן זית שלא הביא שליש תניא ר' יהודה אומר אנפקינון שמן זית שלא הביא שליש ולמה סכין אותו שמשיר את השער

אלא: ולרש אין כל. בחוריס כתוי מכתוי קרא: כבשה אחת. זו בת שבע: שהיתה מונה בהן ימי השבת. אחת מהן קראה אחד בשבת לשרה כחאה בשבת ואחת בב' וכן לכולם ובהגיע יום שאחת של שבת יודעת שהיום יום שבת הוא:

קדלי דחזירי. בקינ"ג בלע"ז בתנים ומתוך אונסה לא נענשה: וכה"א. שהזרעונים טובים לצדיקים שמתאוים להבדיל עצמם ממאכלי טמא: ויהי המלצר נושא וגו'. בדניאל וחבריו משתעי קרא וכתיב בההוא ענינא ולמקצת ימים עשרה נראה מראיהם טוב ובריאי בשר: אנפקינון שמן זית שלא הביא שליש. גבי מנחות תנן אין מביאין אנפקינון ואם הביא פסול ועלה קאי ר"י ואמר מאי

---

מוטער איז מיט איר מעוברת געווארען איז איר פאטער געשטארבען. אונ ווען די מוטער האט איר געבארען. איז די מוטער געשטארבען. אין פסוק שטייט מרדכי האט איהר גענומען צו זיך לבת. מיר האבין געלערונט פון רבי מאירס וועגן זאלסט ניט לייענען לבת. צו אטאכטער. נאר לבית. צו אשטוב. דאס מיינט מען פאר אווייב. אונ אזו שטייט אין פסוק דער ארעם מאן האט גאר ניט געהאט נאר איין שעפסיל אקליינע וואס ער האט איר געקויפט אונ ער האט איהר ערנערט אונ זיא האט זיך געפארעוועט מיט אים אונ מיט זיינע קינדער צו זאמען. פון זיין ברויט האט זיא געגעסען אונ פון זיין גלאז האט זיא געטרונקען. אין זיין שויס איז זיא געלעגין: אונ זיא איז געוועזען ביי אים כבת. אזוי ווי אטאכטער. פרעגט די גמרא ווייל זי איז געלעגען אין זיין שויס דריבער איז זיא געוועזען ביי אים אזוי וויא אטאכטער. נאר זאלסט ניט לייענען כבת. אזוי ווי אטאכטער. נאר זאלסט לייענען כבית. אזוי ווי אשטוב. אזוי ווי אווייב. אזוי דא. ביי אסתר זאלסטו ניט לייענען לבת. צו אטאכטער. נאר לבית. צו אשטוב. צו אווייב. אין פסוק שטייט מען האט געגעבין צו אסתר זיבען מיידלאך צום בריינגען. רבא זאגט מיט די מיידלאך האט אסתר געציילט די טעג אין וואך צו וויסען ווען עס איז שבת. יעדער טאג האט איהר בריינגט איין אנדער מיידיל. די מיידיל וואס האט איהר בריינגט זונטאג האט מען איר גערופען זונטאג. אונ די מיידיל וואס האט איר בריינגט מאנטאג. האט מען איר גערופען מאנטאג. אונ אזוי אלע זיבען מיידלאך. אונ אז עס האט איהר בריינגט די מיידיל וואס האט געהייסען שבת. האט אסתר געוואוסט אז דער טאג איז שבת:

**וישנה.** המן האט געענדערט אסתרין מיט אירע מיידלאך צו גוטען. רב זאגט ער האט איר געגעבען יודישע עסין. שמואל זאגט ער האט איר געגעבען עסין פעטע חזיר. רבי יוחנן זאגט ער האט איר געגעבען עסען ארבעס. אונ ביי דניאל חנניה מישאל ועזריה איז אויך אזוי געוועזען. זיי האבין אויך געגעסען ארבעס. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דער מלצר האט געטראגען צו זיך אהיים דאס עסין פון מלך אונ דיא וויין וואס מען האט געגעבען פון זייערט וועגין. אונ זיי האט ער געגעבען ארבעס. אין פסוק שטייט זעקס חדשים האבען זיך דיא ווייבער געשמירט מיט שמן המור. וואס איז שמן המור. רבי חייא בר אבא זאגט דאס איז אזעלכע בוימאייל וואס הייסט סטכת. רב הונא זאגט דאס איז בוימאייל פון איילבירטען וואס האבען נאך ניט געוואקסען אדריטול ווי זיי דארפען וואקסען. מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט אנפקינון איז אזעלכע בוימאייל פון איילבירטען וואס האבען נאך ניט געוואקסען אדריטול

ווי

השער ומעדן את הבשר. בערב היא באה ובבקר היא שבה אמר רבי יוחנן מגנותו של אותו רשע למדנו (צניעות שלו) [שבחו] שלא שמש מטתו ביום אלא בלילה. ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה אמר רבי אלעזר מלמד שלכל אחד ואחד מרואיה נדמתה לו כאומתו. ותלקח אסתר וגו' הוא חדש טבת אמר רב חסדא ירח שהגוף נהנה מן הגוף. ויאהב המלך את אסתר מכל הנשים ותשא חן וחסד לפניו מכל הבתולות (קרי לה אשה וקרי לה בתולה) אמר רב (חסדא) בקש לטעום טעם בתולה טעם. טעם בעולה טעם. ויעש המלך משתה גדול עבד משתיא ולא גליא ליה (והנחה למדינות עשה) דלי כרגא ולא גליא ליה (ויתן משאת כיד המלך) שדר פרדשני ולא גליא ליה:

**ב ובהקבץ** בתולות שנית וגו'. אזל שקל עצה ממרדכי א"ל אין אשה מתקנאת אלא בירך חברתה ואפילו הכי (לא גליא ליה דכתיב) אין אסתר מגדת

פירש"י

מפקיקין: ומעדן. מלהיב ומגדיל אסקלוי"ר בלע"ז: גנותו. שלא שכב ה בועל נשים ומבלתן: שהגוף נהנה מן הגוף. מפני הצנה והעיד לך הכתוב (שהיו) מתכוונים מן השמים לחבבה על בעלה: בקש לטעום טעם בתולה טועם בעולה טועם. ולכך נאמר מכל הנשים ומכל הבתולות: עבד משתיא וכו'. חזר בכמה ענינים לפייסה שתגלה לו מולדתה ולא הועיל מדסמיך ליה לגלוי קרא ובהקבץ בתולות שנית וגו' אין אסתר מגדת וגו' ועבד משתיא (לשם) סעודתה לכבודה מה שלא עשה לכל שאר נשים: דלי כרגא. אמר בשביל אסתר אני מניח לכם כסף גולגליותיכם והיינו דכתיב והנחה למדינות עשה: שדר פרדשני. דורונות לשרים בשמה היינו דכתיב ויתן משאת גו':

מגרת

---

ווי זיי דארפען וואקסען. צו וואס שמירט מען זיך מיט אזעלכע בוימאייל. ווייל די בוימאייל ווארפט אראפ די האר פון לייב. אונ עס מאכט איידיל דאס לייב. אין פסוק שטייט פארין נאכט פלעגט זי קומען צום מלך אונ אין דער פריא פלעגט זי צוריק גיין. רבי יוחנן זאגט פון די שאנדליכע זאך וואס דער רשע אחשורוש האט גיטאהן. צו מגנה זיין מיט אזוי פיל ווייבער. פון דעסטוועגין זעהן מיר זיין לויב. ער האט ניט מזנה גיוועזן מיט זיי ביי טאג נאר ביי נאכט. אין פסוק שטייט אסתר האט גיהאט חן אין די אויגען פון אלע מענטשין וואס האבען איר גיזעהן. רבי אלעזר זאגט דער פסוק לערנט אונז אז ווער עס האט גיזעהן אסתרין האט ער גימיינט אז זי איז פון זיין פאלק. האט איר גיזעהן איינער פון מדי. האט איהם גידוכט אז אסתר איז אויך פון מדי. האט איר גיזעהן איינער פון פערסיען. האט איהם גידוכט אז אסתר איז אפערסיאנערין. אונ אזוי אלע פעלקער. אין פסוק שטייט אסתר איז גינומען גיווארען צוא אחשורוש אין חודש טבת. האט רב חסדא גזאגט ווייל דאס איז אחודש וואס איז קאלט האט הנאה איין גוף פון דעם אנדערין גוף. זאגט אונז דער פסוק אז פון הימעל האט מען אן גיבריים אסתר זאל קומען צו אחשורוש אין דעם חודש. זי זאל ביי איהם גליבט ווערין אונ זאל בלייבען אמלכה. אין פסוק שטייט דער מלך האט ליב גיהאט אסתרין מער ווי אלע ווייבער אונ זי האט גיהאט ביי איהם חן מער ווי אלע בתולות. רב זאגט אז אחשורוש הט גיוואלט האבען פון אסתרין דעם פערגעניגען פון אמיידיל. האט ער גיהאט. אז ער האט גיוואלט האבען דעם פערגעניגען פון אווייבעל. האט ער אויך גיהאט. אין פסוק שטייט דער מלך האט גימאכט אגרויסען באל. האט ער גימיינט זי וועט אים זאגען ווער זי איז. אונ זי האט ניט גזאגט. ער האט אראפ גינומען פאדאטקעס פון די מדינות. האט ער גימיינט זיא וועט איהם זאגען פון וועלכע מדינה זיא איז. ער זאל אין דער מדינה מער פאדאטקעס שיינקען. אונ זיא האט ניט גזאגט. ער האט גישיינקט מתנות צו פיל מענטשין. האט ער גימיינט זיא וועט זאגען ווער איר פאמיליע איז. מען זאל זיי אויך שיינקען מתנות. אונ זיא האט ניט גזאגט:

ב ובהקבץ. מען האט פאר זאמעלט די בתולות נאך צמאהל. צו וואס האט מען זייא פאר זאמעלט. זאגט די גמרא אחשורוש האט גיפרעגט אעצה ביי מרדכי וואס ער זאל טאהן אסתר זאל איהם זאגען ווער זי איז. האט מרדכי גזאגט צו אחשורוש אאשה פאר דריסט ניט קיין זאך אזוי שטארק ווי עס פאר דריסט איר אז דער מאן גיסט נאך אווייב. דריבער הט

מען

מגדת מולדתה ואת עמה אמר רבי (חמא) [אלעזר] מ"ד (ע"ב) (איוב לו) לא יגרע מצדיק עיניו בשכר צניעות שהיה ברחל זכתה ויצא ממנה שאול ובשכר צניעות שהיה בשאול זכה ויצאה ממנו אסתר. ומאי צניעותא דהויא ברחל דכתיב (בראשית כט) ויגד יעקב לרחל כי אחי אביה הוא וכי אחי אביה הוא והלוא בן אחות אביה הוא אלא אמר לה מנסבת לי אמרה ליה אין מנסיבנא לך אלא אבא רמאי הוא ולא מצית למיקם ביה אמר לה אי רמאי הוא אחות אנא ברמאותא אמרה ליה ומי שרי לצדיקי לסגויי ברמיותא אמר לה אין דכתיב (תהלים יח) עם נבר תתברר ועם עקש תתפתל. אמר לה ומאי רמאותיה אמרה ליה אית לי אחתא דקשישא מנאי ולא מנסיב לי מקמה (וכי מטא ההוא יומא מעייל לה לגבך מה עשה יעקב) מסר לה סימנין לרחל כי מטא ההוא (יומא) [ליליא] (ועייל לית ללאה) אמרה רחל השתא מכספא אחתאי מיד אותן סימנין שנתן יעקב לרחל מסרתן רחל ללאה והיינו דכתיב (בראשית כט) ויהי בבקר והנה היא לאה מכלל דעד השתא לאו לאה היא אלא מתוך סימנין שמסר

שמסר

לא יגרע מצדיק עיניו. מתן עין במעשה הצדיק לגלם גמולו אף לימים רבים מדה כמדה. זכתה ויצא ממנה שאול. שהיה לנוע: ויצאה ממנו אסתר. בתרגום של מגילה מייחס מרדכי ועושהו עשירי לשאול ומשאול עד בנימין וכתיב בית אסתר בת דודו ואין לו ראיה אחרת בכתובים שיוצאה משאול: מסרתן ללאה. וזו צניעות שלא יתפרסם הדבר שמסר לה סימנים (שלא להבייש): שנאמר לא יגרע מצדיק עיניו. וסופיה דקרא

---

מען פאר זאמעלט די בתולות נאך אמאהל · אסתר זאל מיינען אז אחשורוש וויל נעמען נאך אנווייב · ווייל זי זאגט ניט ווער זי איז · פון דעסטוועגין האט אסתר ניט געזאגט ווער זיא איז · רבי אלעזר האט געזאגט עס שטייט אין פסוק גאט נעמט ניט אוועק זיינע אויגען פון דעם צדיק · נאר פאר יעדער גוטע זאך וואס דער צדיק טוהט · בצאהלט איהם גאט זיין גוטען לוין · ווייל רחל איז געוועזן אצנועה האט זי זוכה געוועזן פון איר זאל געבארען ווערין שאול המלך · און ווייל שאול המלך איז געוועזן אגרויסער צנוע · האט ער זוכה געוועזן פון איהם זאל געבארען ווערין אסתר המלכה · זאגט די גמרא וועלכע צניעות איז געוועזן ביי רחל · ווארום עס שטייט אין פסוק יעקב האט געזאגט צו רחל אז ער איז איר פאטערס אברודער · איז דען יעקב געוועזן איר פאטערס ברודער · ער איז דאך געוועזן דער זוהן פון איר פאטערס שוועסטער · נאר אזוי איז געוועזן · יעקב האט געזאגט צו רחל דו וועסט צו מיר גינומען ווערין פאר אווייב · האט רחל געזאגט צו יעקב יא איך וועל צו דיר גענומען ווערין · נאר מיין פאטער איז אגרויסער שווינדלער און דוא וועסט ניט קענען האנדלען מיט איהם · האט יעקב צו איר געזאגט אויב ער איז אשווינדלער · אין שווינדלען בין איך זיינער אברודער · איך קען שווינדלען אזוי גוט ווי ער · האט רחל געזאגט צו יעקב מעגין צדיקים גיין מיט פאלשקייט · האט יעקב צוא איר געזאגט יא · אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט אריינעם מענטשין זאלסטו גיין מיט ריינקייט · און מיט אפאר קרימטען מענטשין זאלסטו גיין פאר קרימט · האט יעקב געזאגט צו רחל וואס וועט זיין די פאלשקייט פון דיין פאטער אין דער זאך · האט רחל צו איהם געזאגט איך האב איין עלטערע שוועסטער וועט מיין פאטער מיך ניט חתונה מאכען פריער פאר איר · און אז עס וועט קומען דער טאג פון דער חתונה וועט דיר מיין פאטער געבין מיין שוועסטער · וואס האט יעקב גיטאהן ער האט גימאכט אסימן [אצייכען] מיט רחלן · ער האט איר געזאגט וואס ער וועט ביי איר פרעגין · און וואס זי זאל איהם ענטפערין · אז עס איז גיקומען ביי נאכט · און רחל האט גיזעהן אז דער פאטער וויל אריין פירען לאה צו יעקב · האט רחל גיטראכט אז יעקב וועט פרעגין די צייכענס צו לאה און זי וועט ניט וויסען צו ענטפערין · וועט דאך יעקב ניט וועלין זיין מיט איר · וועט דאך מיין שוועסטער פאר שעמט ווערין · האט רחל געזאגט צוא לאה די אלע צייכענס וואס יעקב האט איר געזאגט · דריבער איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אין דער פריא האט יעקב גיזעהן אז דאס איז לאה · און אגאנצע נאכט איז זיא ניט געוועזן לאה · נאר דורך די צייכענס וואס יעקב האט געזאגט צו רחל · און רחל האט געזאגט

יעקב לרחל ורחל מסרתן ללאה לא הוה ידע עד השתא לפיכך זכתה ויצא ממנה שאול ומאי צניעותא דשאול דכתיב (ש"א י) ויאמר שאול אל דודו הגד הגיד לנו כי נמצאו האתונות ואת דבר המלוכה לא הגיד לו אשר אמר שמואל לפיכך זכה ויצאה ממנו אסתר (ואסתר מאי היא דכתיב (אסתר ג) אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה). אמר רבי אלעזר (אמר רבי חנינא) כשהקב"ה פוסק לו גדולה לאדם פוסק לו ולבניו ולבני בניו עד סוף כל הדורות שנאמר (איוב לו) ויושיבם לנצח ויגבהו. ואם הגיס דעתו הקב"ה משפילו שנאמר (שם) ואם אסורים בזקים ילכדון בחבלי עוני. ואת מאמר מרדכי אסתר עושה אמר רבי (חנינא בר אבא) [ירמיה] מלמד שהיתה מראה דם [נדה] לחכמים. כאשר היתה באמנה אתו אמר (רבי אבא) [רבה] בר לימא כלמד שהיתה עומדת מחיקו של אחשורוש וטובלת ויושבת בחיקו של מרדכי:

ויושיבם לנצח ויגבהו וסיפיה נחלה לדורות: ואם הגיס דעתו. הכי סמיכי קראי ויושיבם לנצח ויגבהו ואם אסורים בזקים וגו' פ"י (שהיו מגביהין) [שמגביהין] עצמן באין לידי יסורין ועניות: וטובלת. מתממת נקיות שלא תהא מתוססת (לצדיק משכיבתו של לאחשורוש):

אדונים על עבדים. ויקצוף פרעה על שני סריסיו:

**בא בימים** ההם ומרדכי יושב בשער המלך קצף בגתן ותרש. אמר רבי (אחא) [חייא] בר אבא אמר רבי יוחנן הקציף הקב"ה אדונים על עבדים לעשות רצון צדיק ועבדים על אדוניהם לעשות (רצון צדיק) [נס לצדיק] אדונים על עבדים דכתיב (בראשית מא) פרעה קצף על עבדיו לעשות רצון צדיק וכנו יוסף דכתיב (שם) ושם אתנו נער עברי וגו'.

עבדים

---

צו לאה. האט יעקב ניט געוואוסט אגאנצע נאכט אז דאס איז לאה. ער האט געמיינט ער איז מיט רחל. דריבער וויל רחל האט ניט פאר שעמט איר שוועסטער. האט זי זוכה געוועזן אז פון איר איז געבארען געווארען שאול המלך. זאגט די גמרא וואס איז געוועזן די צניעות פון שאול המלך. ווארום עס שטייט אין פסוק שאול האט געזאגט צו זיין פעטער שמואל הנביא האט מיר געזאגט אז די אייזלען זענען געפונען געווארען. אונ דאס וואס שמואל האט איהם געזאגט אז ער וועט זיין א מלך האט ער ניט געזאגט דעם פעטער. וייל ער איז ניט גרוים געוועזן בייא זיך מיט דער מלוכה. דריבער האט ער זוכה געוועזן אז פון איהם איז געבארען געווארען אסתר:

רבי אלעזר האט געזאגט אז גאט גיט א מענטשין גרויסקייט. גיט ער די גרויסקייט צו איהם אונ צו זיינע קינדער אונ צו זיינע קינדערס קינדער ביז אייביג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויושיבם לנצח ויגבהו. ער האט זיי געזעצט אויף אייביג אין די גרויסקייט. אונ אויב דער מענטש איז גרויס ביי זיך. מאכט איהם גאט נידעריג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי וועלען געבונדען ווערין מיט קייטען. אונ זיי וועלען בצוואונגענע ווערין מיט די שטריק פון ארעמקייט. אין פסוק שטייט וואס מרדכי האט געזאגט האט אסתר געטאהן. רבי ירמיה זאגט דער פסוק לערונט אונז אז אסתר פלעגט ווייזען דם נדה צו די חכמים. זיי זאלען איר זאגען וועלכע בלוט איז נדה אונ טמא אונ וועלכע איז ניט קיין נדה אונ טהור. כאשר היתה באמנה אתו. אזוי ווי זי האט געטאהן ווען זי איז געוועזן געצויגען ביי מרדכי. רבה בר לימא זאגט דער פסוק לערונט אונז אז אסתר פלעגט אויף שטיין פון דעם שוים פון אחשורוש. אונ פלעגט זיך טובל זיין. דער נאך פלעגט זיא זיצען אין דעם שוים פון מרדכי זי איז געוועזן די וייב פון אחשורוש. אונ אווייב פון מרדכי:

**בא** בימים. אין די טעג אונ מרדכי איז געזעסען אין טויער פון מלך האט בגתן אונ תרש געצערונט אויף אחשורוש. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין אמאהל מאכט גאט דער בעל הבית זאל צערענען אויף זיינע קנעכט. צו טאהן דעם ווילען פון צדיק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרעה האט געצערונט אויף זיינע קנעכט. פון דעם איז געטאהן געווארין אנס צו יוסף. אונ אמאהל מאכט גאט די קנעכט זאלען צערענען אויף דעם בעל הבית. אזוי

פי

עבדים על אדוניהם (דכתיב קצף בגתן ותרש שני סריסי המלך משומרי הסף) לעשות (רצון צדיק) [נס לצדיק] ומנו מרדכי דכתיב ויודע הדבר למרדכי. א"ר (חייא בר אבא) [יוחנן] בגתן ותרש טרסיים הוו והיו מספרים לשון טורסי ואומרים זה לזה מיום שבאת זו לא ראינו שינה בעינינו בוא ונטיל ארס של סם מיתה בספל של מים כדי שימות והם לא ידעו שמרדכי מיושבי לשכת הגזית היה והיה יודע שבעים לשונות א"ל והלא אין משמרתי ומשמרתך שוה א"ל אני אשמור משמרתי ומשמרתך והיינו דכתיב ויבוקש הדבר וימצא שלא נמצא במשמרתו:

לשון טורסי. של מקום: לא ראינו שינה. מתוך שהיתה חביבה עליו מרבה בזמנים המקום ולא נמלא לשתות: והלא אין משמרתי וכו'. אני ממונה על עבודה אחת ואתה ממונה על עבודה אחרת:
אחר הדברים האלה גדל גו'. בתר נגתן ותרש כתיב וקמתמה גמרא. אחר מאי (מה) העיד לנו הכתוב שלא גדלו עד שבא המעשה הזה:
אחר שברא הקב"ה. המעשה הזה לרפואה נמכה העתידה לבא (על ידי המן) [לאחר זמן]: כרפאי לישראל ונגלה עון אפרים. ע"י מכה שאני מביא

כב **אחר** הדברים האלה גדל המלך אחשורוש. אחר מאי [אמר רבא] אחר שברא הקב"ה והקדים רפואה למכה דאמר רבי שמעון בן לקיש אין הקב"ה מכה את ישראל אלא אם כן מקדים ובורא להם רפואה בתחלה שנאמר (הושע ז) כרפאי לישראל ואח"כ ונגלה עון אפרים אבל הנכרים אינן כן אלא מכה אותן ואח"כ רופא אותן שנאמר (ישעיה יט) ונגף ה' את מצרים נגוף ורפוא בתחלה נגוף ואח"כ רפוא. ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו אמר רבא בתחלה במרדכי ואח"כ בעם מרדכי מאן ניניהו רבנן ולבסוף להשמיד ולהרוג ולאבד

את

---

ווי בגתן און תרש האבען גיצערנט אויף אחשורוש. צו טאהן דעם ווילען פון צדיק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די זאך איז דער וואוסט געווארין צו מרדכי. רבי יוחנן זאגט בגתן און תרש זענען געווען טרסים. (פון אזוי אמדינה) און זיי האבען גישמועסט מיט דיא שפראך פון טורסי. און זיי האבען גזאגט איינער צום אנדערין: פון דעם טאג וואס דיא אסתר איז גיקומען צום מלך האבען מיר נאך ניט גיזעהן קיין שלאף אין אונזערע אויגען. ווארום ער איז גאנצע נעכט (משמש המטה) מיט איר. דארשט איהם. וועקט ער אונז מיר זאלען איהם געבין טרינקען. קום מיר וועלען אריין לייגען סם אין דעם בעכער וואסער וועט ער שטארבען. און זיי האבען ניט געוואוסט אז מרדכי איז פון דיא סנהדרין און ער ווייס זיבעציג שפראך. דריבער האבען זיי זיך ניט גיהיט צו ריידען די זאך פאר מרדכי. האט דער אנדערער גזאגט מיין היטונג און דיין היטונג זענען דאך ניט אין איין צייט. דו דארפסט היטען צוועלף שעה. און איך דארף היטען די אנדערע צוועלף שעה. און גיין ברייננגען סם דארף דויערין מעהר וויא צוועלף שעה. האט ער גיענפערט איך וועל היטען מיין צייט און דיין צייט. און דוא גייא ברייננגען סם. דריבער שטייט אין פסוק דיא זאך איז געזוכט גיווארען און מען האט געפונען. אז עס איז ניט געווען ביא זיין היטונג:

כב אחר. נאך די רייד האט דער מלך אחשורוש גרוים גימאכט המן: נאך וועלכע רייד. האט רבא גזאגט דער נאך ווי גאט האט בשאפען די רפואה צוא דער מכה וואס וועט קומען (די רפואה איז געווען וואס מרדכי האט מציל געווען דעם מלך פון טוט. און די מכה איז געווען די גזרה פון המן). ווארום רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט גאט שלאגט ניט די יודען סיידין ער בשאפט פריער די רפואה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כרפאי לישראל. אז איך האב אן גיברייט ארפואה פאר די יודען. דער נאך ונגלה עון אפרים. ווערט אויף גידעקט די זינד פון אפרים. דורך די שטראף וואס איך ברייננג אויף זיי. אבער ביי עכו"ם איז ניט אזוי. נאר פריער שלאגט מען זיי דער נאך היילט מען זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט מארדין די מצרים. מארדין און היילען. פריער מארדין דער נאך היילען. אין פסוק שטייט המן האט גיוואלט הרגנן אלע יודען די פאלק פון מרדכי. רבא זאגט פריער האט

ער

את כל היהודים . הפיל פור הוא הגורל תנא כיון שנפל פור בחודש אדר שמח שמחה גדולה אמר נפל לי פור בירח שמת בו משה רבן והוא לא ידע שבז' באדר מת משה רבינו ובז' באדר נולד משה רבינו . ויאמר המן למלך אחשורוש ישנו עם אחד אמר רבא ליכא דידע לישנא בישא כהמן א"ל תא ואיגרי בהו א"ל מתירא אני שכל המתגרה בהן אלהיהם עושה עמו דין . א"ל ישנו מן המצות א"ל אית רבנן בגוייהו דמבעי עלייהו רחמי א"ל עם אחד הן ושמא תאמר אעשה קרחה במלכות מפוזר ומפורד מפוזרים הם בין העמים . ושמא תאמר איכא מינייהו פירי . ומפורד כפרדה זו שאינה עושה פירות . ושמא תאמר דאיכא חדא מדינתא מינייהו (או אסקרתא חדא מינייהו . בין העמים . או שמא תאמר הוץ למלכות הם ואי אתה יכול להם) ת"ל בכל מדינות מלכותך . ודתיהם שונות מכל עם דלא אכלי בהדן ולא שתו בהדן ולא מינסבי לן מינייהו . את דתי המלך אינם עושים דמפקי ליה לכולא שתא בשה"י פה"י (ולא יהבי כרגא למלכא). ולמלך

אליהם: הפיל פור. כלומר יום יפול לו הגורל וכן חדש לחדש הגורל של מזלו הפיל ביום אחד ונפל הגורל באדר: בז' באדר מת. כדאמר וכעס ולא מן הירדן בעבור לחדש כראשון לא מכם למסרע של ימי אבלו של משה וג' ימים שהכינו להם דה שנאמר (הכינו לכם צדה כי) בעוד שלשת ימים אתם עוברים הרי בז' באדר מת משה: ובז' באדר נולד משה. שנאמר בן מאה ועשרים שנה אנכי היום היום מלאו ימי ובנותי במסכת קידושין כדאי את יום הלידה מכפר על המיתה: אית בהו רבנן. ותשובתו של המן אנו למדין שבך היה אחשורוש ושונו: קרחה אני עושה. במלכות אחת מלא נסם: מדינתא. מדינה קטנה: ולא נסבי מינן. בים: ואת דתי המלך. אנגריות מס המלך ותלגיות וארנוניות היינו מתנין: ומפקי לבטלא

ער גיוואלט הרגנן מרדכי . דער נאך דאס פאלק פון מרדכי . דאס זענען די רבנן . דער נאך אלע יודען : המן האט גיווארפען גורל אין וועלכן חודש ער זאל די יודען הרגנן . מיר האבען גילערנט ווי דער גורל איז גיפאלען אויף דעם חודש אדר . האט זיך המן שטארק גיפרייט . ער האט גזאגט עס איז גיפאלען דער גורל אין דעם חודש וואס זייער רבי משה איז גישטארבען : המן האט אבער נים געוואוסט אז זיבען טעג אין אדר איז משה גישטארבען . אונ זיבען טעג אין אדר איז משה גיבארען גיווארען . אין פסוק שטייט המן האט גזאגט צום מלך אחשורוש עס איז דא אפאלק . רבא זאגט עס איז ניטא נאך אמענטש זאל וויסען צו זאגען אזוי פיל לשון הרע . ווי המן האט גיוואוסט . המן האט גזאגט צו אחשורוש קום מיר וועלען אונז רייצען מיט די יודען . מיר וועלען זיי הרגנן . האט אחשורוש גזאגט איך האב מורא . וואריום דער וואס רייצט זיך מיט דיא יודען . טוהט זייער גאט אן איהם אמשפט . שטראפט איהם זייער גאט . האט המן גזאגט די יודען זענען שוין אנטשלאפען גיווארען פון די מצות . זיי טוהען ניט קיין מצות וועט גאט ניט שטראפען קיינעם פון זייערט וועגין . האט אחשורוש גזאגט עס איז דא צווישען זיי רבנן . וואס זיי וועלין בעטין צוא גאט פאר אלע יודינס וועגין . האט המן גזאגט זיי זענען אלע איין פאלק . די רבנן זענען אויך ניט פרום . טאמער וועסטו זאגען אשטיק מדינה וועט בלייבען ליידיג אז מען וועט הרגנן אלע יודען . ניין זיי וואוהנען ניט אלע צוזאמען אויף איין ארט . נאר זיי זענען פאר שפרייט צווישען אלע פעלקער . אין יעדער שטאט זענען דא אביסול יודען . אז מען וועט זיי הרגני וועט זייער ארט ניט ליידיג בלייבען . טאמער וועסטו זאגען עס איז דא פון זיי פירות . עס איז דא פון זיי אנוצען . האט המן גזאגט מפורד : זיי זענען אזוי ווי אפרדה . אמויל אייזיל . וואס זי האט ניט קיין קינדער . אזוי די יודען טוהען ניט קיין נוצם צו דער מדינה . טאמער וועסטו זאגען עס איז דא פון זיי איין מדינה אגאנצע אקליינע וואס דארט זיצען נאר יודען . אדער עס איז דא איין אינזעל וואס דארט זיצען נאר יודען . ניין . זיי וואוהנען נאר צווישען די פעלקער . טאמער וועסטו זאגען זייא זענען אויסער דיין קעניגרייך . וועסטו זיי גאר ניט קענען טאהן . ניין . זיי זענען נאר אין דיין קעניגרייך אונ זייער תורה ענדערט זיי פון אלע פעלקער . זיי עסין ניט מיט אונז . זיי טרינקען ניט מיט אונז . זיי נעמען ניט קיין ווייבער פון אונז . אונ דעם בפעהל פון מלך טוהען זיי ניט . דער גאנצער יאהר גיט ביי זיי אוועק מיט שה"י פה"י . שבת היום . היינט איז שבת . פסח היום . היינט

ולמלך אין שוה להניחם דאכלו ושתו (ורוו ונפקי ויתבי בשוקא) ומבזו ליה למלכא (דבר אחר ולמלך אין שוה להנידם שאם) [ואפי'] נפל זבוב בכוסו של אחד מהם זורקו ושותהו ואם אדוני המלך נוגע בכוסו של אחד מהם חובטו בקרקע ואינו שותהו. אם על המלך טוב יכתב לאבדם ועשרת אלפים ככר כסף וגו' אמר ר"ל גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לפיכך הקדים שקליהם לשקלי המן והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים. ויאמר המלך להמן הכסף נתון לך והעם לעשות בו כטוב בעיניך אמר רבי אבא (בר כהנא) (דף יד) משל דאחשורוש והמן למה"ד לשני בני אדם אחד יש לו תל בשדהו ואחד יש לו חריץ בתוך שדהו אמר בעל התל מי יתן לי חריץ זה בתוך שדי ובעל חריץ אומר מי יתן לי תל זה בתוך שדי לימים נזדווגו שניהם א"ל בעל החריץ לבעל התל מכור לי תלך אמר ליה הלואי טול אותו בחנם. ויסר המלך את טבעתו אמר רבי אבא בר כהנא גדולה

הסרת

בשבת היום פסח היום. ולמה אסורין במלאכה: אין שוה. אין הנאה ואין תשמיש לנכיחם: (ומבזו ליה למלכא. דאמרי כי מלך עולם ועד אבדו גוים מארצו דאפי' מלכא לא קרו לך): משמיעין. בית דין מכריזין בעיירות שיביאו שקליהם למקדש: ועל הכלאים. שכבר גדלו הזרעים וניכר כלאים ועוקרין אותן משדותיהם בהכרזת בית דין: משל של אחשורוש והמן. כלומר יש ללמוד מאחשורוש שלא כדעתו

---

איז פסח. טארין מיר ניט ארבעטין. אונ זיי געבין ניט פאדאטקעס צום מלך. אונ עס איז ניט חערט אונ ניט שיין פאר דעם מלך ער זאל זיי לאזען. זיי עסין אונ טרינקען ביז זיי ווערין שכור אונ זיי גייען ארוים אין גאס אונ זיי פאר שעמען דעם מלך. אונ אויב עס פאלט אריין אפליג ביי יודען אין זיין גלאז וויין. ווארפט ער ארוים די פליג אונ טרינקט דיא וויין. אונ אויב דער מלך וועט אן רירען ביי איודען זיין גלאז וויין. וועט ער אוים גיסען דיא וויין אויף דער ערד אונ וועט ניט טרינקען. אויב דעם מלך גיפעלט זאל מען שרייבן אין אלע מדינות מען זאל די יודען פאר לירען אונ איך וועל געבין צעהן טויזענר צענטנער זילבער צום מלך. ריש לקיש זאגט גאט האט גיוואוסט אז המן וועט געבין טאלערם פאר די יודינם וועגין מען זאל זיי הרגנן. דריבער האט גאט גיהייסען די יודען זיי זאלען געבין פריער טאלערם צו גאט איידער המן וועט געבין זיינע טאלערם. דאס איז וואס מיר האבען גילערנט ראש חודש אדר רופט מען אוים די יודען זאלען געבין האלבע טאלערם צו קויפען קרבנות. אונ זיי זאלען אוים רייסען פון זייערע פעלדער אונ גערטנער די פרעמדע פאר זיידונגען וואס איז ארין געמישט געמישט גיווארען. למשל מען האט פאר זייט אפעלד מיט וויין. אונ עס איז ארין געמישט גערשטין. דארף מען די גערשטין אוים רייסען. דער מלך האט גזאגט צו המן דיא געלט גיב איך דיר. אונ מיט דעם פאלק מעגסטו טאהן ווי דיר גיפעלט. רבי אבא זאגט אחשורוש אונ המן זענען גליך. עס זענען אמאהל גיוועז צוויי מענטשין איינער האט גיהאט אבארג אין זיין פעלד אונ איינער האט גיהאט אטאהל אין זיין פעלד. דער וואס האט גיהאט דעם בארג האט גזאגט הלואי וואלט איך גיהאט דעם טאהל אין מיין פעלד וואלט איך אפ גיגראבען דעם בארג אונ וואלט ארין גישאטען די ערד אין דעם טאהל. וואלט איך גיהאט אגלייכע פעלד. אונ דער וואס הט גיהאט דעם טאהל האט געזאגט הלואי וואלט איך גיהאט דעם בארג אין מיין פעלד וואלט איך אפ גיגראבען דעם בארג אונ וואלט ארין גישאטען דיא ערד אין דעם טאהל וואלט איך גיהאט אגלייכע פעלד. אמאהל האט גיטראפען דיא ביידע מענטשין זענען צו זאמען גיקומען. דער וואס האט גיהאט דעם טאהל האט גזאגט צו דעם וואס האט גיהאט דעם בארג פאר קויף מיר דיין בארג. האט ער איהם גזאגט הלואי זאלסטו איהם נעמען אפילו אומזיסט. ביי המן אונ אחשורוש איז אויך אזוי גיוועז. המן האט גיוואלט הרגנן די יודען. אונ אחשורוש האט גיוואלט הרגנן די יודען. האבען זיך צו זאמען גיטראפען המן מיט אחשורוש. האט המן גיוואלט קויפען די יודען ביי אחשורוש. הט אחשורוש גזאגט נעם זיי דיר אומזיסט. דער מלך הט אראפ גענומען דעם פינגערל פון זיין פינגער אונ האט איהם גיגעבין צו המן. רבי אבא בר

כהנא

הסרת הטבעת יותר מס"ח נביאים ושבעה נביאות שנתנבאו להם לישראל שמ"ח נביאים וז' נביאות שנתנבאו להם לישראל לא החזירום למוטב ואלו הס־ת טבעת החזירתן למוטב :

**כג תנו** רבנן מ"ח נביאים וז' נביאות שנתנבאו להם לישראל לא פחתו ולא הותירו על מה שכתוב בתורה אפילו אות אחת חוץ ממקרא מגילה מאי דרוש אמר רבי חייא בר אבין אמר רבי יהושע בן קרחה ק"ו ומה מעבדות לחירות אומרים שירה ממות לחיים עאכ"ו א"ה הלילא נמי נימא (אמר רבי יצחק) לפי שאין אומרים הלל על הנסים שבחוצה לארץ. (מתקיף לה רב נחמן בר יצחק) והרי יציאת מצרים דנסים שבחוץ לארץ וקאמרינן הלילא התם כדתניא עד שלא נכנסו לארץ הוכשרו כל הארצות לומר שירה כשנכנסו לארץ לא הוכשרו לומר שירה רב נחמן (בר יצחק) אמר קריאתה זה הוא הלילא. (מתקיף לה) רבא [אמר בשלמא] (מי דמי) התם (הכניס קיג) הללו עבדי ה' ולא עבדי פרעה הכא נימא הללו עבדי ה' ולא עבדי אחשורוש אכתי עבדי אחשורוש אנן בין לרבא ובין לרב נחמן (בר יצחק

סיה לספתידן : בחזירתן למוטב . שגזרו תענית תפלה לתשובה כדכתיב צום ובכי ומספד וגו' : ולא הותירו . מצוה : חוץ ממקרא מגילה . וה"ה נר חנוכה כבר פסקו הנביאים אבל בימי מרדכי היו חגי זכריה ומלאכי : מעבדות לחירות . בני ישראל ממצרים אמרו שירה על הים : הלל נמי נימא . שהוא שירה כ"ש אמר רבא בשלמא התם הללו עבדי ה' ולא עבדי פרעה שהרי לחירות יצאו : אכתי עבדי אחשורוש אנן . דלא נגאלו אלא מן המיתה : בין לרבא . דאמר להכי לא אמרינן הלל דאכתי עבדי אחשורוש הוו הא לאו הכי הוה אמרינן : ובין לרב נחמן . דאמר קריאתה מגלה במקום הלל : כס

---

בהנא הט געזאגט דאס אראפ נעמען דעם פינגערליך איז געווען גרעסער ווי די אכט און פערציג נביאים און זיבען ווייבער נביאות וואס זיי האבען נביאות געזאגט צו די יודען. די אכט און פערציג נביאים און די זיבען ווייבער נביאות וואס האבען נביאות געזאגט צו די יודין האבען ניט געהאלפען די יודען זאלען בעסער ווערין. און ווי אחשורוש האט אראפ גענומען דיים פינגערליך און האט געגעבין צו המן זענען די יודען באלד בעסער געווארען און האבען תשובה געטאהן :

**כג** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אכט און פערציג נביאים און זיבען ווייבער נביאות האבן געזאגט נביאות צו די יודן. און זיי האבען ניט ווייניגער געמאכט אמצוה פון די תורה. און זיי האבען ניט געמערט אמצוה אויף די מצות פון די תורה. אפילו איין אות האבען זיי ניט געמערט און ניט ווייניגער געמאכט פון די תורה. נאר וואס זיי האבען געזאגט מען זאל לייענען די מגלה. וואס האבען זיי נידרשת. רבי חייא בר אבין הט געזאגט רבי יהושע בן קרחה זאגט מען לערונט אקל וחומר. מאדאך ווען די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. וואס זיי זענען פריי געווארען. נאר פון ארבעט. האבען זיי געזאגט שירה. אז זייא זענען ארויס געגאנגען פון טויט צום לעבין. דארפען זיי דאך געוויס זאגען שירה. פרעגט די גמרא זאל מען הלל אויף זאגען פורים. ענטפערט די גמרא ווייל מען זאגט ניט הלל אויף די נסים וואס אין חוץ לארץ. פרעגט די גמרא ווען די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים איז דאך אויך געווען נסים אין חוץ לארץ. און מען האט געזאגט הלל. ענטפערט די גמרא דארט איז אנדערש ווארום מיר האבען געלערנט איידער די יודען זענען אריין געגאנגען אין ארץ ישראל. האט מען געמעגט זאגין שירה אין אלע לענדער. דער נאך ווי די יודען זענען שוין אריין געגאנגען אין ארץ ישראל. זאגט מען ניט קיין שירה אויף די נסים וואס אין חוץ לארץ. רב נחמן זאגט וואס מען לייענט די מגלה איז גלייך ווי מען וואלט זאגען הלל. רבא זאגט ווען די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים האבען זיי געקענט זאגין הלל. הללו עבדי ה'. לויבט איר קנעכט פון גאט. און ניט די קנעכט פון פרעה. אבער ביי דעם נס פון אחשורוש ווי וועט מען זאגין לויבט איר קנעכט פון גאט און ניט די קנעכט פון אחשורוש. נאך דעם נס זענען זייא דאך אויך געווען קנעכט ביי אחשורוש. פרעגט די גמרא סיי נאך רבא וואס ער זאגט דריבער האט מען ניט געזאגט הלל ביי דעם נס פון אחשורוש ווייל מען האט ניט געקענט זאגין הללו

עבדי

יצחק) קשיא הא תניא משנכנסו ישראל לארץ לא הוכשרו שאר ארצות לומר שירה כיון שגלו הזרו להכשירן הראשון והו ליכא (והאיכא) [והכתיב] (ש"א א) ויהי איש אחד מן הרמתים צופים (ואמר רבי אבהו) [אחד] ממאתים צופים שנתנבאו ישראל אין אתנבויי טובא אתנבאו כדתניא הרבה נביאים נתנבאו להם לישראל (כיוצאי מצרים ואמרי לה) כפלים כיוצאי מצרים אלא מידו נבואה שנצרכה לדורות נכתבה שלא הוצרכה לדורות לא נכתבה . רבי שמואל בר נחמני אמר מאי מן הרמתים הבא משתי רמות שצופות ורואות זו את זו רבי (יוחנן אמר רבי אבא) [חנן אמר] איש אחד הבא (משני בני) [מבני] אדם שעומדים ברומו של עו"ם ומאן נינהו בני קרח דכתיב (במדבר כו) ובני קרח לא מתו (ותנא) [תנא] משום רבי (אמרו) מקום נתבצר להם בגיהנם וישבו עליו . שבע נביאות נתנבאו להם לישראל מאן נינהו שרה ומרים דבורה חנה אביגיל חולדה אסתר . שרה דכתיב (בראשית יא) אבי מלכה ואבי יסכה וא"ר

יצחק

תניא לא הוכשרו שאר ארצות לומר שירה . על נס שאירע להם : כיון שגלו הזרו להיות כראשון . פירושא הוא : והו ליכא . נביאים : שהוצרכה לדורות . ללמוד ממנו תשובה או תורה וכל הכך מ"ח שנכתבו ובכ"ד הם מנויים ורובן יש ללמוד מסדר עולם אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן יהושע. ופנחס ויעל ה' מן שנגלגל אל השופטים זה היה עמהם . ויבא איש האלהים אל עלי זה אלקנה עלי ושמואל גד נתן דוד ושלמה עדו קרא (על) ואלו כמזבח נביא אל מיכיהו בן ימלא בימי אחאב עובדיה אחיה השילוני ויהוא בן חנני בימי אסא עזריהו בן עודד יחזיאל הלוי מבני מתניה אליעזר בן דודו ממרישה בנס בימי יהושפט כדכתיב בימים ובימי ירבעם בן יואש הושע עמוס ובימי יותם מיכה המורשתי ובימי אמציה אמוץ אמוץ אמר ליה לאמציה מדוע דרשת את אלהי אדם אליהו אלישע יונה בן אמתי ישעיה בימי מנשה יואל נחום חבקוק בימי יאשיה צפניה וירמיה אוריה מקרית היערים ליהויקים בגולה יחזקאל דניאל בשנת שנים לדריוש ברוך נריה שריה מחסיה חגי זכריה ומלאכי ומרדכי בלשן בסדר עולם . ועל דניאל אמרינן בעיל דאיכו לא נביא אלא אסיק דניאל ועייל במגילה באחר לרחבעם אל ריבלו ואל הנהמו עב אתיכב בני יברחא ב' לא ידעו : נתבצר להם. לשון גנוז כמו גדולים

---

עבדי יי; אבער אז מען וואלט געקענט זאגן הללו עבדי יי. וואלט מען געזאגט הלל בייא דעם נס פון אחשורוש . אונ סיי נאך רב נחמן וואס ער זאגט אז די מגלה וואס מען לייענט דאס איז דער הלל. איז דאך אקשיא מיר האבען דאך געלערנט דער נאך ווי די יודען זענען ארויין געגאנגען אין ארץ ישראל. טאר מען שוין ניט זאגן שירה אין אנדערע לענדער אויסער ארץ ישראל. ענטפערט די גמרא וויא די יודען זענען פאר טריבען געווארין פון ארץ ישראל מעג מען שוין זאגן שירה אין אלע לענדער. פרעגט דיא גמרא מער קיין נביאים זענען ניט געוועזן . נאר אכט אונ פערציג. עס שטייט דאך אין פסוק ויהי איש אחד מן הרמתים צופים. עס איז געוועזן איין מענטש פון דיא צוויי הונדערט נביאים וואס האבען נביאות געזאגט צו די יודען. איז דאך געוועזן צוויי הונדערט נביאים. ענטפערט די גמרא עס זענען טאקי געוועזן פיל נביאים. אזוי ווי מיר האבען געלערנט פיל נביאים האבען נביאות געזאגט צו די יודען צוויי מאהל אזוי פיל ווי די יודין וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. נאר די נבואה וואס מען האט געדארפט אויף די שפעטערדיגע צייטען. האט מען פאר שריבען אונ די נבואה וואס מען האט ניט גידארפט אויף די שפעטערדיגע צייטען. האט מען ניט פאר שריבען . רבי שמואל בר נחמני זאגט וואס מיינט מען מן הרמתים. דער נביא האט געוואוהנט נעבין צוויי הויכע בערג. אז איינער איז געשטאנען אויף דעם בארג. אונ איינער איז געשטאנען אויף דעם אנדערין בארג האבען זיי געקענט זעהן איינער דעם אנדערין. רבי חנן זאגט מן הרמתים מיינט מען דער נביא איז געוועזן געבארין פון אזעלכע מענטשין וואס זיי זענען געוועזן די העכסטע פון דער וועלט. ווער זענען געוועזן דיזע עלטערין. די קינדער פון קרח. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די קינדער פון קרח זענען ניט געשטארבען. מיר האבען גילערנט רבי זאגט עס איז פאר זיי גימאכט געווארין א הויכער ארט אין גיהנם. אונ זייא זענען דארט געזעסין. זיבען ווייבער נביאות האבען נביאות געזאגט צו די יודען. ווער זענען געוועזן די זיבען ווייבער. שרה מרים דבורה חנה אביגיל חולדה אסתר. פון וואנען ווייסען מיר אז שרה איז געוועזן א נביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק הרן איז געוועזן דער פאטער פון מלכה אונ דער פאטער פון יסכה. אונ רבי יצחק האט געזאגט יסכה מיינט מען שרה. פאר

וואס

ובלונות בנמים: כשהיתה אחות אהרן. ועדיין לא נולד משה: פתילות למקדש. למכן פילה: משום יחוד (כבעה שבני אדם באין ליטול עצה ממנה יושבת תחת תומר שלא תבא עמם בבית) שהוא גבוה ואין לו צל ואין אדם יכול להתיחד עם עמה כמו בבית (ותחת שאר אילנות יש צל שיש להם ענפים סמוך לעיקרן): לב אחד: שרף יש לו (כתוך הצל סקורין מדוליס) כמו שיש לאילן אגוז אבל אין לו

יצחק יסכה זו שרה ולמה נקרא שמה יסכה (שסכה) [שסכתה] ברוח הקודש והיינו דכתיב (שם כא) כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה. דבר אחר יסכה שהכל סוכין ביופיה (והיינו דכתיב (שם יב) ויראו אותה שרי פרעה). מרים דכתיב (שמות טו) ותקח מרים הנביאה אחות אהרן וגו׳ אחות אהרן ולא אחות משה אמר רב נחמן אמר רב מלמד שהיתה מתנבאה כשהיא אחות אהרן ואומרת עתידה אמי שתלד בן שמושיע את ישראל כיון שנולד משה נתמלא כל הבית כולו אורה עמד אביה ונשקה על ראשה אמר לה בתי נתקיים נבואתך וכיון שהטילוהו ביאור עמדה אמה וטפחה על ראשה אמרה לה היכן נבואתך והיינו דכתיב (שמות ב) ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו מה יהא בסוף נבואתה. דבורה דכתיב (שופטים ד) ודבורה אשה נביאה אשת לפידות (אמר רבי יצחק) מלמד שהיתה עושה פתילות למקדש. (שם) והיא יושבת תחת תומר מאי שנא תחת תומר אמר רבי שמעון בן אבשלום משום יחוד. ד״א מה תמר זה אין לו אלא לב אחד אף ישראל שבאותו הדור (אין) [לא היה] להם אלא לב אחד לאביהם שבשמים

---

וואס האט מען איר גירופען יסכה. ווייל זי האט גיקוקט מיט רוח הקודש וואס עס וועט זיין. יסכה איז טייטש קוקען. דריבער שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט צו אברהם אלץ וואס שרה וועט דיר זאגען זאלסטו הערין איר קול. אנדערע זאגען דריבער האט מען איר גירופען יסכה ווייל אלע האבען גיקוקט אויף איר שיינקייט. פון וואנען ווייסען מיר אז מרים איז גיוועזן א נביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק די נביאה מרים די שוועסטער פון אהרן האט גינומען דעם פויק. פרעגט די גמרא איז זי דען נאר גיוועזן די שוועסטער פון אהרן און ניט די שוועסטער פון משה. האט רב נחמן גזאגט פון רבס וועגין דער פסוק לערנט אונז אז מרים האט גזאגט נביאות ווען זיא איז גיוועזן נאר די שוועסטער פון אהרן. איידער משה איז גיבארען גיווארין. און זיא האט גזאגט מיין מוטער וועט גיבארין א זוהן וואס ער וועט העלפען די יודען פון מצרים. וויא משה איז גיבארען גיווארין איז פול גיווארין די גאנצע שטוב מיט ליכטיגקייט. האט דער פאטער איר אקוש גיטאהן אויף דעם קאפ. און ער האט גזאגט צוא איר מיין טאכטער דיינע נביאות זענען מקוים גיווארין. וויא מען האט משה אריין גיווארפען אין טייך האט די מוטער איר גישלאגין אין קאפ. און זיא האט גזאגט צו איר וואו איז דיינע נביאות. דריבער שטייט אין פסוק דיא שוועסטער פון משה ומרים האט זיך גישטעלט פון ווייטינס צו וויסען וואס מיט משה וועט גיטאהן ווערין. און וואס עס וועט זיין דער סוף מיט אירע נביאות. פון וואנען ווייסען מיר אז דבורה איז גיוועזן א נביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק ודבורה אשה נביאה אשת לפידות. פאר וואס האט מען איר גירופען לפידות. ווייל זיא פלעגט מאכען קנייטלאך צו די מנורה וואס אין משכן. לפידות איז טייטש אפלאם פייאר. ווייל זי האט גימאכט ברענען די מנורה וואס אין משכן דריבער האט זיא זוכה גיוועזן צו זיין א נביאה. אין פסוק שטייט און זיא איז גיזעסען אונטער א טייטל בוים. פאר וואס אונטער א טייטל בוים. האט רבי שמעון בן אבשלום גזאגט זיא זאל ניט זיין פאר בארגין אליין מיט א זכר. ווארום צו איר פלעגין קומען מענטשין פרעגין נביאות. טאמער קומט נאר איינער קען זיא דאך ניט זיין מיט איין זכר אליין אין א שטוב. און זיא קען ניט זיין מיט איהם אונטער א בוים ווארום די צווייגען זענען אראפ גיבויגין ביז נאנט צו די ערד. איז אויך פאר שטעלט איטליכע. דריבער האט זיא גימוזט זיצען אונטער א טייטל בוים. וואס זיינע צווייגען זענען אין די הייך. וועט זי ניט זיין פאר בארגין. אנדערע זאגין דריבער איז זיא גיזעסען אונטער א טייטל בוים. צו ווייזען אזוי ווי דער טייטל בוים האט ניט מער נאר איין הארץ און אין בוים. ניט אין

שבשמים. הנה דכתיב (שמואל א ב) ותתפלל חנה ותאמר עלץ לבי בה' רמה קרני ולא רמה פכי דוד ושלמה שנמשחו בקרן נמשכה מלכותן שאול ויהוא שנמשחו בפך לא נמשכה מלכותן. (שם) אין קדוש כה' כי אין בלתך ואין צור כאלהינו אמר רבי יהודה בן מנשיא אל תקרי בלתך אלא לבלותך בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם מעשה ידיו מבלין אותו אבל הקב"ה מבלה את מעשה ידיו ואין צור אל תקרי אין צור אלא אין צייר מנהגו של עולם אדם צר צורה בכותל ואינו יכול להטיל בה רוח ונשמה קרבים ובני מעים אבל הקב"ה צר צורה בתוך צורה ומטיל בה רוח ונשמה קרבים ובני מעים. אביגיל דכתיב (ש"א כה) והיה היא רוכבת על החמור ויורדת בסתר ההר בסתר ההר מן ההר מיבעיא ליה אמר (רבא) [רבה] בר שמואל מלמד שבאה על עסקי הדם הבא מן הסתרים מלמד שנטלה דם בהיקה והראתה לו אמר לה וכי רואין דם בלילה אמרה ליה וכי דנין דיני נפשות בלילה. א"ל (פ"ג) מורד במלכות הוא ולא הוה צריך למידייניה (ונגמר דיניה וקאי) אמרה ליה עדיין שאול קיים הוא ולא יצא טבעך בעולם אמר לה (שמואל א כה) ברוך

בענפיו אלא כנגע על פני כל גבהו: רמה קרני ולא רמה פכי. זו היא נבואתה שנתנבאה על שאול ויהוא שלא נמשך מלכותם במשיחת דוד ושלמה כתיב קרן השמן ובמשיחת שאול ויהוא כתיב פך השמן: וכי רואין דם בלילה. שנאמר אם תשאיר (בנבל) מכל אשר לו עד אור הבקר מכאן נקיד ש"מ דהוה לילה וכי רואין דם בלילה אם טמא אם טהור והלא צריך להבחין מראיתו אם מה מראהו דם הטמאים באשה כוה: וכי דנין דיני

---

די צווייגען). אזוי די יודען פון דעם דור האבען נית מער גיהאט נאר איין הארץ צו גאט. פון וואנען ווייסען מיר אז חנה איז גיוועזן א נביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק חנה האט גיבעטין אונ האט גזאגט מיין הארץ פרייט זיך מיט גאט. עס איז דער הויבען גיווארין מיין קריגול. דוד אונ שלמה וואס דיא אייל פון זייער זאלבונג איז גיוועזן אין אהארין. האט זיך גיצויגען זייער קעניגרייך אויף לאנגע יאהרין. שאול אונ יהוא וואס די אייל פון זייער זאלבונג איז גוועזן אין אקריגול. זייער קעניגרייך הט זיך נית לאנג גיצויגען דאס איז גיוועזן אירע נביאות. נאך האט חנה גזאגט אין קדוש כה' . עס איז גיטא קיין היילגער אזוי ווי גאט. כי אין בלתך ואין צור כאלהינו. רב יהודה בן מנשיא האט גזאגט זאלסט נית לייענען בלתך נאר זאלסט לייענען לבלותך. קיין זאך קען נית לעבין לייגנער ווי גאט. זעה ווי גאט איז אנדערש פון אלע מענטשין. אז אמענטש מאכט אכלי. די כלי לעבט לייגנער ווי דער מענטש. אבער גאט לעבט לייגנער ווי אלע זאכען וואס ער האט בשאפען. אונ דוא זאלסט נית לייענען ואין צור. נאר זאלסט לייענען ואין צייר. עס איז ניטא אזוי אמאלער ווי גאט איז. דער פירוש פון דער וועלט איז. אמענטש מאלט אויס אצורה אויף אוואנט. קען ער נית געבין אין דיא צורה קיין לעבעדיגען אטעם. אונ נית קיין נשמה. אונ נית קיין קישקעס. אונ נית קיין גידערים. אבער גאט מאלט אויס איין צורה אין די אנדערע צורה. אונ ער גיט אין דיא צורה אלעבעדיגען אטעם. אונ אנשמה. אונ קישקעס אונ גידערים. פון וואנען ווייסען מיר אז אביגיל איז גיוועזן אנביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ אביגיל הט גריטען אויף אאייזיל. אונ הט גענידערט בסתר ההר. פרעגט די גמרא עס האט דאך גידארפט שטיין זיא האט גענידערט מן ההר פון בארג. הט רבה בר שמואל גזאגט אזוי מיינט דער פסוק. אביגיל האט גריטען אויף אאייזיל פון בארג אראפ. אונ זי האט גיוואלט פרעגין ביי דוד אויף די בלוט וואס קומט פון דעם פאר בארגענעם ארט. אונ זי האט גינומען דיא בלוט אין שוים אונ האט געוויזען צו דוד. ער זאל איר זאגין וואס די בלוט איז. ריין אדער אונריין. האט דוד גזאגט צו אביגיל מעג מען דען זעהן בלוט ביי נאכט. ביי נאכט קען מען דאך נית דער קענען וועלכע בלוט איז טהור אונ וועלכע איז טמא. האט אביגיל גזאגט צו דוד מעג מען דען משפטין אמענטשין צום הרגנן ביי נאכט. וואס דו גייסט משפטין ביי נאכט מיין מאן נבל צו הרגנן אידם. האט דוד גזאגט איך בין שוין גיזאלבט גיווארין פאר אמלך. אונ נבל האט אן מיר ווידער גישפעניגט. דארף מען אידם גאר נית משפטין. ווארום זיין דין איז שוין אפ געמשפט

טעמך וברוכה את אשר כליתני היום הזה מבוא בדמים (אמר רב הרי) דמים [תרתי משמע] (דם נדה ודם שפיכות דמים) מלמד שגלתה שוקה והלך דוד לאורה ג' פרסאות ואמר לה השמיעי לי אמרה לו (שם) ולא תהיה זאת לך לפוקה ולמכשול זאת מכלל דאיכא אחריתי ומאי ניהו דבת שבע ומסקנא הכי הוה (שם) והיתה נפש אדני צרורה בצרור החיים את ה' אלהיך כי הוה אזיל קאמרה ליה (והיה כי ייטב) (שם) [והיטיב] ה' לאדוני וזכרת את אמתך אמר רב נחמן היינו דאמרי אינשי איתתא בהדי שותא פילכא אי נמי שפיל ואזיל בר אווזא ועינוהי מטייפין. חולדה דכתיב (מלכים ב כב) וילך חלקיה הכהן ואחיקם ועכבור ושפן ועשיה אל חולדה הנביאה אשת שלום בן תקוה ובמקום דקאי ירמיה היכי מתנבאה איהי אמרי בי רב משמיה דרב חולדה קרובת ירמיה היתה ולא אקפיד עלה ויאשיהו גופיה היכי שביק ירמיה וקא משדר לה לחולדה אמר רבי

נפשות בלילה. והא כתיב דינו לבקר משפט וכתיב והוקע אותם לה' נגד השמש: כליתני. מנעתני: מבוא בדמים. דם נדה ושפיכות דמים: שגלתה שוקה. ונתאוה לה (והבעה) ולא שמע לו כדמפרש ואזיל: לפוקה. לשון כלון ברכים כדכתיב ופיק ברכים: כ"ג זאת מכלל דאיכא אחריתי ומאי ניהו מעשה דבת שבע ומסקנא הכי הוה. וה"ק מדהוה ליה למיכתב ולא תהיה לך לפוקה מכלל שמתנבאת לו שבסופו לכשל בגילוי אחרת ומאי ניהו בת שבע ומסקנא הכי הוה סוף שעלתה לו כן אלמא נביאה הוה שנתקיימה נבואתה: בהדי שותא פילכא. בעוד שהאשה מדברת היא טווה כלומר עם שהיא מדברת עמו על בעלה הזכירה לו את עצמה שלא ימות בגלל יבמות: מטייפין. צופים למרחוק: ובמקום ירמיה היכי נתנבאה איהי. הרי ירמיה עמד מבנת שלש עשרה ליאשיהו שנאמר אשר היה דבר ה' אל ירמיהו והספר נמצא בשנת שמונה עשרה ליאשיהו

צום הרגנן. האט אביגיל געזאגט צו דוד. שאול המלך לעבט נאך איז דיין נאמען מלך נאך ניט אזו גינומען גיווארין אויף דער וועלט. האט דיך נבל גאר ניט גיקענט פאר א מלך. האט דוד גזאגט צו אביגיל גילויבט איז דיין עצה אונ גיבענטשט זאלסטו זיין ווס דו האסט מיך פר מיטען היינטיגען טאג מבוא בדמים. פון צו קומען אין בלוטען. פרעגט די גמרא דמים. בלוטען. תרתי משמע. מיינט מען דאך צווייערליי. ענטפערט דיא גמרא עס איז טאקי גיוועזן צווייערליי בלוט. וואס ער האט ניט גיפסקנט דעם דין פון נדה. אונ וואס ער האט ניט גיהרגט דעם נבל. ווארום אביגיל האט אויף גידעקט איר פוס איז דוד גיגאנגען דריי מיל ביי די ליכטיגקייט פון איר פוס. האט דוד גזאגט צו אביגיל הער מיך צוא אונ טוה אזוי ווי איך בעט דיך. האט אביגיל גזאגט צו דוד. זאל דאס ניט זיין צו דיר פאר אשטרויכלונג. זי האט גזאגט דאס זאל ניט זיין צו דיר פאר אשטרויכלונג. פרעגט די גמרא אבער איין אנדער זאך וועט יא זיין דיין שטרויכלונג. זעהט אויס גאר דאס ניט. בת שבע. האט אביגיל נביאות גזאגט אז דוד וועט אמאהל גישטרויכלט ווערין אין אזוי אזאך ווי ער האט ביי איר גיבעטין. אונ איר נביאות איז מקוים גיווארין. זעהן מיר אז אביגיל איז גיוועזן אנביאה. אין פסוק שטייט אביגיל האט גזאגט צו דוד. די נשמה פון מיין האר וועט זיין פאר בונדען מיט דעם פאר בינדונג פון די וואס לעבין מיט גאט. ווייל ער האט די זאך ניט גיטאהן. אז דוד האט גיוואלט אוועק גיין פון איר. האט זי גזאגט צו איהם. גאט וועט גוטעס טאהן צו מיין האר. זאלסטו גידיינקען דיין דינסט. האט רב נחמן גזאגט דס איז וואס מענטשין זאגען אאשה ווען זיא רעט שפינט זי. אביגיל האט גירעט מיט דוד וועגין איר מאן. האט זי איהם דער מאנט אז נבל וועט שטארבען זאל דוד איר גידיינקען ער זאל איר נעמען פאר אווייב. אדער אזוי זאגט מען די קאטשקע גייט גאנץ נידעריג. אבער אירע אויגען קוקען וייט. אביגיל איז גיוועזן ביי זיך גאנץ נידעריג. אבער אירע אויגען האבען וייט גיקוקט. פון וואנען ווייסען מיר אז חולדה איז גיוועזן אנביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק חלקיה הכהן אונ אחיקם אונ עכבור אונ שפן אונ עשיה זענען גיגאנגען צו חולדה הנביאה וואס זיא איז גיוועזן די ווייב פון שלום בן תקוה. פרעגט די גמרא אין דעם ארט וואו ירמיה הנביא האט גיוואוינט. ווי אזוי האט חולדה גזאגט נביאות. האבען דיא תלמידים פון רב גזאגט פון רבס וועגין חולדה איז גיוועזן אקרובה פון ירמיה. דריבער האט ירמיה ניט גיהארט וואס חולדה זאגט נביאות. פרעגט די גמרא אונ יאשיהו אליין ווי אזוי האט ער אוועק גילאזין ירמיהן

שילא ספני שהנשים רחמניות הן . רבי יוחנן אמר ירמיה הוא דלא הוה תמן שהלך להחזיר עשרת השבטים ומנ"ל דאהדור דכתיב (יחזקאל ז) כי המוכר אל הממכר לא ישוב אפשר דיובל בטל הוא ונביא מתנבא עליו שיבטל אלא מלמד שהחזירן ירמיה ויאשיה (בן אמון) מלך עליהם כנ"ל דכתיב (מלכים ב כג) מה הציון הלז אשר אני רואה (ויאמרו אליו אנשי העיר הקבר איש האלהים אשר בא מיהודה ויקרא את הדברים האלה אשר עשית על המזבח בית אל) וכי מה טיבו של יאשיהו על המזבח בבית אל אלא מלמד (שירמיה החזירן ויאשיהו) [שיאשיהו] מלך עליהם רב נחמן (בר יצחק) אמר מהכא (הושע ו) גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי. אסתר דכתיב (אסתר ה) ויהי ביום השלישי

ועליו שלח אצל חולדה: כי המוכר אל הממכר לא ישוב. יחזקאל אמרו וזאת נתנבא בתוך י"א שנים שבין גלות יכניה לחרבות ירושלים ומתנבא שיהא בטל היובל והמוכר שדהו לא ישוב לו: אפשר דיובל בטל. משגלו עשרת השבטים (בזמן) ובימי חזקיהו שנאמר לכל יושביה בזמן שכל יושביה עליה ולא בזמן שגלו מקצתן נמצא אתה אומר משגלו שבט ראובן ושבט גד וחצי שבט מנשה (כבר) בטלו היובלות ויחזקאל מתנבא אחר זמן שיבטל: אלא מלמד שירמיהו החזירן. באותה שנה שנמצא הספר והיא שנת י"ח ליאשיהו ונשאלה על דברי הספר אצל הולדה לא היה ירמיה שם (ויאשיהו המלך מלך עליהם) והוזרו למנות את היובל ולא הספיקו למנות אלא ה' שמיטות עד שחרב הבית ז ויאמר מה הציון. ביאשיהו כתיב בהיותו. בבית אל ושרף עצמות הכומרים על המזבח שעשה ירבעם: מה עינו בבית אל. והלא משל מלכי ישראל היה שהרי העמיד ירבעם את העגל: שת קציר. עשה חיל וגדולה כמו השלה קציריה ועשה קציר כמו נטע:

אונ האט געשיקט צו חולדה. האט רבי שילא געזאגט ווייל ווייבער האבען מער רחמנות וועט זי בעטין פון זיינעט וועגין. רבי יוחנן זאגט דריבער האט יאשיהו געשיקט צו חולדה ווייל ירמיה איז דארט ניט גיוועזן. ער איז גיגאנגען ברייינגען דיא צעהן שבטים וואס זענען פאר טריבען גיווארין. צוריק אין ארץ ישראל. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער האט זיי צוריק גיבראכט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער פר קויפער וועט זיך שוין ניט אומקערין צו די זאך וואס ער האט פאר קויפט. ווארום עס וועט שוין ניט זיין קיין יובל. פרעגט די גמרא יובל איז דאך שוין לאנג ניט גיוועזן. אונ דער נביא זאגט איצט צו דיא יודען אז עס וועט ניט זיין קיין יובל. ווארום אין די תורה שטייט מען זאל ציילען ניין אונ פערציג יאהר אונ דער פופציגסטער יאהר איז יובל. אלע פעלדער אונ הייזער וואס אמענטש האט פאר קויפט אין די ניין אונ פערציג יאהר קומען צוריק צו איהם אום יובל. דער דין איז נאר גיוועזן ווען אלע יודין זענען גיוועסען אין ארץ ישראל. אבער אז די צעהן שבטים זענען פאר טריבען גיווארין פון ארץ ישראל איז שוין ניט גיוועזן דער דין פון יובל: אונ יחזקאל הנביא איז דאך גיוועזן שפעטער דער נאך ווי די צעהן שבטים זענען שוין ניט גיוועזן אין ארץ ישראל איז דאך אין זיין צייט שוין ניט גיוועזן קיין יובל. פאר וואס זאגט ער צו די יודען יובל וועט ניט זיין. עס איז שוין לאנג ניט גיוועזן. נאר ירמיה הנביא האט צוריק גיברייינגט די צעהן שבטים אין ירושלים. אונ יאשיהו איז גיוועזן אויף זיי א מלך. ואיז שוין צוריק גיווארין דער דין פון יובל. דריבער האט זיי יחזקאל הנביא גיזאגט אז דיא יודען וועלין צוריק פאר טריבען ווערין אונ דער דין פון יובל וועט נאך אמאהל בטל ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק יאשיהו המלך האט גיפרעגט וואס איז דער צייכין וואס איך זעה. האבען די מענטשין פון שטאט גיזאגט צו איהם. דאס איז דער קבר פון דעם נביא וואס ער איז גיקומען פון יהודה אונ ער האט גיזאגט די אלע זאכען וואס דוא האסט גיטאהן אויף דעם מזבח וואס אין בית אל. איז דאך די קשיא ווי קומט יאשיהו צו דעם מזבח וואס אין בית אל. בית אל האט דאך גיקערט צו דיא צעהן שבטים. נאר ווען ירמיה הט צוריק גיברייינגט די צעהן שבטים הט יאשיהו אויף זיי געקיניגט. אונ ווען יאשיהו האט געשיקט צו חולדה הנביאה. אין דער צייט איז ירמיה גיוועזן בייא די צעהן שבטים ער זאל זיי צוריק ברייינגען אין ארץ ישראל. רב נחמן זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז די צעהן שבטים זענען צוריק גיקומען אין ארץ ישראל אונ יאשיהו האט געקינינגט אויף זיי. ווארום עס שטייט אין פסוק גם יהודה שת קציר לך. יאשיהו וואס ער איז פון יהודה האט גיטאהן א צווייג צו דיר אפרים. ער האט דיך צוריק איין גיפלאנצט אין ארץ ישראל

אזוי

השלישי ותלבש אסתר מלכות. מלכות בגדי מלכות מיבעיא ליה (אמר רבי חנינא מלמד) [אלא] שלבשתה רוח הקדש כתיב הכא ותלבש אסתר מלכות וכתיב התם (ד"ה א יב) ורוח לבשה את עמשי:

לא יאה יוהרא לנשי: לא נאה הגיבות לנשים: וסניין שמייהו. שמותיהן מגונין: זיבורתא. דבורה: כרכושתא. חולדה: בן חרחס. ולעי"ג דקרא על

**אמר** רב נחמן לא יאה יוהרא לנשי תרתי נשי נביאות הוא דהויא יהיראן וסניין שמייהו חדא שמה זיבורתא וחדא שמה כרכושתא בזיבורתא כתיב בה (שופטים ד) ותשלח ותקרא לברק בן אבינעם ואילו איהי לא אזלא לגביה. בכרכושתא כתיב בה (מלכים ב כב) אמרו לאיש אשר שלח אתכם אלי ולא קאמרה להו אמרו למלך. אמר רב נחמן (אמר רב) חולדה הנביאה מבני בניו של יהושע היתה כתיב הכא (שם) בן חרחס וכתיב התם (יהושע כד) ויקברו אותו בגבול נחלתו בתמנת (סרח וכתיב) (שופטים ב) חרס איתיביה רב עינא סבא לרב נחמן ואמרי לה רב עוירא סבא לרב נחמן ח' נביאים והם כהנים יצאו מרחב הזונה ואלו הן נריה ברוך שריה ומחסיה ירמיה חלקיה חנמאל ושלום ר' יהודה אומר אף חולדה מבני בניה של רחב הזונה היתה כתיב הכא (מלכים ב כב) בן תקוה וכתיב התם (יהושע כב) את תקות חוט השני הזה אמר ליה עינא סבא ואמרי לה פתיא אוכמא מיני ומינך תסתיים שמעתתא דאיגיירה ונסבה יהושע ומי הוה ליה בני ליהושע

---

אזוי וויא מען פלאנצט איין אצווייג. בשובי שבות עמי. ווען איך האב מיין פאלק אפרים ודאס זענען דיא צעהן שבטים) צוריק געקערט אין ארץ ישראל. פון נאגען ווייסען מיר אז אסתר איז געווען אנביאה. ווארום עס שטייט אין פסוק דעם דריטען טאג האט אסתר אן גיקליידט מלכות. האט דאך גיבארפט שטיין בגדי מלכות. זיא האט אן גיקליידט קעניגליכע קליידער. נאר מען מיינט זיא האט אן גיקליידט אויף זיך רוח הקודש. דא שטייט אסתר האט אן גיקליידט מלכות. אונ דארט שטייט עמשא הט אן גיקליידט רוח הקודש. אזוי וויא די קליידונג פון עמשא איז געווען רוח הקודש אזוי די קליידונג פון אסתר איז אויך געווען רוח הקודש:

**כד אמר** רב נחמן זאגט עס איז ניט שיין גרויסקייט צו ווייבער. צווי ווייבער זענען געווען נביאות אונ זענען בייא זיך גרוים געווען. האבען זייא געהאט מיאוסה נעמען. איינע האט געהייסען זיבורתא. דבורה. אבין. אונ איינע האט געהייסען כרכושתא. חולדה. אקראט. פון נאגען ווייסען מיר אז זיי זענען בייא זיך גרוים געווען בייא זיבורתא שטייט זיא האט געשיקט רופען ברק בן אבינועם. אונ זיא האט ניט געוואלט גיין צו ברק. בייא כרכושתא שטייט זאגט צו דעם מענטש וואס האט אייך געשיקט צו מיר. אונ זי האט ניט גיזאגט זאגט צו דעם מלך וואס האט אייך געשיקט. רב נחמן האט גיזאגט חולדה הנביאה איז געווען אאייניקול פון יהושע בן נון. דא ביי חולדה שטייט בן חרחס אונ דארט ביי יהושע שטייט מען האט איהם בגראבען אין תמנת חרס. רב עינא סבא האט גיפרעגט בייא רב נחמן מיר האבען גילערנט אכט נביאים אונ זיי זענען געווען כהנים זענען ארויס גיקומען פון רחב הזונה. דאס זענען זיי. נריה ברוך שריה מחסיה ירמיה חלקיה חנמאל שלום. רבי יהודה זאגט חולדה איז אויך געווען אאייניקול פון רחב הזונה. ווארום דא ביי חולדה שטייט בן תקוה. אונ ביי רחב שטייט את תקות חוט השני. זעהן מיר דאך אז חולדה איז געווען אאייניקול פון רחב ניט פון יהושע. האט רב נחמן צו איהם גזאגט דוא עינא סבא. אנדערע זאגען אזוי האט רב נחמן צו איהם גזאגט דוא שווארצער קרוג: דורך מיר אונ דורך דיר וועט מען איצט וויסען דעם אמת פון דער זאך. רחב האט זיך מגייר גיוועזן האט יהושע איר גינומען פאר אווייב. איז חולדה גיוועזן אאייניקול פון יהושע אונ פון רחב. פרעגט די גמרא האט דען יהושע גיהאט קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק נון בנו יהושע בנו.

דער

ליהושע והכתיב (ד"ה א ז) נון בנו יהושע בנו בגוי לא הוו ליה אבל בנתא הוו ליה (דף טו) בשלמא אינהו ספרשי אבל אבהתייהו מנא לן כדעולא דאמר עולא כל מקום ששמו ושם אביו בנביאות בידוע שהוא נביא בן נביא שמו ולא שם אביו בידוע שהוא נביא ולא בן נביא כל ששמו ושם עירו מפורש בידוע שהוא נביא מאותה העיר שמו ולא שם עירו בידוע שהוא נביא מירושלים במתניתא תנא כל שמעשיו סתומין ומעשה אבותיו סתומין ופרט לך הכתוב באחד מהם לשבח כגון (צפניה א) דבר ה' אשר היה אל צפניה בן כושי בן גדליה בן אמריה בן חזקיה בידוע שהוא צדיק בן צדיק וכל (שמעשיו סתומין ומעשה אבותיו סתומין ופרט) [שפרט] לך הכתוב באחד מהם לגנאי כגון (ירמיה מא) בחדש השביעי בא ישמעאל בן נתניה בן אלישמע מזרע המלוכה בידוע שהוא רשע בן רשע . אמר רב (נחמן) מלאכי זה מרדכי ולמה נקרא שמו מלאכי מפני שהוא שני למלך . מיתיבי ברוך בן נריה ושריה בן מחסיה ודניאל איש חמודות ומרדכי בלשן חגי זכריה ומלאכי כולם נתנבאו בשנת שתים לדריוש (קא חשיב מרדכי קא חשיב מלאכי תיובתא :

בעלה קא מספיד מיהו במעשה דידה כתיב : מי"ל ומינך כו'. על ידי ועל ידך יהפרש אמתית כל דבר הא וכל היה : נון בנו וגו'. את בנבט אפרים ייחס הכתוב עד יהושע ומיהושע ולמטה לא ייחס איש : בשלמא אינהו . ירמיהו והמלאל (ברוך ושריה) מפרשי בנבואת חנמאל דכתיב ויבא אלי חנמאל בן דודי כדבר ה'. ברוך ושריה אלינו בניו תלמידי ירמיה . ברוך דכתיב מפיו יקרא אלי את הדברים האלה ואני כותב על הספר וגו'. שריה בסוף ספר ירמיה הדבר אשר צוה ירמיהו הנביא את שריה בן נריה בן מחסיה ומצינו בתלמידי הנביאים שהיו נביאים והיה רוח אליהו על אלישע ויהושע תלמידו של משה ולקמן הניין בברייתא ברוך בן נריה ושריה בן מחסיה ודניאל ומרדכי וחגי וזכריה ומלאכי כלם נתנבאו בשנת שתים לדריוש : ישמעאל בן נתניה . הוא שהרג את גדליהו בן אחיקם הצדיק : בשנת שתים לדריוש האחרון . נתנבאו לבני הגולה שיחזרו לבנות בית המקדש כשנבטלה המלאכה י"ח שנה ע"י השמרונים משהתחילו בה בימי כורש :

תניא

---

דער זון פון נון האט גיהייסען יהושע . אבער וויא דער זוהן פון יהושע האט גיהייסען שטייט ניט . ווארום יהושע האט ניט גיהאט קיין קינדער . ענטפערט די גמרא זיהן האט יהושע ניט גיהאט אבער טעכטער האט ער גיהאט . אונ תולדה איז גיוועזן אאייניקעל פון אטאכטער . פרעגט די גמרא אז די אכט מענטשין זענען גיוועזן נביאים שטייט אין פסוק . אבער פון וואנען ווייסען מיר אז זייערע עלטערין זענען אויך גיוועזן נביאים , ענטפערט די גמרא אזוי וויא עולא האט גזאגט . ווארום עולא האט גזאגט וואו אנביא שטייט דער מאנט מיט זיין נאמען אונ מיט דעם נאמען פון זיין פאטער . זאל מען וויסען אז ער איז אנביא אונ זיין פאטער איז אויך גיוועזן אנביא . אונ אז דער נביא איז נאר דער מאנט מיט זיין נאמען . אונ דער נאמען פון זיין פאטער איז ניט דער מאנט . זאל מען ווסען אז ער איז אנביא אבער זיין פאטער איז ניט גיוועזן קיין נביא . אונ וואו עס שטייט דער מאנט דער נאמען פון דעם נביא אונ דער נאמען פון זיין שטאט . זאל מען וויסען אז דער נביא איז פון די שטאט . אונ וואו עס שטייט דער מאנט דער נאמען פון דעם נביא . אונ פון וועלכע שטאט ער איז גיוועזן שטייט ניט . זאל מען וויסען אז דער נביא איז פון ירושלים . אין אברייתא האבען מיר גילערנט . דער מענטש וואס עס שטייט ניט וואס ער איז גיוועזן . אונ עס שטייט ניט וואס זיינע עלטערין זענען גיוועזן . אונ איינעם פון זיי האט דער פסוק גילויבט , אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רייד פון גאט וואס עס איז גיוועזן צו צפניה בן כושי בן גדליה בן אמריה בן חזקיה . זאל מען וויסען אזוי וויא צפניה איז גיוועזן אצדיק . איז זיין פאטער אויך גיוועזן אצדיק . אונ וואו דער פסוק האט איינעם פון זייא גישענדט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם זיבעטין חודש איז גיקומען ישמעאל בן נתניה בן אלישמע פון דיא קעניגליכע קינדער . וואו ישמעאל האט גיהרגת דעם גדליה בן אחיקם וואס ער איז גיוועזן אצדיק זאל מען וויסען אז ישמעאל איז גיוועזן ארשע אונ זיין פאטער איז אויך גיוועזן ארשע . רב נחמן האט גזאגט מלאכי מיינט מען מרדכי . פאר וואס האט מען איהם גירופען מלאכי . ווייל ער איז גיוועזן דער אנדערער צום מלך אחשורוש . פרעגט די גמרא מיר האבען גילערנט ברוך בן נריה אונ שריה בן מחסיה אונ דניאל איש חמודות אונ מרדכי בלשן חגי זכריה מלאכי . דיא

אלע

**כה תניא** רבי יהושע בן קרחה אומר מלאכי זו עזרא וחכמים אומרים מלאכי שמו . אמר רב נחמן (בר יצחק) מסתברא כמאן דאמר מלאכי זה עזרא דכתיב בנבואתיה דמלאכי (מלאכי ב) בגדה יהודה ותועבה נעשתה בישראל וירושלים (כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר) ומאן אפריש נשים נכריות מישראל עזרא דכתיב (עזרא י) ויען שכניה בן יחיאל מבני עילם ויאמר לעזרא אנחנו מעלנו באלהינו ונושב נשים נכריות מעמי הארץ . תנו רבנן ארבע נשים יפיפיות היו בעולם ואלו הן שרה רחב אביגיל ואסתר ולמ"ד אסתר ירקרוקת היתה אפיק אסתר ועייל ושתי . תנו רבנן רחב בשמה זנתה . יעל בקולה . אביגיל בזכירתה . מיכל בת שאול בראייתה . אמר רבי יצחק כל האומר רחב רחב מיד נקרי אמר ליה רב נחמן אנא אמינא ולא מקרינא ולא אכפית לי מינה א"ל כי קאמינא ביודעה ובכירה קאמינא :

**כו ומרדכי** ידע את כל אשר נעשה וגו' מאי אמר רב אמר שגבה לבו של המן מאחשורוש (א"ד על אחשורוש רב שימי בר חייא) [ושמואל] אמר גבר

נמס' יהודה וגו' . סופיה דקרא ובעל בת אל נכר : בשמה זנתה . המזכיר את שמה מגיר אמרי תאות זנות : מיד נקרי . רואה קרי : כ"ג אלו אמר . כהלכתא לפעמי גדולה ומרה מה סיה אומר בלעקתו : רב אמר . קך היה ליעק רתו בבגדו המן מאחשורוש שמלאו לבו לדבר פלא עלה על לב המלך : גבה מלכה עילאה ממלכא

---

אלע האבען נביאות גזאגט דעם אנדערין יאהר וויא דריוש איז געווארען אמלך . רעכענט מען דאך מרדכי . אונ מלאכי . איז דאך מלאכי ניט מרדכי . איז אקשיא אויף רב נחמן :

**כה** תניא . מיר האבען געלערנט רבי יהושע בן קרחה זאגט מלאכי איז עזרא . אונ די חכמים זאגען מלאכי איז זיין אייגענער נאמען . רב נחמן זאגט עס זעהט אויס וויא דער וואס זאגט מלאכי איז עזרא . ווארום אין דיא נביאות פון מלאכי שטייט יהודה האט גיפעלשט . אומווירדיגקייט ומיאוסה זאכען איז גישעהן גיווארען צווישען ישראל אונ אין ירושלים . ווארום יהודה האט פאר שעמט דיא היילינקייט פון גאט . ווייל ער האט ליב גיהאט אונ האט גיוואוהנט מיט דיא ווייבער וואס דינען פרעמדע גאטער . אונ ווער האט אפ גישייט די גוישע ווייבער פון דיא יודען . דאס איז עזרא . האבען דאך עזרא אונ מלאכי ביידע גזאגט איין זאך . איז געווים אז מלאכי איז עזרא . ווארום עס שטייט אין פסוק שכניה בן יחיאל פון עילם האט גיענטפערט אונ האט גזאגט צו עזרא מיר האבען גיפעלשט אן אונזער גאט אונ מיר האבען גיזעצט אין אונזערע שטובען גוישע ווייבער פון דיא פעלקער פון דעם לאנד :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט פיר שיינע ווייבער זענען גיוועזען אין דער וועלט . אונ דאס זענען זיי . שרה רחב אביגיל אסתר . אונ דער וואס זאגט אסתר איז גיוועזען אגריניגע . נעמט ער ארויס אסתר . אונ רעכענט ושתי . דיא רבנן האבען גילערנט רחב האט מזנה גיוועזען מיט איר נאמען . דער וואס האט גזאגט דעם נאמען רחב . האט ער גימוזט מזנה זיין . אונ דער וואס האט גיהערט דיא שטימע פון יעל . האט ער גימוזט מזנה זיין : אונ דער וואס האט זיך דער מאנט אן אביגיל . האט ער גימוזט מזנה זיין . אונ דער וואס האט גיזעהן מיכל די טאכטער פון שאול . האט ער גימוזט מזנה זיין . רבי יצחק האט גזאגט דער וואס זאגט צוויי מאהל דעםווארט רחב . זעהט ער קרי . האט רב נחמן גזאגט צו רבי יצחק איך האב גזאגט דעם ווארט רחב צוויי מאהל אונ האב ניט גיזעהן קרי . אונ עס הארט מיך גאר ניט פון איר . האט רבי יצחק גזאגט איך מיין דער וואס ווייס איר אונ קען איר אונ ער זאגט צוויי מאל איר נאמען רחב רחב . דער זעהט קרי :

**כו** ומרדכי . אונ מרדכי האט געוואוסט אלץ וואס המן האט גיטאהן . די גמרא פרעגט ווען מרדכי איז גיגאנגען אין די גאסען אונ האט געשריגען . וואס האט ער גזאגט . רב זאגט מרדכי האט גזאגט המן איז ביי זיך אין הארצען גרעסער וויא אחשורוש . שמואל זאגט מרדכי האט גזאגט עס האט זיך גישטארקט דער אונטערשטער מלך פאר דעם אויבערשטין מלך . גאט

האט

מלכא עילאה כמלכא תתאה (דלא עביד דינא) . ותבואנה נערות אסתר וסריסיה ויגידו לה ותתחלחל מאי ותתחלחל רב אמר שפירסה נדה (ושמואל) [ורבי ירמיה] אמר שהוצרכה לנקביה . ותקרא אסתר להתך אמר רב התך זה דניאל ולמה נקרא שמו התך שחתכוהו מגדולתו ושמואל אמר שכל דברי מלכות נחתכין על פיו . ותצוהו על מרדכי לדעת מה זה ועל מה זה אמר רבי יצחק (נפהא) שלחה ליה שמא עברו על חמשה חומשי תורה דכתיב ביה (שמות לב) מזה ומזה הם כתובים . ויגידו למרדכי את דברי אסתר ואילו איהו לא אזיל לגביה (אמר ר' אבא בר כהנא) מכאן שאין משיבין על הקלקלה . לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן עד אשר לא כדת מאי אשר לא כדת אמר רבי (ירמיה בר) אבא שלא כדת (כל יום ויום) שבכל יום ויום באונס ועכשיו ברצון . וכאשר אבדתי אבדתי כשם שאבדתי מבית אבא כך אובד ממך . ויעבור

תתאה. כמו הוא לספק בלבין נקיה : ותתחלחל המלכה מאד. נתחמחם תלג גופה : שחתכוהו מגדולתו. בימי אחשורוש שהרי בדניאל כתיב שנשא חן במלכותם וכן דריוש המדי שנאמר ועלא מנהון סרכין תלתא די דניאל חד מנהון וכן כורש שנאמר ודניאל דנא הצלח במלכות דריוש ובמלכות כורש פרסאה (ולא יותר כשהומלך) [וכשמלך] אחשורוש חתכו מגדולתו : ואילו איהו. התך לא אזיל להשיב שליחותו : על הקלקלה. שהיתה אסתר מונעת עצמה מלבא אל המלך לפיכך לא השיב התך את שליחותו ואסתר שלחה את דברים ע״י אחרים : עד עכשיו. נבעלתי באונס : ועכשיו (מכאן) ואילך מדעתי : אובד ממך. ואסורה אני לך דאשת ישראל שנאנסה מותרת לבעלה וברצון

---

האט ניט געמשפט דיא יודען צום פאר לענדין . אונ אחשורוש וויל משפטין דיא יודען צום פאר לענדין . אין פסוק שטייט ותתחלחל המלכה . וואס מיינט מען ותתחלחל . רב זאגט ווי אסתר האט גיהערט אז מרדכי גייט אן גיקלײדט זאק אונ שרייט מיט אביטער גישריי . פון שרעק האט זיא גיזעהן דם נדה . אונ רבי ירמיה זאגט פון שרעק האט זיא בעקומען אלויזין מאגין אונ האט בעדארפט ארויס גיין דאס מענשליכע בעדארפעניש . אונ אסתר הט גירופען דעם התך . רב זאגט התך איז דניאל . פאר וואס רופט מען איהם התך . ווייל אהי ווערט פאר טאהשט אויף אח איז גליך ווי עס וואלט גישטאנען חתך . אפ געשניטען . ווייל מען האט אפ געשניטען דניאל פון זיין גרויסקייט . וואראום ווען בלשאצר אונ דריוש אונ כורש האבען געקיניגט האט דניאל גיוועלטיגט אויף אדריטעל מדינה . אונ ווי אחשורוש איז גיווארין אמלך האט ער אפ געשניטען די גרויסקייט פון דניאל . אונ האט איהם גימאכט פר אבאדינער ביי אסתר] . אונ שמואל זאגט דניאל איז איצט ביי אחשורוש אויך גרויס גיוועזען . אונ מען הט איהם גירופען התך . ווייל אלע קעניגליכע זאכען זענען אפ געשניטען גיווארין וגיענדיגט גיווארין] דורך דניאל . אזוי וויא עס שטייט פריער התך איז תהו . אונ ווייל ער איז גיוועזען איוד דריבער האט אסתר איהם געשיקט צו מרדכי . מען זאל וויסען מה זה ועל מה זה . וואס די גזרה איז . אונ פאר וואס די גזרה איז . רבי יצחק זאגט אסתר האט געשיקט פרעגין בייא מרדכי טאמער האבען דיא יודען געזינדיגט אונ האלטען ניט וואס עס שטייט אין דיא פינף חומשים פון די תורה . וואס עס שטייט ביי זייא מזה ומזה הם כתובים . דיא לוחות זענען גיוועזען געשריבען פון דער זייט אונ פון דער זייט . זיי זענען גיוועזען געשריבען פון אלע זייטען . אין פסוק שטייט זייא האבען גזאגט צו מרדכי די רייד פון אסתר . אז זיא וויל ניט גיין צום מלך . פרעגט די גמרא פאר וואס איז ניט גיגאנגען התך ענפערין צו מרדכי דיא רייד פון אסתר . האט רבי אבא גזאגט אשלעכטע זאך גייט מען ניט ענפערין . דריבער האט התך ניט גיוואלט גיין : האט אסתר גיטוהט ענפערין דורך אנדערע בריגטע . אין פסוק שטייט אסתר הט געשיקט צו מרדכי ער זאל פאר זאמלען אלע יודען אונ זייא זאלען פאסטען דריי טעג אונ דריי נעכט . דער נאך וועל איך ארייין גיין צום מלך שלא כדת . וואס מיינט מען שלא כדת . רבי אבא זאגט ניט וויא דער דין פון די תורה איז . אלע מאהל ווען אחשורוש איז ביי מיר . נייט ער מיך . איז ניט קיין עבירה . אונ היינט וועל איך אריין גיין צו איהם מיט מיין גוטען ווילען . וכאשר אבדתי אבדתי . אונ אזוי וויא איך בין פאר לארען פון מיין פאטערס הויז . אזוי בין איך פאר לארען פון דיר מרדכי . וואראום אסתר איז גיוועזען מרדכיס ווייב . אונ אזוי לאנג וויא

אחשורוש

ויעבור מרדכי רב אמר שהעביר יום טוב הראשון של פסח בתענית ושמואל אמר עורקמא דמיא עבר :

**כז ויהי** ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות בגדי מלכות מיבעיא ליה אמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא מלמד שלבשתה רוח הקדש כתיב הכא ותלבש וכתיב התם (ד"ה א יב) ורוח לבשה את עמשי ואמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא לעולם אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך שהרי ב' גדולי הדור ברכום ב' הדיוטות ונתקיימה בהם ואלו הן דוד ודניאל דוד דברכיה ארונה דכתיב (ש"ב כד) ויאמר ארונה אל המלך ה' אלהיך ירצך . דניאל דברכיה דריוש דכתיב (דניאל ו) אלהך די אנת פלח ליה וגו'. ואמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך שהרי אבימלך קלל את שרה (בראשית כ) הנה הוא לך כסות עינים ונתקיים בזרעה שנאמר (שם כז) ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו . ואמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אדם שופת את הקדרה ואח"כ נותן להוכה מים והקב"ה נותן מים ואח"כ שופת את הקדרה לקיים מה שנאמר (ירמיה י) לקול תתו המון מים בשמים וא"ר א

לאסורה לבעלה : יו"ט ראשון של פסח . היה בתענית שהרי בי"ג בניסן נכתבה האגרת ונתנה בדת בשושן וי"ד וט"ו (וט"ז) התענו, ובט"ז נתלה המן לערב : עורקמא דמיא עבר . לאסוף את היהודים שבעבר ססני :

שופת קדרה . מושיבה על הכירה היא קבוע שפיתה:

---

אחשורוש האט גינייט אסתרין ער זאל זיין ביי איר . האט זיא נאך גימעגט זיין מרדכים ווייב . אבער איצט אז אחשורוש וועט זיין ביי איר מיט איר גוטען ווילען . וועט זיא שוין ניט טארין זיין מרדכים ווייב . איז זיא שוין פאר לארען פון מרדכי . ויעבור מרדכי . מרדכי איז אריבער גיגאנגען . רב זאגט ער איז אריבער גיגאנגען דעם ערשטין טאג פסח מיט פאסטען . אונ שמואל זאגט ער איז אריבער גיגאנגען א טייך . צוא זאגען דיא יודען וואס וואוהנען אויף דיא אנדערע זייט טייך זייא זאלען פאסטען דריי טעג אונ דריי נעכט :

**כז ויהי** . אונ עס איז גיוועזען דער דריטער טאג האט אסתר אן גיקליידט מלכות . הט דאך גידארפט שטיין בגדי מלכות . זיא האט אן גיקליידט קעניגליכע קליידער . האט רבי אלעזר גזאגט פון רבי חנינאס וועגין מען מיינט זיא האט אן גיקליידט אויף זיך רוח הקודש . ווארום דא שטייט אסתר האט אן גיקליידט . אונ דארט שטייט עמשא האט אן גיקליידט רוח הקודש . אזוי ווי די קליידער פון עמשא איז גיוועזען רוח הקודש . אזוי די קליידונג פון אסתר איז אויך גיוועזען רוח הקודש . נאך האט רבי אלעזר גזאגט פון רבי חנינאס וועגין אז אפראסטער מענטש וועט דיך בענטשין זאל דיא ברכה ניט זיין גרינג ביא דיר . ווארום צוויי פראסטע מענטשין האבען גיבענשט צו צוויי גרויסע צדיקים . אונ זייער ברכה איז מקוים גיווארין . ארונה האט גיבענשט צו דוד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארונה האט גזאגט צום מלך דוד גאט זאל דיך בווילינגען . אונ דריוש האט גיבענשט צו דניאל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דריוש האט גזאגט צו דניאל דיין גאט וואס דוא דינסט צו איהם ער זאל דיך רעטען ומציל זיין פון די לייבען . נאך האט רבי אלעזר גזאגט פון רבי חנינאס וועגין אז אפראסטער מענטש וועט דיך פלוכען . זאל די קללה ניט זיין גרינג ביי דיר . ווארום אבימלך האט גיפלוכט שרהן . ער האט גזאגט צו איר דאס זאל זיין ביי דיר אפארדעקונג אויף דיינע אויגען . אונ דאס איז מקוים גיווארין ביי איר קינד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז יצחק איז אלט גיווארען זענען איהם טונקעל גיווארען זיינע אויגען . אונ זענען פאר רעקט גיווארען . נאך האט גזאגט רבי אלעזר פון רבי חנינאס וועגין קום אונ זעה אז גאט טוהט ניט אזוי ווי אמענטש טוהט . אמענטש שטעלט פריער דעם טאפ אויף דעם קומען דער נאך גיסט ער אריין וואסער אין טאפ . אונ גאט טוהט ניט אזוי . פריער גיסט ער אריין וואסער אין טאפ דער נאך שטעלט ער דעם טאפ צום קומען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו דעם קול פון די שטימען וואס עס ווערט גיהערט פון דעם ברומונג ווען גאט גיט דיא וואסער

אין

וא"ר א"ר חנינא צדיק אבד לדורו אבד משל לאדם שאבדה ממנו מרגלית כל מקום שהיא (הולכה היא) מרגלית (שמה) והיא לא אבדה אלא לבעלה. ואמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם שנאמר (אסתר ב) ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי. ואמר רבי אלעזר א"ר חנינא מ"ד וכל זה איננו שוה לי מלמד שכל גנזיו של אותו רשע היו חקוקים לו על לבו וכשראה את מרדכי יושב בשער המלך היה אומר וכל זה איננו שוה לי משום דרואה מרדכי יושב בשער המלך אומר וכל זה איננו שוה לי אין כדאמר רב חסדא זה בא בפרוסבולי וזה בא (ע"ג) בפרוסבוטי (בולי אלו עשירים שנאמר (ויקרא כו) ושברתי את גאון עוזכם ותני רב יוסף אלו בולי שביהודה בוטי אלו עניים וכן הוא אומר (דברים טו) והעבט תעביטנו) אמר רב פפא וקראו ליה עבדא דאזדבן בטולמי דנהמא. ואמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא עתיד הקב"ה (לתת) [להיות] עטרת בראש כל צדיק

זה בא בפרוסבולי. מרדכי בא אליו בפעם עושר והמן בא בשעת עוני. שמכר המן את עצמו למרדכי קודם לכן ימים רבים בככר לחם: בולי. לשון עושר כדאמרינן במס' גיטין ושברתי את גאון עוזכם אלו בולאות שביהודה: (בוטי. ל' עניות כמו והעבט תעביטנו): בטולמי דנהמא. בככר

וצדיק

---

אין הימעל. נאך האט גזאגט רבי אלעזר פון רבי חנינאס וועגין אז אצדיק ווערט פר לארען ווער שטארבט. ווערט ער נאר פאר לארען צו די לעבעדיגע. אבער ער אליין איז ניט פאר לארען. ער איז אין גן עדן. למשל אמענטש האט פאר לארען אפעריל. וואו דער פעריל איז. איז ער אפעריל. ער איז נאר פאר לארען פון דעם בעל הבית. נאך האט גזאגט רבי אלעזר פון רבי חנינאס וועגין. דער וואס זאגט אזאך אונ ער זאגט דעם נאמען פון דעם מענטש וואס האט איהם גזאגט די זאך. ער זאגט דער מענטש האט מיר גזאגט די זאך. ברענגט ער אאויס לייזונג אויף דער וועלט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אסתר האט גזאגט צום מלך אין דעם נאמען פון מרדכי: ויא האט גזאגט אז מרדכי האט איר גזאגט אז בגתן אונ תרש ווילען הרגנן דעם מלך. אונ דורך דעם זענען די יודען אוים גילייזט גיווארין פון זייער צרה. אזוי וויא עס שטייט אין דיא מגילה. נאך האט גזאגט רבי אלעזר פון רבי חנינאס וועגין. עס שטייט אין פסוק המן האט גזאגט צו זיינע גוטע פריינד דאס אלץ איז ביי מיר גאר ניט ווערט. אז ער האט גזאגט דאס. האט ער דאך זייא געוויזען וואס ביי איהם איז ניט ווערט. זעהן מיר אז די אלע אוצרות פון המן זענען גיוועזן פאר שריבען אויף אפאפיר אונ דער פאפיר איז גיהאנגען אויף אשנירול ביי המן אויף זיין הארץ. אונ וויא המן האט גיזעהן מרדכי זיצט אין טויער פון מלך האט ער גזאגט צו זיינע גוטע פריינד ואונ האט זיי געוויזען דעם פאפירן. דאס אלץ איז ביי מיר גאר ניט ווערט. פרעגט די גמרא ווייל ער האט גיזעהן מרדכי זיצט אין טויער פון מלך דריבער האט ער גזאגט דאס אלץ איז ביי מיר גאר ניט ווערט. ענטפערט די גמרא ער האט בדארפט אזוי זאגען. ווארום רב חסדא האט גזאגט מרדכי איז גיקומען מיט אפרוסבולי ומיט זיין רייכקייט) אונ המן איז גיקומען מיט אפרוזבוטי. ומיט זיין ארעמקייט). ווארום המן איז אמאהל גיוועזן ארעם. אונ האט זיך פאר קויפט צו מרדכי פאר אשטיקול ברויט. רב פפא זאגט מען פלעגט רופען המן איז אקנעכט וואס האט זיך פר קויפט פאר אשטיקול ברויט. אונ דאס גאנצע פאר מעגין פון אקנעכט גיהער צום בעל הבית. האבען דאך אלע אוצרות פון המן גיקערט צו מרדכי. דריבער ווען המן האט דער זעהן מרדכי האט ער גזאגט אויף זייגע אוצרות דאס אלץ איז ביא מיר גאר ניט ווערט. רייכע מענטשין רופט מען בולי. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל צו ברעכען אייערע גרויסע שטארקייט. האט רב יוסף גיקערט אלו בולי שביהודה. דאס מיינט מען די רייכע מענטשין פון יהודה. ארעמע מענטשין רופט מען בוטי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והעבט תעביטנו. דוא וועסט ביי איהם נעמען אמשכון. אונ אמשכון נעמט מען ביי אארעם מאן. נאך האט רבי אלעזר גזאגט פון רבי חנינאס וועגין. גאט וועט זיין אקרוין אויף דעם

קאם

וצדיק שנאמר (ישעיה כה) ביום ההוא יהיה ה' צבאות לעטרת צבי וגו' מאי לעטרת צבי ולצפירת תפארה לעושים צביונו ולמצפים תפארתו יכול לכל ת"ל לשאר עמו מאי לשאר עמו למשים עצמו כשירים. (ולרוח משפט ליושב על המשפט ולגבורה משיבי מלחמה שערה). ולרוח משפט זה הדן (את יצרו ליושב על המשפט זה הדן) דין אמת לאמתו ולגבורה זה המתגבר על יצרו משיבי מלחמה אלו שנושאין ונותנין במלחמתה של תורה. שערה אלו ת"ח שמשכימין ומעריבין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות. אמרה מדת הדין לפני הקב"ה רבונו של עולם מה נשתנו אלו מאלו א"ל (הקב"ה ישראל עסקו בתורה נכרים לא עסקו בתורה א"ל) (ישעיה כח) וגם אלה ביין שגו ובשכר תעו פקו פליליה ואין פקו אלא גיהנם שנאמר (ש"א כה) ולא תהיה זאת לך לפוקה ואין פליליה אלא דיינים שנאמר (שמות כא) ונתן בפלילים. ותעמוד בחצר בית המלך הפנימית אמר רבי לוי כיון שהגיעה לבית הצלמים נסתלקה ממנה שכינה ואמרה (תהלים כב) אלי אלי למה עזבתני וגו' שמא

אתה

לאו עטרים לשב בעורים תרגם יונתן עטרין סולמיא דלחמי: ולרוח משפט. לשופטים את רוחם יהיה לעטרה: דן את יצרו. כופשו לבוא כחבוצה: מתגבר על יצרו. אינו הולך אחריו לעבור עבירה: שמשכימין ומעריבין. והיינו שעים שמעכבים שוערים לפתוח דלתות בהכנסת ולאחר שם עד זמן נעילתן: וגם אלה. אלו רשעים שדונים בגיהנם: ביין שגו. כלומר (אם אני עושה בהם דין) גם הם כרשעו לכך (הם מודים ודיינו): פקו פליליה. לגיהנם נסתלקה: אלי אלי

קאם פון יעדער צדיק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט גאט זיין לעטרת צבי ולצפירת תפארה וואס מיינט מען לעטרת צבי ולצפירת תפארה. צבי איז טייטש דער ווילען. גאט וועט זיין צקרוין צו דיא וואס טוהען זיין ווילען. אונ צו דיא וואס האבען גיהאפט צו זעהן די שיינקייט פון גאט. טאמער מיינט מען אז גאט וועט זיין אקרוין צו אלע מענטשין. שטייט אין פסוק לשאר עמו. צו די מענטשין פון זיין פאלק וואס זענען ביי זיך אזוי וויא זייא וואלטען גיוועזען דאס גיבליבענע. זייא זענען ביי זיך אזוי קליין וויא זייא וואלטען גאר ניט גיוועזען. אין פסוק שטייט ולרוח משפט ליושב על המשפט ולגבורה משיבי מלחמה שערה. לרוח משפט מיינט מען די מענטשין וואס משפטין זייער יצר הרע. זיי גייטען איהם ער זאל תשובה טאהן. ליושב על המשפט מיינט מען דער דיין וואס משפט אמתין דין. ולגבורה מיינט מען דער מענטש וואס שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע ער זאל ניט טאהן קיין עבירה. משיבי מלחמה מיינט מען דיא מענטשין וואס שטרייטען אין דער תורה. דער זאגט כשר דער זאגט פסול. שערה מיינט מען דיא מענטשין וואס קומען גאנץ פריא אונ עפענען די טירען פון דיא שולען אונ פון די בתי מדרשים. אונ גייען אוועק פון די שולען אונ פון דיא בתי מדרשים גאנץ שפעט אונ זייא פאר שליסען דיא טירען. צו דיא אלע מענטשין וועט גאט זיין אקרוין. דער מדת הדין האט גיטאן זאגין פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זענען גיענדערט דיא מענטשין פאר דיא מענטשין. דיא יודען פאר דיא עכו"ם. האט גאט גיזאגט צום מדת הדין דיא יודען האבען גילערנט תורה. אונ דיא עכו"ם האבען ניט גילערנט תורה. האט דער מדת הדין גיזאגט פאר גאט די יודען זענען אויך פאר אירט גיווארען דורך דעם וויין טרינקען. אונ זענען פאר בראנדזעט פון דעם גוטען וועג דורך דעם אלטען וויין וואס זיי טרינקען. האט גאט גיזאגט פקו פליליה. דיא שלעכטע יודען וועלען אויך געשטראפט ווערין צום גיהנם. פקו איז טייטש גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולא תהיה זאת לך לפוקה. אביגיל האט גיזאגט צו דוד דיא עבירה זאל דיך ניט פירען צום גיהנם. פליליה זענען דיינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונתן בפלילים ער זאל געבין פאר די קינדער דורך די דיינים. וויא פיל זיי וועלען פסקנן צו בצאהלען. אין פסוק שטייט אסתר האט זיך גישטעלט אין דעם אינווייניגסטען הויף וואו דיא שטוב פון מלך שטייט. רבי לוי האט גיזאגט וויא אסתר איז גיקומען צו דיא שטוב וואס דארט זענען גישטאנען דיא צלמים. איז פון איר אפ גיטאהן גיווארען די שכינה. האט זי גיזאגט דעם קפיטול תהלים אלי אלי למה עזבתני מיין גאט מיין גאט פאר וואס האסטו מיך פאר לאזט.

אתה דן על שוגג כמזיד ועל אונס כרצון או שמא על שקראתיו כלב שנאמר (תהלים כב) הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי הדרה וקראתו אריה שנאמר (שם) הושיעני מפי אריה ומקרני רמים עניתני. ויהי כראות המלך וגו' אמר רבי יוחנן ג' מלאכי השרת נזדמנו לה באותה שעה אחד שהגביה את צוארה ואחד שמשך עליה חוט של חסד ואחד שמתח שרביטו של אחשורוש וככה מתחו אמר רבי ירמיה בר אבא שתי אמות היה והעמידו על י"ב ואמרי לה על י"ו ריב"ל אמר כ"ח ורב חסדא אמר ס' וכן אתה מוצא באמתה של בת פרעה וכן אתה מוצא בשיני רשעים דכתיב (תהלים ג) שני רשעים שברת ואמר ר"ל אל תקרי שברת אלא שרבבת רבה בר עופרן אמר משום ר"א ששמע מרבו ורבו מרבו מאתים. ויאמר לה המלך גו' עד חצי המלכות (אמר רבא) עד חצי המלכות ולא כל המלכות ולא דבר שחוצץ

למה עזבתני. במזמור אילת השחר הוא: אונס. אע"פ שאני באה אליו מאלי אונס הוא: הצילה מחרב נפשי. באותו מזמור הוא: אמתה של בת פרעה. ותשלח את אמתה: בשיני רשעים. עוג מלך הבשן בברכות בפרק הרואה שעקר הר דר בלע פ סאות להטיליה על מחנה ישראל ונתנו על ראשו והביא הקב"ה נמלים ונקבוהו ונכנס בצוארו ובקש לשמטו ונתארכבו שיניו לכאן ולכאן ומשיני רשעים נפיק לכאי דרשה דלכתוב קרא ודי רשע אלא י

ביז צום סוף קפיטל: טאמער שטראפסטו דעם מענטש וואס טוהט אַעבירה אומגערן גלייך ווי ער וואלט גיטאהן גערן. אונ טאמער שטראפסטו דעם מענטש וואס מען נייט איהם צו טאהן אַעבירה. גלייך ווי ער וואלט גיטאהן דיא עבירה מיט זיין אייגענעם ווילען. דריבער ווילסטו מיך אויך שטראפען אפילו איך בין גינייט צו וואוהנען מיט אחשורוש. אדער טאמער שטראפסטו מיך ווייל איך האב גירופען אחשוירושין כלב. הונט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אסתר האט גזאגט צו גאט רעטע מיך פון שווערד רעטע מיין איינציגע נשמה פון דעם הונט. האט זיא איהם איצט גירופען לייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העלף מיר פון די מויל פון דעם לייב. אונ פון די הערנער פון די ווילדע טירען זאלסטו מיר ענפערין. וויא דער מלך האט גיזעהן אסתר שטייט אין הויף האט זיא גיפונען חן אין זיינע אויגען אונ ער האט איר גיגעבען דיא גאלדענע רוט. רבי יוחנן זאגט אין די צייט זענען גיקומען צו אסתרין דריי מלאכים. איין מלאך האט אויף גיהויבען איר האלדז זיא זאל שיין אויס זעהן. איין מלאך האט אויף איר גיצויגען חן. אונ איין מלאך האט אויס גיצויגען דיא רוט פון אחשורוש ביז צו אסתרין. וויא לאנג האט ער גיצויגען די רוט. רבי ירמיה בר אבא זאגט דיא רוט איז גיוועזען לאנג צוויי איילין האט ער זיא אויס גיצויגען ביז צוועלף איילען. אנדערע זאגען ביז זעכצעהן איילען. רבי יהושע בן לוי זאגט ביז אכט אונ צוואנציג איילין. רב חסדא זאגט ביז זעכציג איילען. אונ אזוי געפינען מיר ביי די דינסט פון פרעהס טאכטער. איז איר אויך די האנט אויס גיצויגען גיווארין זיא זאל קענען נעמען דיא קעסטל וואס משה רבינו איז אינווייניג גילעגין. אונ אזוי געפינען מיר ביי די ציין פון דיא רשעים. ווארום עס שטייט אין פסוק שני רשעים שברת. האט ריש לקיש גזאגט זאלסט ניט לייענען שברת. צו בראכען. נאר זאלסט לייענען שרבבת. דוא האסט גרויס גימאכט. ווארום עוג מלך הבשן האט אויס גערוסען אַבארג פון דריי מייל אונ האט איהם גינומען אויף זיין קאפ אונ האט גיוואלט ווארפען דעם בארג אויף די יודען. האט גאט אריין געשיקט ווערים אין דעם בארג. אונ דיא ווערים זענען אריין גיגאנגען אין זיין האלדז. האט עוג גיוואלט אראפ נעמען דעם בארג פון זיין קאפ. זענען גרויס גיווארען זיינע ציין אונ זענען אריין גיוואקסען אין בארג. האט ער ניט גיקענט אראפ נעמען דעם בארג. דיא ציין זענען אויך גרויס גיוועזען זעכציג איילען. רבה בר עופרן האט גזאגט פון רבי אליעזרס וועגין וואס ער האט גיהערט פון זיין רבי. אונ זיין רבי האט גיהערט פון זיין רבי אז דיא רוט פון אחשורוש איז גיווארען לאנג צוויי הונדערט איילען. דער מלך האט גזאגט צו אסתר וואס דוא הערלאנגסט ביז מיין האלבע קעניגרייך וועל איך דיר געבין. אבער נאר ביז האלבע קעניגרייך ניט דיא גאנצע קעניגרייך. אונ דיא זאך

וואס

נמי ור"ם דלקמיה הכי ס' : ולא דבר שחוצין במלכות. בנין הבית שהוא באמצע העולם כדאמרי' במסכת יומא אבן שתיה שממנה נברא העולם : שבית אליף לגדם. שמתוך התינוקות קורין כן : וימרוד. במלכות כהיותה שעתו מלוכות : ביהא מצוי לה. אולי תוכל להכשילו בשום דבר לפני המלך : ירגיש המקום. כאני מקרבת שונאיהם של ישראל אולי ירגיש מאי צריכה להתגרות לרשע זה ונזדלזל בכבודי : שיהרג הוא והיא. שיראה המלך חושדה עמנו ויהרוג את שניהם (ומי גזרי גזרתא זמימו חד מינייהו בעלי לה) : מלך הפכפך היה. [illegible] וחוזר בדבורו. אמרה אולי אוכל לפתותו

שחוצץ במלכות ומאי הוא זה בנין בית המקדש. ותאמר אסתר אם על המלך טוב יבא המלך והמן אל המשתה תנו רבנן מה ראתה אסתר שזמנה את המן ר' אליעזר אומר פחים טמנה לו שנאמר (תהלים סט) יהי שלחנם לפניהם לפח ר' יהושע אומר מבית אביה למדה שנאמר (משלי כה) אם רעב שונאך האכילהו לחם וגו' (וה' ישלם לך אל תקרא ישלם לך אלא ישלימנו לך) ר"מ אומר כדי שלא יטול עצה וימרוד. רבי יהודה אומר כדי שלא יכירו בה שהיא יהודית. ר' נחמיה אומר כדי שלא יאמרו ישראל אחות לנו בבית המלך ויסיחו דעתם מן הרחמים. רבי יוסי אומר כדי שיהא מצוי לה בכל עת. ר"ש בן מנסיא אומר אולי ירגיש המקום ויעשה נס. רבי יהושע בן קרחה אומר אסבירה לו פנים כדי שיהרג הוא והיא. אמר רבן גמליאל אחשורוש מלך הפכפך היה ואמר ר"ג עדיין צריכין אנו למודעי

---

וואס ווילט פאר שטעלין די קעניגרייך וועל איך דיר אויך ניט געבין. וואס ווערט פאר שטעלען זיין קעניגרייך. דאס איז דער בית המקדש. אויב דוא פערלאנגסט מען זאל באהען דעם בית המקדש. דאס וועל איך ניט טאהן. אסתר האט גזאגט אויב דעם מלך איז גוט. זאל קומען דער מלך מיט המן צו דער סעודה וואס איך האב גימאכט. די רבנן האבען גילערונט צו וואס האט אסתר גיבעטען המן צו דער סעודה. רבי אליעזר זאגט זיא האט פאר שפרייט אנעץ צו פאנגען המן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף דיא רשעים זייער טיש זאל זיין פאר זיי אנעץ: רבי יהושע זאגט זיא האט דאס גילערונט ביי איר פאטער (דאס מיינט מען ווען זיא איז נאך גיוועזן אקינד). אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דיין פיינט איז הונגעריג גיב איהם עסין ברויט. ווי ישלם לך. זאלסט ניט לייענען ישלם לך. נאר זאלסט לייענען ישלימנו לך: גאט וועט געבין דיין שונא צו דיר אין האנט. רבי מאיר זאגט אסתר האט גיטראכט אז זיא וועט מסרין אויף המן פאר דעם מלך. אונ המן וועט ניט זיין דער ביי. אז המן וועט הערין דער מלך וויל איהם הרגנן. וועט ער נעמען אעצה ביי זיינע גוטע פריינד. אונ וועט מאכען אבונד (ארעוועלוציע) אויף דעם מלך. רבי יהודה זאגט אסתר האט גיוואלט מען זאל ניט וויסען אז זיא איז איידען. דריבער האט זיא גימאכט אסעודה פאר אחשורוש מיט המן. רבי נחמיה זאגט אסתר האט גיוואלט דיא יודען זאלען ניט זאגען מיר האבען אשוועסטער ביי דעם מלך אין שטוב וועט זיא אונז שוין העלפען פון אלע צרות וועלען זיי שוין ניט בעטין ביי גאט. דריבער הט זי גימאכט אסעודה פר אחשורוש מיט המן. וועלן די יודין זאגן זי האלט אויך מיט המן. וועלין זיי שוין מוזען בעטין ביי גאט ער זאל זיי העלפען. רבי יוסי זאגט אסתר הט גיוואלט המן זאל זיין געבין איר. טאמער וועט זי געפינען אויף איהם אבלבול. צו זאגען דעם מלך. רבי שמעון בן מנסיא זאגט זיא האט גימאכט אסעודה פאר אחשורוש מיט המן. גאט זאל זעהן איר צער אז זי דארף חנפנן דעם רשע. וועט ער טאהן אנס רבי יהושע בן קרחה זאגט אסתר האט געוויזען אפרייליך פנים צו המן: דער מלך זאל חושד זיין אז זיא האט ליב המן. וועט ער הרגנן זיא מיט המן. אונ פאר צייטען איז גיוועזן אז מען הט גוזר גיוועזן אגזרה. אונ איינער פון דיא שרים איז גישטארבען. איז בטל גיווארען דיא גזרה. וועט דיא גזרה פון המן אויך בטל ווערין. רבן גמליאל זאגט אחשורוש האט ניט גיהאט איין דעה. איצט האט ער אזוי גזאגט. אביסעל שפעטער האט ער חרטה גיהאט. דריבער האט אסתר גימאכט אסעודה פאר אחשורוש מיט המן. ער זאל זיין דער ביי. וויא אחשורוש וועט נאר זאגען שלעכץ אויף המן. זאל מען דאס באלד טאהן. איידער ער וועט חרטה האבען. נאך האט רבן גמליאל גזאגט מיר דארפען נאך הערין וואס דער מודעי האט

למודעי דתניא ר"א המודעי אומר קנאתו במלך קנאתו בשרים . רבה אמר (משלי טז) לפני שבר גאון אביי ורבא דאמרי תרוייהו (ירמיה נא) בחוכם אשית את משתיהם . אשכחיה רבה בר אבוה לאליהו א"ל כמאן חזייה אסתר ועבדה הכי א"ל ככולהו תנאי וככולהו אמוראי ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו וכמה רוב בניו רב (חסדא) אמר שלשים י' מתו וי' נתלו וי' שמחזירים על הפתחים רבנן אמרי אותם שמחזירים על הפתחים ע' היו שנאמר (ש"א ב) שבעים בלחם נשכרו אל תקרי שבעים אלא שבעים ורמי בר (חמי) [אבא] אמר כולן ר"ח היו שנאמר ורוב בניו, ורוב בגימטריא הכי הוי . ורוב בגמטריא מאתן וארביסר הוי אמר רב נחמן בר יצחק ורב כתיב . בלילה ההוא נדדה שנת המלך אמר רבי תנחום נדדה שנת מלכו של עולם ורבנן אמרו נדדו עליונים והתחתונים אמר

עליו ולהורגו ואם לא יהיה מזומן לי תעבור השעה ויחזור בו : בחומם אשית את משתיהם . על בלשאצר וסיעתו נאמר בשובם מן המלחמה שנלחם עם דריוש וכורש שהיו צרים על בבל ונלחם בלשאצר כאותו היום היו (צמים) [חמים] ועיפים וישבו לשתות ונשתכרו ונאחזה (הלילה) [היום] נהרג [ואף אסתר אמרה מתוך משתיהם של רשעים פורענות בא] עליהם : שבעים בלחם נשכרו . יונתן תרגם על בניו של המן : שנת מלכו של עולם . דוגמתו ויקץ כישן ה' לנקום נקמתו : נדדו עליונים . שהיו מלאכים מבהילין אותו כל אותה הלילה ואומרים כפוי טובה שלם טובה למי בעשאה לכון מורי וי"א נדדו

גזאגט . ווארום מיר האבען גילערונט רבי אלעזר המודעי האט גזאגט דריבער האט אסתר גימאכט א סעודה אונ האט גיבעטען נאר דעם מלך מיט המן . ווייל זיא האט גיוואלט דער צערענען דעם מלך אויף המן . דער מלך זאל זיין אין כעס אויף דיא גרויסקייט פון המן אז ער איז שוין גלייך מיט איהם . אונ אלע שרים זאלען מקנא זיין דיא גרויסקייט פון המן וועלען זייא אין כעס ווערין אויף איהם . דער נאך אז דער מלך וועט זאגען שלעכץ אויף המן וועלען אלע האבען א נקמה . רבה זאגט גאט מאכט גרוים דיא רשעים איידער ער צו ברעכט זייא . דריבער האט אסתר גיבראכט המן צו דיא גרעסטע גרויסקייט ער זאל באלד צו בראכען ווערין . אביי אונ רבא זאגען ביידע עס שטייט אין פסוק בחומם אשית את משתיהם . ווען דיא רשעים זענען דער היצט אונ זיי טרינקען . ביי דער צייט ברייננגט גאט אויף זייא דיא פורענות . אזוי וויא גאט האט גיטאהן מיט בלשאצר . דריבער האט אסתר אויך אן גיברייט א סעודה צו המן מפלה . רבה בר אבוהו האט גיטראפען אליהו הנביא האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס האט אסתר גימאכט א סעודה פאר אחשורוש מיט המן . האט אליהו גזאגט אסתר האט גיטראכט די אלע זאכען וואס די אלע תנאים אונ אלע אמוראים האבען גזאגט נאזוי ווי פריער שטייט . אין פסוק שטייט המן האט דער ציילט צו זיינע גוטע פריינד דעם כבוד פון זיין רייכקייט . אונ זיינע פיל קינדער וואס ער האט . וויא פיל קינדער האט המן גיהאט . רב זאגט דרייסיג . צעהן זענען גישטארבען . צעהן האט מען גיהאנגען . צעהן זענען גיווארען ארעם אונ זענען גיגאנגען אין די הייזער בעטין ברויט . די רבנן זאגען זיבעציג קינדער המן זענען גיגאנגען אין די הייזער בעטין ברויט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שבעים בלחם נשכרו . זאלסט ניט לייענען שבעים . נאר זאלסט לייענען שבעים . זיבעציג קינדער פון המן האבען זיך פאר דונגען פאר ברויט . רמי בר אבא זאגט המן האט גיהאט צוויי הונדערט מיט אכט קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ורוב בניו . דער ווארט ורוב בטרעפט צוויי הונדערט מיט אכט . פרעגט דיא גמרא ורוב בטרעפט דאך צוויי הונדערט מיט פערצעהן . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ורב שטייט אין פסוק . אונ ורב בטרעפט צוויי הונדערט מיט אכט . וא"ו איז וועקם . רי"ש איז צוויי הונדערט . בי"ת איז צוויי . בלילה ההוא נדדה שנת המלך . דיא נאכט איז פאר וואגילט גיווארען . דער שלאף פון מלך . דער מלך האט ניט גיקענט שלאפען . רבי תנחום זאגט עס איז פאר וואגילט גיווארען דער שלאף פון דעם קעניג פון דער וועלט . גאט האט ניט גיקענט זעהן דעם צער פון דיא יודען . דיא רבנן זאגען דיא מלאכים האבען ניט גילאזט שלאפען אחשורוש . זייא האבען איהם גישראקין אנגעצאגט אונ האבען גזאגט צו איהם פאר וואס בצאהלסטו ניט קיין טובה צו דעם וואס האט

דיך

אמר (רבה) [רבא] נדדה שנת המלך אחשורוש ממש נפלה ליה כלתא בדעתיה אמר מאי דקמן דזמנתיה אסתר להמן בהדאי דילמא עצה קא שקיל עליה דההוא גברא לקטליה הדר אמר אי הכי הוה לא הוה איניש דרחים לי והוה מודע לי הדר אמר דילמא איכא איניש דעביד בי טיבותא ולא פרעתיו משום הכי מימנעי אינשי ולא מגלו לי מיד ויאמר להביא את ספר הזכרונות וגו' ויהיו נקראים מלמד שנקראים מאליהם. וימצא כתוב כתב מיבעיא ליה (אמר רבי יצחק נפחא) מלמד (דף טז) ששמשי מוחק וגבריאל כותב. אמר רבי אסי (אמר רבי חנינא בר פפא) דרש ר' שילא איש כפר תמרתא ומה כתב של מטה שלזכותן של ישראל אינו נמחק כתב של מעלה עאכ"ו. ויאמר המלך מה נעשה יקר וגדולה וגו' לא נעשה עמו דבר (תנא) [אמר רבא] לא מפני שאוהבים את מרדכי אלא מפני ששונאים את המן. הכין לו תנא לו הכין. ויאמרו נערי המלך אליו הנה המן וגו' ויבא

פליונים כדי שירבו התחונים לבקש רחמים על הדבר: מאי דקמן דזמינתיה. כלומר מה זאת שבאה לפני עכשיו דבר חדש הוא זה: כתוב. משמע שהיה כתוב מתחלה כתב משמע מעיקרא וימצא כתוב בספר זכרון אשר הגיד מרדכי: שמשי. סופר המלכים היה מימי כורש ושונא ישראל היה כמו שכתוב בספר עזרא שכתב שטנה על בנין הבית עד שלא כורש לבטלו ואף בימי אחשורוש עשה כן. שנאמר ובמלכות אחשורוש בתחלת מלכותו כתבו שטנה וגו' (וכנו של המן הוה כדאמרינן בס"ע גבי עשרת בני המן הם שכתבו שטנה): לו הכין.

---

דיך גירעטעט פון טויט. רבא זאגט אחשורוש האט ניט געקענט שלאפען ווייל איהם איז אריין געפאלען אזאך אין זיינע געדאנקען. ער האט געזאגט צו זיך אליין וואס קען דאס זיין וואס אסתר האט געבעטען המן מיט מיר צו דער סעודה. דאס איז אנייס. טאמער האבען זייא ביידע געמאכט איין עצה מיך צוא הרגנען. דער נאך האט אחשורוש געזאגט צו זיך אליין וויא קען דאס זיין איך זאל ניט האבען אגוטען פריינד וואס זאל מיר זאגען אז המן מיט אסתר שמועסין צו זאמען. דער נאך האט ער געזאגט צו זיך אליין טאמער האט אמענטש מיר אמאהל געטאהן אטובה. אונ איך האב איהם גאר ניט באצאהלט: דריבער וויל מיר שוין קיינער ניט טאהן קיין טובה אונ מען זאגט מיר ניט. האט אחשורוש באלד געהייסען מען זאל ברייגען דעם ספר הזכרונות וואס דארט ווערט פאר שריבען אלע זאכען וואס עס טרעפט ביי דעם מלך. ויהיו נקראים. עס שטייט ניט מען האט געלייענט נאייגער פון די שרים נאר עס שטייט עס איז געלייענט געווארען. לערונט אונז דער פסוק עס איז געלייענט געווארען פון זיך אליין (דורך אמלאך). וימצא כתוב. האט דאך געדארפט שטיין כתב. ווארום כתב איז טייטש עס איז שוין געשריבען פון לאנג. אונ כתוב איז טייטש איצט געשריבען געווארען. אונ די זאך פון מרדכי איז דאך שוין לאנג פאר שריבען געווארען. נאר דער פסוק לערונט אונז אז שמשי דער שרייבער פון מלך (המן'ס זוהן). האט אפ געמעקט דעם ווארט מרדכי. אונ דער מלאך גבריאל האט צו געשריבען דעם ווארט מרדכי. איז דער ווארט מרדכי איצט געשריבען געווארען. דריבער שטייט כתוב. רבי אסי האט געזאגט רבי שילא פון דארף תמרתא האט גידרשת מאראך אז אונטען איז פאר שריבען געווארען אטובה פאר יודען. ווערט דאס ניט אפ געמעקט. אז אין הימעל ווערט פאר שריבען אטובה פאר יודען ווערט געווים ניט אפ געמעקט. אין פסוק שטייט אחשורוש האט געפרעגט וואס פאר אכבוד אדער אגרויסקייט האט מען געטאהן צו מרדכי. האבען דיא בדינטע געענטפערט: מען האט מיט איהם גאר ניט געטאהן. רבא זאגט ניט ווייל זייא האבען ליב געהאט מרדכי האבען זייא אזוי געזאגט. נאר ווייל זייא האבען פיינט געהאט המן. דריבער האבען זיי געוואלט מרדכי זאל גרויס ווערין. וועט דאס זיין אקריינקונג פאר המן. אונ המן איז געקומען בעטין ביי אחשורוש מען זאל הייגען מרדכי אויף דעם האלץ אשר הכין לו. וואס ער האט אן געברייט פאר איהם. מיר האבען געלערונט פאר וועמען מיינט מען פאר איהם. פאר המן אליין. האבען דיא בדינטע פון מלך געזאגט צום מלך המן שטייט אין הויף. האט דער מלך געהייסען המן זאל קומען פאר איהם. איז המן געקומען פאר דעם מלך. האט דער מלך געזאגט צו המן וואס פר

אגרויסקייט

ויבא המן וגו' ועשה כן למרדכי אמר ליה מנו מרדכי א"ל מרדכי היהודי (א"ל) טובא מרדכי איכא ביהודאי א"ל היושב בשער המלך א"ל (ההוא) סגי בחדא דסקרתא אי נמי בחדא נהרא אמר ליה אל תפל דבר מכל אשר דברת גמר והב ליה. ויקח המן את הלבוש ואת הסוס אזל ואשכח רבנן דיתבי קמי מרדכי וקא מחוי להו הלכות קמיצה לרבנן כיון דחזייה מרדכי דאפיק לקבליה וסוסיא מיחד בידיה מירתת א"ל לרבנן האי רשיעא למקטל נפשי קא אתי זילו מקמיה די לא הכוו בגחלתי בההיא שעתא נתעטף מרדכי וקם ליה בצלותא אתא המן ויתיב ליה קמייהו ואוריך עד דסליק מרדכי לצלותיה א"ל במאי עסקיתו א"ל דכי הוה בית מקדשא קיים רחמנא אמר מאן דמנדב מנחה לייתי מליא קומציה ממנה וליקטר על גבי מדבחא וליכפר ליה אמר להו אתא מלא קומצא דקמחא דידכו ודחי עשרת אלפא ככרי

לגופך עצמו: דסקרתא. כפר: נהרא. ליטול מכס: לרבנן. תלמידיו: קמיצה. היה דורש בעניינו של

---

גרויסקייט זאל מען טאהן צו דעם מענטש וואס דער מלך וויל איהם געבין כבוד. האט המן גימיינט געוויס וויל דער מלך איהם געבין כבוד. האט ער גזאגט דער מענטש וואס דער מלך וויל איהם געבין כבוד. זאל מען איהם אן קליידען דאס קלייד וואס דער מלך הט אן ניקליידט דעם טאג וואס ער איז גיווארען א מלך. אונ מען זאל געבין אויף זיין קאפ דיא קרוין פון מלך. אונ ער זאל רייטען אויף דעם פערד וואס דער מלך האט גערייטען ווען ער איז גיווארען א מלך. אונ מען זאל איהם פירען אין אלע גאסען. אונ מען זאל שרייען פאר איהם אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער מלך וויל זיין כבוד. האט דער מלך גזאגט צו המן נעם געשווינד דאס קלייד אונ דעם פערד וואס דו האסט גזאגט. אונ טוה אזוי ווי דו האסט גזאגט צו מרדכי. האט המן גיפרעגט צוא וועלכין מרדכי. האט אחשורוש גזאגט צו דעם יודען וואס הייסט מרדכי. האט המן גזאגט עס איז דא פיל יודען וואס הייסען מרדכי. האט אחשורוש גזאגט צו דעם מרדכי וואס זיצט אין טויער פון מלך. הט המן גזאגט פאר דעם מרדכי איז גענוג מען זאל איהם שיינקען א דארף. אדער מען זאל איהם שיינקען א טייך. ווערט ער נעמען גיצאהלט פון דיא שיפען אונ פון דיא פיש. האט דער מלך גזאגט צו המן דוא זאלסט ניט מאכען פאלען איין ווארט פון אלץ וואס דוא האסט גזאגט. דו זאלסט איהם געבין א דארף אונ א טייך אונ זאלסט איהם אן טאהן דיא קעניגליכע קלייד אונ ער זאל רייטען אויף דעם קעניגליכען פערד אונ זאלסט איהם פירען אין אלע גאסען אונ זאלסט שרייען פאר איהם אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער מלך וויל זיין כבוד. הט המן גינומען דאס קלייד אונ דעם פערד אונ איז גיגאנגען צו מרדכי. אונ מרדכי איז גיווען אין בית המדרש אונ די תלמידים זענען גיזעסען פאר איהם. אונ מרדכי האט געוויזען פאר דיא תלמידים וויא אזוי דער כהן האט א ראש גינומען א קומץ פון דעם עומר וואס מען האט מקריב גיווען דעם היינטיגען טאג נאך דעם אנדערין טאג פסח ווען דער בית המקדש איז גישטאנען. וויא מרדכי האט גיזעהן המן גייט צו איהם אונ האלט מיט דיא האנט א פערד איז ער זעהר שראקין גיווארין. האט מרדכי גזאגט צו דיא תלמידים דער רשע קומט געוויס מיך צו הרגנן. אנטלויפט פון בית המדרש איר זאלט ניט גיהרגת ווערין דורך מיר. אונ מרדכי האט זיך איינגעוויקעלט אין זיין טלית אונ האט זיך גישטעלט דאווענען. אונ המן איז אריין גיקומען אין בית המדרש אונ האט זיך גיזעצט פאר די תלמידים אונ האט גיווארט ביז מרדכי וועט אפ דאווענען. הט המן גזאגט צו דיא תלמידים וואס האט איר איצט גילערנט. האבען דיא תלמידים גזאגט ווען דער בית המקדש איז גישטאנען. האט גאט גזאגט ווער עס וועט ברענגען א מנחה ומעהל מקריב צו זיין. זאל דער כהן א ראש נעמען מיט זיין האנט א ביסעל פון דיא מעהל אונ זאל דאס ארויף שיטען אויף דעם פייער וואס אויף דעם מזבח. וועט איהם גאט מוחל זיין זיינע עבירות. האט המן גזאגט עס איז גיקומען אייער ביסול מעהל אונ האט אוועק גישטויסען מיינע צעהן

טויזנד

יום ו"ו ניסן היה יום תנופת העומר : לבי בני. פרחן: ואשקיל למזייה. תגלח את שערי: ואסרתינהו. לוחי עליהם שהכניהם : אומניס . ספרים : זוגא . את של מספרים : עליה . כלי הרס : ולסעניהו . יום ג' לתעניתו היה שהתחיל לסתענות ביום ארבעה עשר בניסן ומה שקרא כמקרא ליום אתמול (מליצי)

כברי בספא דההוא גברא א"ל רשע עבדא דקנה נכסיא עבד דמאן נכסים דמאן א"ל קום לבוש הני מאני ורכיב האי סוסיא דקא בעא לך מלכא א"ל לא יכילנא עד דאזלינא לבי בני ואשקיל למזייא דלאו אורח ארעא לאשתמושי במאני דמלכא הכי אדהכי והכי שדרה אסתר ואסרתינהו לכולהו בי בני ולכולהו אומני עייליה איהו לבי בני ואסחיה ואזל ואייתי זוגא מביתיה וקא שקיל במזייה בהדי דקא שקיל ליה אינגיד ואתנח א"ל אמאי קא מתנחת אמר ליה גברא דהשיב ליה לכלכא מכולהו רברבנוהי השתא שויה בלאני וספר א"ל רשע לאו ספר כפר קרצום היית תנא המן ספר של כפר קרצום הוה כ"ב שנה בתר דאשקיל ליה במזייה אלבשיה א"ל סליק רכיב א"ל לא יכילנא דכחישו חילאי כתעניתא נחין ליה ורכיב וכי הוה סליק בטיש ביה א"ל ולא כתיב (משלי כד) בנפול אויבך אל תשמח א"ל רשע הני מילי בישראל אבל ברידכו כתיב (דברים לג) ואתה על במותימו תדרוך . ויקרא לפניו ככה יעשה לאיש כי נקיט ואזיל בשבילא (דמתא) [דבי המן] חזיתיה ברתיה דהות קיימא באיגרא סברה האי דרכיב אבוה הוא והאי דמסגי קמיה מרדכי. שקלה עציצא דבית הכסא ושדיה ליה ארישיה דאבוה דלי עיניה וחזייא (כיון דחזאי) דאבוה הוי נפלה מאיגרא ומתה . והיינו דכתיב וישב מרדכי אל שער המלך אמר רב ששת ששב לשקו ולתעניתו . והמן נדחף אל ביתו אבל וחפוי ראש אבל על בתו וחפוי ראש מדבר שאירעו . ויס' המן לזרש אשתו גו'

מ"ש

---

טויזענד צענטנער זילבער . האט מרדכי גזאגט צו המן דוא רשע אז אקנעכט קויפט גיטער צו וועמען גיהער דער קנעכט אונ צוא וועמען גיהערין זיינע גיטער . גיוויס גיהער דער קנעכט מיט זיינע גיטער צום בעל הבית . דוא ביסט דאך אמאהל פאר קויפט גיווארען צו מיר פאר אקנעכט . זענען דאך די צעהן טויזענד צענטנער זילבער מיינע . האט המן גזאגט צו מרדכי נעם אויף זיך דאס קלייד אונ רייט אויף דעם פערד . דער מלך האט אזוי גיהייסען . האט מרדכי גזאגט איך קען ניט אן קליידען דאס קלייד ביז איך וועל פריער גיין אין באד אונ וועל אפ שערין דיא האר . עס איז ניט רעכט אן צוא טאהן דיא קעניגליכע קליידער אזוי וויא איך גיי איצט . דער וויל האט אסתר געשיקט אז אלע בעדערס אונ אלע שערערס זאלען זיך בעהאלטען המן זאל זיי ניט געפינען . האט המן גימוזט פירען מרדכי אין באד אונ האט איהם גיוואשען . אונ המן איז גיגאנגען צוא זיך אהיים אונ האט גיברייננט אשעריל אונ האט אפ גישוירען זיינע האר . ווען המן האט איהם גישארען דיא האר . האט המן גיזיפצט . האט מרדכי גזאגט צו המן וואס זיפצטו . האט המן גזאגט צו מרדכי אמענטש וואס איז גרויס ביי דעם מלך גרעסער פון אלע זיינע הערין . זאל ער איצט ווערין אבעדער אונ אשערער . האט מרדכי גזאגט צו המן דוא רשע ביסטו דען ניט גיוועזען אשערער אין דעם דארף קרצום . מיר האבען גילערנט צוויי אונ צוואנציג יאהר איז המן גיוועזען אשערער אין דעם דארף קרצום . דער נאך וויא המן האט אפ גישוירען די האר פון מרדכי . האט ער איהם אן גיטאהן די קעניגליכע קליידער . אונ האט גזאגט צו איהם גיי ארויף אויף דעם פערד אונ רייט . האט מרדכי גזאגט איך קען ניט ארויף גיין אויף דעם פערד איך בין שוואך פון דעם פאסטען . האט זיך המן איין גיבויגען אונ מרדכי האט זיך גישטעלט אויף דיא פלייצעס פון המן אונ איז ארויף אויף דעם פערד אונ המן האט גינומען פירען מרדכין אין די גאסען אונ האט גירופען פאר איהם אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער מלך וויל זיין כבוד . רב ששת זאגט ווי מרדכי איז צוריק גיקומען צום טויער פון מלך האט ער צוריק אן גיטאהן דעם זאק אונ האט ווייטער גיפאסט אונ המן איז גישטויסען גיווארען צוא זיין הויז טרויעריג אונ אראפ גיבויגען דעם קאפ . אונ המן האט דער ציילט צוא זיין ווייב זרש

אונ

מ"ש התם דקרי להו אוהביו ומ"ש הכא דקרי להו חכמיו אמר רבי יוחנן כלמד שכל האומר דבר חכמה אפילו באוה"ע נקרא חכם אם מזרע היהודים מרדכי גו' א"ל אם כשאר שבטי ישראל קא אתי יכלת ליה ואם כשבט יהודה מנשה ואפרים ובנימן קא אתי לא יכלת ליה יהודה דכתיב (בראשית מט) ידך בעורף אויביך שבט אפרים ובנימן ומנשה דכתיב (תהלים פ) לפני אפרים ובנימן ומנשה עוררה את גבורתך ולכה לישועתה לנו. כי נפול תפול לפניו דרש רבי יהודה בר' אלעאי שתי נפילות אלו למה מלמד שאמרו לו אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין (לרקיע) [עד לכוכבים]. עודם מדברים עמו וסריסי המלך וגו' מלמד שהביאוהו בבהלה. כי אין הצר שוה בנזק המלך אמרה ליה צר זה אינו שוה בנזק המלך איקני כושתי וקטלה ואיקני בדידי ובעי למקטלי. ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה ויאמר ויאמר ל"ל אמר רבי אבהו בתחלה על ידי תורגמן כיון דא"ל בת מלכים אנא ומשאול מלכא קא אתינא אשתעי מיד בהדה. ויאמר לאסתר המלכה מי הוא זה ותאמר אסתר איש צר ואויב המן (הרע הזה) אר"א מלמד שהיתה מחוה כלפי אחשורוש ובא

ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות יום ג׳ לגלות הגלים היה : אם מזרע היהודים. יש זרע היהודים שלא הוא באו מהם לא תוכל לו : מלמד שהביאוהו בבהלה. ולא נתן יפה מקומו : שוס.

---

אונ צו דיא קלוגע מענטשין זיינע וואס איהם האט גיטראפען. פרעגט די גמרא פריער האט ער זיי גירופען גוטע פריינד. אונ איצט רופט ער זיי קלוגע. האט רבי יוחנן גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דער וואס זאגט אקלוגע זאך. אפילו ער איז א עכו"ם הייסט ער אויך א חכם. אין פסוק שטייט די חכמים האבען גזאגט צו המן אויב מרדכי איז פון יודען וועסטו פאלען פאר איהם. האבען זיי דען נאך ניט געוואוסט אז מרדכי איז א איד. נאר זייא האבען איהם גיפרעגט פון וועלכין שבט איז מרדכי. אויב ער איז פון אנדערע שבטים וועסטו דיך שטארקען אויף איהם. אונ אויב ער איז פון שבט יהודה. אדער פון שבט מנשה. אדער פון שבט אפרים. אדער פון שבט בנימין. וועסטו פאלען פאר איהם. ווארום ביי דעם שבט יהודה שטייט דיין האנט וועט שלאגען דעם נאקין פון דיין פיינט. אונ ביי דעם שבט אפרים בנימין מנשה שטייט גאט וועט דער וועקין זיין שטארקייט פאר אפרים אונ בנימין אונ מנשה אונ ער וועט גיין צו אונזער הילף. אונ דיא קלוגע האבען גזאגט צו המן נאר פאלען וועסטו פאלען פאר איהם. צו וואס שטייט צוויי מאהל דערווארט פאלען. האט רבי יהודה ברבי אלעאי גידרשת זיי האבען גזאגט צו המן די יודען זענען געגליכען צו די ערד אונ צו דיא שטערין. אז זיי פאלען. פאלען זייא ביז צו די ערד. אונ אז זיי גייען ארויף. גייען זיי ארויף ביז צוא די שטערין. אונ וואס העכער די יודען וועלען ארויף גיין. נידעריגער וועסטו המן מוזען פאלען. ווען די קלוגע האבען נאך גירעט מיט המן. זענען גיקומען די בערינטע פון מלך אונ האבען גיבריינגט המן פאר דעם מלך מיט גרויס איילינעש. האט אסתר גזאגט פאר דעם מלך דער שונא איז ניט ווערט דער מלך זאל דורך איהם האבען אזוי פיל שאדין. ער האט גיצערינט אויף ושתי אונ האט איר גיהרגת. אונ איצט צערינט ער אויף מיר אונ וויל מיך אויך הרגנן. אין פסוק שטייט ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה. צו וואס שטייט צוויי מאהל ויאמר. ער האט גזאגט. האט רבי אבהו גזאגט ביז איצט האט אחשורוש ניט גירעט מיט אסתרין. נאר ער האט גירעט צו אשר. אונ דער שר האט גזאגט צו אסתר. ווייל ער האט ניט געוואוסט ווער אסתר איז. טאמער איז זיא פון א פראסטע פאמיליע. ווי אסתר האט גזאגט צו אחשורוש אז זיא איז אקעניגליכע טאכטער אונ זיא איז גיבארען פון שאול המלך. האט ער שוין גישמועסט מיט אסתרין. אונ אחשורוש האט גזאגט צו אסתר המלכה ווער איז דער שונא. האט אסתר גזאגט דער שונא איז המן. רבי אלעזר האט גזאגט אסתר האט געוויזען מיט דעם פינגער אויף אחשורוש. אז ער איז דער שונא. איז גיקומען א מלאך אונ האט א שטויס גיטאהן איד

האנט

ובא מלאך וכטר ידה כלפי המן (ואטרה הזה) . והמלך קם בחמתו וגו' והמלך שב מגנת הביתן מקיש שיבת לקימה מה קימה בחמה אף שיבה בחמה דאזל ואשכח מ:אכי השרת דאידמו ליה לגברי דקיימי ועקרי אילני דבוסתנא ושדו א"ל מאי עבידתייכו א"ל דפקרינן המן אתא לביתיה והמן נופל על המטה נפל מיבעיא ליה אמר רבי אלעזר שבא מלאך והפילו עליה אמר (וי מדברא וי מטתא) [וי מביתא וי מברא] . ויאמר המלך הגם לכבוש את הכלכה עמי בבית ויאמר חרבונה אחד מן הסריסים וגו' אמר רבי (חמא בר חנינא) [אלעזר] אף חרבונה הרשע באותה עצה היה כיון שראה שלא נתקיימה עצתו מיד ברח והיינו דכתיב (איוב כז) וישלך עליו ולא יחמול מידו ברוח יברח . וחמת המלך שככה שתי שכיכות הללו למה אחד של מלכו של עולם ואחד של אחשורוש א"ד אחד של אסתר ואחד של ושתי . (בראשית מה) לכלם נתן לאיש חליפות שמלות ולבנימין נתן וגו' וחמש חליפות שמלות אפשר דבר שנצטער בו אותו צדיק (ע"ב) יכשל בו (זרעו) דאמר (רבה) רבא

פירוש

ופשם : מלמד שכיפה מתוה כלפי אחשורוש . מרכוי דבריה אתה למד שהיה לה נומר המן הרע הזה (אתה שביפה רולה לומר על אחשורוש אים לר ואויב ועל המן הרע הזה) : נופל . משמע לשון עוסה והולך נופל תמיד רולה לזקוף ומלאך מפילו : וישלך עליו וגו' . הקב"ה מכליך עניו על הרשע פורעניות בני ממלה : מידו ברוח יברח . בני סיעתו בני שורין כורתים מידו : אחת של אסתר . שהיה אחשורוש כעס על מה שעשה המן לאסתר : דבר שנצטער בו אותו צדיק . שנמכר יוסף נעבד על ידי קנאת אחיו : יכשל בו . גרסינן ולא גרסינן זרעו :

---

האנט האט זיא געוויזען אויף המן . אונ דער מלך איז אויף געשטאנען מיט כעס פון דעם ווין אונ איז אריין גיגאנגען אין בוים גארטען . אונ איז גיקומען צוריק פון בוים גארטען אין שטוב . זאגט די גמרא אז וויא ער איז אריין גיגאנגען אין בוים גארטען מיט כעס . אזוי איז ער גיקומען פון בוים גארטען מיט כעס . ווארום וויא אחשורוש איז אריין גיקומען אין בוים גארטען האט ער גיזעהן אזוי וויא מענטשין אונ האבען אויס געריסען דיא ביימער פון גארטען אונ האבען זייא אוועק גיווארפען . האט אחשורוש גיזאגט צו זיי ווער האט אייך גיהייסען רייסען די ביימער . האבען זייא גיזאגט המן האט אונז גיהייסען . איז דער מלך גיקומען מיט כעס אין שטוב אונ ער זעהט וויא המן פאלט אויף דעם בעט וואס אסתר זיצט . פרעגט די גמרא עס האט דאך גידארפט שטיין המן איז גיפאלען . האט רבי אלעזר גיזאגט המן איז גיפאלען אויף דעם בעט אונ ער האט זיך גיוואלט אויף הייבען . האט איהם דער מלאך נים גילאזט . וואס המן האט זיך אויף גישטעלט האט איהם דער מלאך אומגיווארפען . איז ער עטליכע מאהל גיפאלען אויף דעם בעט וואס אסתר איז גיזעסען אונ אחשורוש האט דאס גיזעהן . האט אחשורוש גיזאגט המן טוהט מיר שלעכטס אין שטוב . ער וויל הרגנן די מלכה . אונ ער טוהט מיר שלעכט אויסער די שטוב . וואס ער האט גיזעהן אין ויין גארטען . האט חרבונה גיזאגט צום מלך דא שטייט דער בוים וואס המן וויל אויף איהם הייגען מרדכין . רבי אלעזר האט גיזאגט חרבונה איז אויך גיוועזן פריער אין דער עצה מען זאל מרדכין הייגען . נאר וויא ער האט גיזעהן אז פון די עצה וועט גאר נים ווערין . איז ער אנטלאפען פון דיא עצה . אזוי וויא איוב האט גיזאגט גאט ווארפט יסורים אויף דעם רשע אן רחמנות : דורך דעם אנטלויפען פון דעם רשע אלע וואס האבען אים גיהאלפן . אונ דער כעס פון מלך איז שטיל גיווארען . זאגט די גמרא צוויי כעסין זענען שטיל גיווארין דער כעס פון גאט . אונ דער כעס פון אחשורוש . אנדערע זאגען דיא צווייא כעסין וואס אחשורוש הט גיהאט אויף המן . דורך אסתר אונ דורך ושתי . זענען שטיל גיווארין :

אין פסוק שטייט ביי יוסף צו אלע ברידער האט ער גיגעבען . צו יעדען ברודער אפאר קליידער . אונ צו בנימין האט ער גיגעבין דריי הונדערט טאלער אונ פינף פאר קליידער . איז דאך א קשיא וויא אזוי איז יוסף איצט גישטרויכעלט גיווארין אין אזוי אזאך וואס ער הט שוין אמאהל פון דעם פיל צער גיהאט . ווארום רבא בר מחסיה האט גיזאגט רב חמא בר גוריא האט גיזאגט פון רבם וועגין דורך די צוייעגע העמדיל וואס איז ווערט גיוועזן צוויי טאלער

וואס

ורבא] בר מחסיה א"ר חמא בר גוריא אמר רב בשביל משקל ב' סלעים מילת שהוסיף יעקב ליוסף משאר בניו נתקנאו בו אחיו ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים (והדר עביד איהו מלתא בבנימין כי היכי דמקני אחוהי אלא) אמר רבי בנימין בר יפת (אמר רבי אלעזר) רמז רמז לו שעתיד לצאת ממנו בן שיצא מלפני המלך בחמשה לבושי מלכות ומנו מרדכי דכתיב ומרדכי יצא מלפני המלך וגו'. (בראשית מה) ויפול על צוארי בנימין אחיו וגו' ככה צווארים הוו ליה לבנימין. (אמר רבי בנימין בר יפת) אמר רבי אלעזר מלמד שבכה יוסף על מקדש ראשון ועל מקדש שני שעתידין להיות בחלקו של בנימין ועתידין ליחרב. ובנימין בכה על צואריו בכה על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף ועתיד ליחרב. (שם) והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין (א"ר בנימין בר יפת) אמר רבי אלעזר אמר להם כשם שאין בלבי כלום על בנימין אחי שלא היה במכירתי כך אין בלבי עליכם שהייתם במכירתי. (שם) כי פי המדבר אליכם (אמר רבי בנימין בר יפת אמר רבי אלעזר) כפי כך לבי. (שם) ולאביו שלח כזאת עשרת חמורים נושאים מטוב מצרים מאי מטוב מצרים אמר רבי בנימין בר יפת אמר רבי אלעזר שיגר לו יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו (וזהו מטוב מצרים). (שם נ) וילכו גם אחיו ויפלו לפניו אמר רבי בנימין בר

יפת

כמה שאחריו סוף לבנימין. לא שק ריק הכתוב לקרות צוארי לשון רבים ועל הלקח שאחריו בכה על צואריו: שיגר לו יין ישן. לפי שדעת הזקנים נוחה הימנו וזהו דבר כטוב כמות לו את הכל: תמלא. שואל: כעידמה. אם תראה שעת

---

וואס יעקב האט גיגעבען צו יוסף מער וויא צוא זיינע ברידער; האבען דיא ברידער פיינט גיהאט יוסף. אונ דורך דעם זענען אונזערע עלטערין גיקומען אין מצרים. אונ איצט זאל יוסף ברייגען זיין ברודער בנימין צו די זעלביגע שנאה. פאר וואס ער האט גיגעבען צו בנימין גערט אונ קליידער מער ווי צו אלע ברידער. האט רבי בנימין בר יפת גיענטפערט אזוי איז גיוועזן. די פינף פאר קליידער וואס יוסף האט גיגעבען צו בנימין. זענען נאר ווערט גיוועזן אזוי פיל וויא די פאר קליידער וואס ער האט גיגעבען צו איין אנדער ברודער. נאר פר וואס האט ער איהם גיגעבען פינף פאר קליידער. ווייל יוסף האט געוויזען צו בנימין אז פון איהם וועט גיבארען ווערין אזוהן וואס ער וועט גיין אין פינף קעניגליכע קליידער. דאס איז גיוועזן מרדכי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מרדכי איז ארויס גיגאנגען פון דעם מלך אחשורוש אין אקעניגליכע קלייד פון תכלת אונ חור אונ בוץ אונ ארגמן אונ אגאלדענע קרוין. אין פסוק שטייט יוסף איז גיפאלען אויף די האלדזער פון זיין ברודער בנימין. ווי פיל האלדזער האט דען בנימין גיהאט. האט רבי אלעזר גזאגט די האלדזער מיינט מען די צוויי בתי מקדשים. דעם ערשטין בית המקדש אונ דעם אנדערין בית המקדש וואס זייא וועלען זיין גיבאהט אין דעם חלק ארץ ישראל וואס וועט גיהערין צו זיין ברידער בנימין. אונ זייא וועלען פאר ברענט ווערין. אויף דעם האט יוסף גיוויינט. אונ בנימין האט גיוויינט אויף די האלדז פון יוסף. דאס מיינט מען ער האט גיוויינט אויף דעם משכן פון שילה וואס ער וועט שטיין אין דעם חלק ארץ ישראל וואס וועט גיהערין צו יוסף. אונ ער וועט וויסט ווערין. יוסף הט גזאגט צו די ברידער אייערע אויגען זעהן אונ דיא אויגען פון מיין ברודער בנימין. רבי אלעזר זאגט יוסף האט גזאגט צו די ברידער אזוי וויא איך האב ניט קיין פיינדשאפט אין מיין הארץ אויף מיין ברודער בנימין. ווארום ער איז דאך ניט גיוועזן ביי מיין פאר קויפונג. אזוי האב איך ניט קיין פיינדשאפט אין מיין הארץ אויף אייך. אפילו איר זענט יא גיוועזן ביי מיין פאר קויפונג. יוסף האט גזאגט צו די ברידער מיין מויל רעט צו אייך. אזוי וויא איך רעד מיט מיין מויל אזוי טראכט איך אין מיין הארץ. צום פאטער האט יוסף געשיקט צעהן אייזלען בעלאדען מיט דאס בעסטע פון מצרים. וואס איז גיוועזן די בעסטע פון מצרים. האט רבי בנימין בר יפת גזאגט פון רבי אלעזרס וועגין יוסף האט געשיקט דעם פאטער אלטען וויין. אאלטער מאן האט ליב אלטען וויין. אין פסוק שטייט די ברידער זענע גיקומען פאר יוסף

אונ

מגלהם: שמלה קרית ליה. ליוסף אגל אחיו: מלוי במרובה. משאר אחיו:
אורה זו תורה. שגזר עליהם המן שלא לעסוק בתורה: זה יום טוב. קיימו עליהם ימים טובים: זו מילה. שעל כל אלה גזר: אמרתך. זו מילה שנאמר באמרה ולא בדבור שנאמר ויאמר אלהים אל אברהם ואתה את בריתי תשמור ומצינו ששמח דוד עליה ואמר שירה למנצח על השמינית כשהיה נכנס לבית המרחץ וראה עצמו ערום בלא

יפת אמר רבי אלעזר היינו דאמרי אינשי תעלא בעידניה סגיד ליה תעלא מאי בצירותיה מאחוה אלא אי איתמר הכי איתמר (שם מז) וישתחו ישראל על ראש המטה אמר רבי בנימין בר יפת אמר רבי אלעזר היינו דאמרי אינשי תעלא בעידניה סגיד ליה. (שם נ) וינחם אותם וידבר על לבם אמר רבי בנימין בר יפת אמר רבי אלעזר (מלמד) שאמר להם דברים המתקבלים על הלב. ומה עשרה נרות לא יכלו לכבות נר אחד היאך נר אחד יכול לכבות עשרה נרות:

**ליהודים** היתה אורה ושמחה וששון ויקר (אמר רבי אלעזר) אמר רבי יהודה אורה זו תורה וכן הוא אומר (משלי ו) כי נר מצוה ותורה אור. שמחה זה יום טוב וכה"א (דברים טז) ושמחת בחגך. ששון (אמר רבי אלעזר) זו מילה וכה"א (תהלים קיט) שש אנכי על אמרתך. ויקר אלו תפילין וכה"א (דברים כח) וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך ותניא רבי (אלעזר) [אליעזר הגדול] אומר אלו תפילין שבראש. ואת פרשנדתא ואת דלפון גו' עשרת בני המן אמר

---

און וועגען געזאלען פאר איהם האט רבי בנימין בר יפת געזאגט פון רבי אלעזרס וועגען, דאס איז וואס מענטשין זאגען אפוקס אין זיין צייט. ווען ער האט גליק. בוקט מען זיך צוא איהם אויך. פרעגט דיא גמרא דו גלייכסט יוסף צו אפוקס. מיט וואס איז ער קלענער פון זיינע ברידער. נאר אזוי האבען מיר גילערענט עס שטייט אין פסוק יעקב האט זיך גיבוקט צו יוסף. האט רבי בנימין בר יפת געזאגט פון רבי אלעזרס וועגין דאס איז וואס מענטשין זאגען אפוקס אין זיין צייט. ווען ער האט גליק. בוקט מען זיך צו איהם אויך. יוסף געגען יעקב איז געווים גליך ווי אפוקס געגין אלייב. אין פסוק שטייט יוסף האט גיטרייסט זיינע ברידער אונ ער האט גירעט אויף זייער הארץ. רבי בנימין בר יפת האט געזאגט פון רבי אלעזרס וועגין ער האט גירעט צו זיי אזעלכע רייד וואס ווערין אן גינומען אויף דיא הארץ פון מענטשין. ער האט געזאגט צו זיי מאדאך צעהן ליכט האבען ניט גיקענט פאר לעשין איין ליכט. וויא אזוי וועט איין ליכט קענען פאר לעשין צעהן ליכט. מאדאך צעהן ברידער האבען ניט גיקענט פאר לענדין איין ברודער. וויא אזוי וועט איין ברודער קענען פאר לענדין צעהן ברידער:

**ליהודים** היתה אורה ושמחה וששון ויקר. רבי יהודה זאגט אורה מיינט מען תורה. המן האט גוזר גיוועזן אויף די יודען זיי זאלען ניט לערנען תורה; וויא דיא גזרה פון המן איז בטל גיווארין. האבען די יודען צוריק גיזעהן די ליכטיגקייט פון די תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי נר מצוה ותורה אור. די מצות וועגען זיא אליכט. אונ דיא תורה איז אזוי וויא דיא פייער פון דער ליכט. שמחה מיינט מען יום טוב. דיא יודען האבען אויף זיך גינומען זיי זאלען היטען אלע ימים טובים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ושמחת בחגך דוא זאלסט דיך פרייען מיט דיינע ימים טובים. ששון מיינט מען מילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שש אנכי על אמרתך. דוד המלך האט געזאגט איך פריי מיך אויף דיין זאג. וואס דוא האסט גיבאטען די מצוה פון מילה. ויקר מיינט מען תפילין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן אז דער נאמען פון גאט ווערט גירופען אויף דיר וועלען זיי מורא האבען פאר דיר. אונ מיר האבען גילערענט רבי אליעזר הגדול האט געזאגט דאס מיינט מען אז דיא פעלקער וועלען זעהן די תפילין וואס ביי דיר אויף דיין קאפ וועלען זיי מורא האבען פאר דיר אונ וועלען דיר געבען כבוד. ויקר איז טייטש כבוד. אויף דיא אלע מצות האט המן גוזר גיוועזן. דיא יודען זאלען ניט גיין מיט תפילין. אונ זאלען ניט מלין זייערע קינדער. אונ זאלען ניט היטען יום טוב. אונ זאלען ניט לערנען תורה. אונ אז דיא

אמר רבי (חייא) [אדא] דכן יפו עשרת בני המן ועשרת בעי למימרינהו בנשימה אחת מ"ט דכולהו בהדי הדדי נפקי נשמתייהו א"ר יוחנן וא"ו דויזתא צריך למימתחא בזקיפא כמורדיא דלברות מ"ט כולהו בחדא זקיפא אזדקיפו אמר רבי חנינא בר פפא דרש רבי שילא איש כפר תמריתא כל השירות כולן נכתבות אריח ע"ג לבינה ולבינה ע"ג אריח חוץ משירה זו ומלכי כנען שהיא אריח על גבי אריח ולבינה ע"ג לבינה מ"ט (אמר רבי אבהו) מפני שלא תהיה תקומה למפלתן של רשעים ויאמר המלך לאסתר המלכה בשושן הבירה הרגו היהודים. אמר רבי (אלעזר) [אבהו] מלמד שבא מלאך וכשרו על פיו. ובבואה לפני המלך אמר עם הספר אמר אמרה מיבעיא ליה אמר רב נחמן) [ר' יותנן] אמרה לו יאמר בפה מה שכתוב בספר. דברי שלום ואמת אמר רבי תנחום ואמרי לה אמר רבי אסי מלמד שצריכה שרטוט כאמתה

מצות כנה אינה וכנה מפלין כיון (עוסקין) [ובמכין] במינה סמה במסכת מנחות : עשרת בני המן ועשרת. הזכרת שמותן והיבה הסמוכה לאחריהם כלומר (עשרתם) [נעשתק] נפלו כאחד : וקיפא. פירק"א בלע"ז בען אחד זה למעה מזה : אריח על גבי לבינה. אריח הוא כלתב לבינה הוא החלק שהוא רחב מן הכתב כפנים ואחריה הלי לבינה כו' : שלא תהא הקומה. שלא יהא מקום רחב לסרחיו לעדיו התחיו : מלמד שבא מלאך וכעסו. בתחילה התחיל לדבר בלשון כעס וכוסו אמר מה שאתק : כ"ג א"ר נחמן. יאמר בפה מ"ב בספרים ול"ג אמרה לו וככי פירושא סדר המקראות כך ה"א וקבל היהודים את אשר החלו לעשות וגו' ואת אשר כ"ג מרדכי אליהם כי המן בן המדתא האגגי צורר כל היהודים חשב על היהודים לאבדם וגו' ובבואה לפני המלך וגו' מרדכי כתב אליהם שיעשו פורים כי המן בקש לאבדם ומה שבאתה היא זו לפני המלך לבטלם לו עליהם כל זה יאמרו בכל שנה ושנה על הספר. שתהא המגילה כתובה לפניהם בשעת קריאה : כאמתה של תורה. כס"ם עצמו : שרטוט. כלבם

גזרות ווענען בטל געווארען האבען זיך דיא יודען געפרייט מקיים צו זיין דיא מצות. רבי אדא פון יפו זאגט דיא נעמען פון די צעהן קינדער פון המן אונ דעם ווארט עשרת דארף מען זאגען מיט איין אטעם. מען זאל זיך ניט אפ רוהען אין מיטען. וויל די נשמות פון דיא אלע צעהן קינדער זענען ארויס געגאנגען מיט איין מאהל. רבי יוחנן האט געזאגט דעם וא"ו פון דעם ווארט ויזתא דארף מען ציהען גלייך אונ לאנג ער זאל אויס זעהן אזוי וויא דער שטעקן וואס מען שטויסט מיט איהם די שיף וואס שווימט אויף דעם טייך לברות. וויל אלע צעהן קינדער זענען געהאנגען געווארען אויף איין האלץ איינער אונטער דעם אנדערן. פון הויבין ויזתא אונטער אים ארידי אונ אזוי ווייטער ביז פרשנדתא איז געווען דער לעצטער. רבי חנינא בר פפא האט געזאגט רבי שילא פון דארף תמריתא האט גידרשת אלע שירות ווערן געשריבען אזוי וויא אהאלבע ציגעל אויף אציגעל. אונ אציגעל אויף אהאלבען ציגעל. אזוי וויא דיא שירה פון אז ישיר. נאר די נעמען פון המן'ס קינדער אונ דיא נעמען פון דיא מלכים פון כנען ווערן געשריבען איין נאמען אונטער דעם אנדערן. דאס הייסט אזוי וויא עס ליגט אהאלבער ציגעל אויף אהאלבין ציגעל אונ אציגעל אויף אציגעל. פאר וואס ווערט דאס אזוי געשריבען. צו ווייזען אז די רשעים פאלען האבען זיי ניט אויף וואס צו בלייבען שטיין. זיי האבען ניט ווער עס זאל זיי אויף האלטען. אין פסוק שטייט דער מלך האט געזאגט צו אסתר המלכה אין שושן האבען די יודען גיהרגת פינף הונדערט מענטשין. דיא ווערטער האט דער מלך גירעט מיט כעס. זאגט רבי אבהו אמלאך איז גיקומען אונ האט איהם גיגעבען אפאטש אויף דעם מויל. האט ער אן גיהויבען צו ריידען מיט גוטען וואס פאר לאנגסטו אסתר המלכה וועל איך דיר נאך געבין. אין פסוק שטייט ובבואה לפני המלך אמר עם הספר. אז זי (אסתר) איז גיקומען פר דעם מלך האט ער גזאגט מיט דעם בריף. האט דאך גידארפט שטיין זי האט גזאגט. הט רב נחמן גזאגט אזוי מיינט דער פסוק. מרדכי האט געשריבען צו די יודען זיי זאלען שרייבן אין אמגלה אלץ וואס עס האט גיטראפען מיט המן אונ מרדכי מיט אסתר. ובבואה לפני המלך. אונ דאס וואס אסתר איז גיקומען פאר דעם מלך בעטין אויף די יודין זאל מען אויף שרייבען אין די מגילה. אמר עם הספר. אונ מען זאל זאגען מיט דעם מויל ומען זאל ליי'ענען אלץ וואס עס וועט שטיין אין די מגילה. אין פסוק שטייט דברי שלום ואמת. הט רבי תנחום גזאגט אונ אנדערע זאגען רבי אסי האט גזאגט די מגלה פון פורים מוז געשריבען ווערן אויף

נמצא מכיר: דברי הצומות וזעקתם ומאמר אסתר קים. כך סמוכין במקראות: שפירשו ממנו סנהדרין. לפי שבטל מן התורה ונכנס לשררה: מעיקרא. בימי כורש כשעלה ו. ובנה בין הגולה ומ דלי עמו ונמנו בספר עזרא דמנוהו להתר ד' הגבים: ולבסוף. כשמנו מנין שני לאחר שבנה הבית בספר עזרא כ"ד ננה כין מנין ראשון למנין שני ימי כורש ואחשורוש וו' שנים של דריוש כלה ון לפי שנעשה מרדכי שר בינתים ירד מחשיבותו אצל החכמים: מנות. מיני מעדנים: ב' מנות לאחד. דכתיב ומשלוח מנות ב' מנות לאדם אחד: ומתנות לאביונים ב' מתנות לב' בני אדם. די לכל אחד ואחד מתנה אחת דגבי אביונים נמי תרתי משמע:

כאמתה של תורה. ומאמר אסתר קים דברי הפורים האלה מאמר אסתר אין דברי הצומות וזעקתם לא אמר רבי יוחנן הכי קאמר דברי הצומות וזעקתם ומאמר אסתר קיים דברי הפורים האלה. כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש גו' ורצוי לרב אחיו (תנא רב יוסף) לרוב אחיו ולא לכל אחיו מלמד שפירשו ממנו מקצת סנהדרין. אמר רב יוסף גדול ת"ת [יותר] מהצלת נפשות דאלו מעיקרא קא חשיב למרדכי בתר ד' ולבסוף בתר ה' מעיקרא כתיב (עזרא ב) אשר באו עם זרובבל ישוע נחמיה שריה רעליה מרדכי בלשן ולבסוף כתיב (נחמיה ז) הבאים עם זרובבל ישוע נחמיה עזריה רעמיה נחמני מרדכי בלשן:

(דף ז) **כט ומתנות** לאביונים תני רב יוסף ומשלוח מנות איש לרעהו שתי מנות לאדם אחד ומתנות לאביונים שתי מתנות לשני בני אדם. רבי יהודה הנשיא שלח ליה לרבי אושעיא אטמא דעגלא תילתא (ותלתא גרבי) [וגרבי] דחמרא שלח ליה (בס ע"ב) קיימת בנו רבינו ומשלוח מנות איש

---

פארמעט אונ מיט ליגעם אזוי וויא אספר תורה. אין פסוק שטייט ומאמר אסתר קים דברי הפורים האלה. דער זאגין פון אסתר וואס זיא האט גזאגט אונ געבעטין ביי דעם מלך. דם האט גימאכט דעם פורים. וואס האט בטל גימאכט דיא גזרה פון המן. פרעגט דיא גמרא נאר דורך דעם זאגען פון אסתר צום מלך איז בטל גיווארין די גזרה פון המן. אונ דאס פאסטען אונ דאס שרייען פון די יודען צו גאט האט ניט בטל גימאכט די גזרה פון המן? האט רבי יוחנן גזאגט מען דארף צו זאמען ציהען ביידע פסוקים. דאס פאסטען אונ דאס שרייען וואס די יודען האבען געשריגען צו גאט אונ דאס בעטין וואס אסתר האט גיבעטין ביי דעם מלך. דם האט בטל גימאכט די גזרה פון המן אונ האט גימאכט דעם פורים. אין פסוק שטייט ורצוי לרוב אחיו. מרדכי איז גיוועז בוויליגט צו דאס מערסטע טייל פון זיינע ברידער. זאגט דיא גמרא אבער ניט צו אלע ברידער. אביסעל פון דיא סנהדרין האבען זיך אפ גישיידט פון אים. ווייל ער איז אוועק גיגאנגען פון תורה לערנען. רב יוסף האט גזאגט אפילו דער דין, איז אז א מענטש לערנט תורה אונ מען דארף מציל זיין א מענטשין פון טויט מוז מען אוועק לייגען דאס לערנען אונ מציל זיין דעם מענטשין. פון דעסטוועגין דער שכר פון תורה לערנען איז גרעסער וויא דער שכר וואס מען איז מציל מענטשין פון טויט. ווארום פריער ווען מרדכי האט גילערונט תורה רעכענט מען איהם נאך דעם פערטען צו די סנהדרין. אונ דער נאך וויא ער האט זיך אפ גישיידט פון תורה לערנען מציל צו זיין דיא יודען. רעכענט מען איהם נאך דעם פינפטען צו די סנהדרין. פריער שטייט אין פסוק די מענטשין וואס זענען גיקומען מיט זרובבל זענען גיוועז ישוע נחמיה שריה רעליה מרדכי בלשן. דער נאך שטייט די מענטשין וואס זענען גיקומען מיט זרובבל זענען גיוועז ישוע נחמיה עזריה רעמיה נחמני מרדכי בלשן:

**כט** ומתנות. פורים דארף מען געבין מתנות צו ארעמע לייט. רב יוסף האט גילערונט משלוח מנות איז גענוג צו שיקען צוויי ערליי עסין צו איין מענטש. למשל מען זאל שיקען צו איין מענטש א שטיקל פיש אונ א שטיקל פלייש. אונ צו ארעמע לייט דארף מען שיינקען צו צוויי ארעמע מענטשין. צו יעדער מענטש איין מתנה איז גענוג. ומער מתנות צו מער ארעמע לייט איז געוויס גוט. רבי יהודה הנשיא האט געשיקט צו רבי אושעיא א פאלקע פון א קאלב וואס איז די דריטע פון גיבוירט (דיא קוה האט שוין גיבארען פריער אנדערע צוויי קעלבער) אונ א קריגעל וויין. האט רבי אושעיא געשיקט זאגען צו רבי דוא האסט מקיים גיווען צוויא מצות מיט איין מאהל. א מצוה פון משלוח מנות. אונ א מצוה פון מתנות לאביונים. ווארום

מיר

איש לרעהו ומתנות לאביונים . רבה שדר ליה למרי בר מר בידא דאביי מליא טסקא דקשבי ומלי צנא דקמחא דאבישונא . אמר ליה אביי השתא אמר מר) [מרי] אי חקלאה מלכא ליהוי דיקולא מצואריה לא נחית הדר שדר ליה איהו מלא טסקא דזנגבילא ומלא טסקא דפלפלא אריכתא . אמר אביי השתא אמר מר אנא שדרית ליה חוליא ואיהו שדר לי חורפא אמר אביי כי נפקי מבי מר הואי שבענא וכי מטאי להתם קריבו לי שיתין צעי דשיתין מיני קדרה ואכלי בהון שתין פלוגין וצעא דבישולא בתראה קרו ליה צלי קדרה ובעאי למכסייה לצעא בתרא . אמר אביי היינו דאמרי אינשי כפין עניא ולא ידע (אי כפין אי לא כפין) אי נמי רווחא לבסומי שכיחא . אביי בר אבין ורב חנינא בר אבין מחלפי סעודתייהו להדדי . אמר רבא מיחייב איניש לבסומי נפשיה בפוריא עד דלא ידע בין ברוך מרדכי לארור המן . רבה ורבי זירא עבדי סעודת פורים בהדי הדדי בתר דאיבסום קם רבה ושחטיה לרבי זירא למחר (כי פכח סיניה חמרא) בעא רחמי עליה ואחייה . לשנה האחרת

הילתא . שלישי לנכון : פסקא דקשבי . שק מלא תמרים : דאבישונא . שנתייבשו החטים בקמור כשוהן כרמל וקמח שלהם מתוק לעולם : אמר ליה אביי . לרבה : השתא אמר מרי . עכשיו יאמר מרי עליך : אי חקלאה וכו' . הכל שהיה רגיל להוליך בסעודתו בן כפר ומתכל לבהמתו לא יוריד עתה מר הפך אתה נעשית מלך וראש בפומבדיתא ואינך שולח לו אלא דברים המצויים לכל : חוליא . מתיקה : כי נפקי מבי מר . כשיצאתי מבית אדוני רבה ליך לביה אבא מרי בר מר הייתי שבע : צעי . קערות של מיני מאכל : למכסייה . הייתי הפך לכוס הקערה (אחרונה) [אחרונה] כל אכילה שלא כדרכה נקרא כוסס : רווחא לבסומא שכיחא . ריות מלוי לדבר המתוק בתוך המעים : מחלפי . זה אוכל עם זה בפורים של שנה זו ובשנים סועד חבירו עמו : לבסומי . להשתכר ביין : דאיבסום . נשתכרו :

---

מיר זענען ארעמע לייט . האט רבה געשיקט משלוח מנות דורך אביי צו מרי בר מר אזאק פול מיט טייטלען אונ אפולע קארב מיט מעהל פון אזעלכע ווייץ וואס ווענען אראפ גינומען געווארען פון פעלד ווען זיי זענען נאך גיווען ווייך אונ מען האט זיי געטריקנט אין אהויבן . האט אביי גזאגט צוא רבה איצט וועט מרי זאגען אז אדארף מענטשין ווערט אמלך פון דעסטוועגין נעמט ער ניט אראפ פון זיין האלדז דעם קארב וואס ער האט גיטראגען ווען ער איז גיוועזן אין דארף . פריער איידער דוא ביסט גיווארין אראש ישיבה האט גיפאסט דו זאלסט שיקען אזוי אמשלוח מנות . אבער איצט אז דוא ביסט גיווארין אראש ישיבה אונ ביסט רייך גיווארין פאסט דוא זאלסט שיקען אשענערע משלוח מנות . דער נאך האט מרי געשיקט משלוח מנות צו רבה אפולען זאק מיט אינגבער אונ אפולען זאק מיט לאנגע פעפער . האט אביי גזאגט איצט וועט רבה זאגין איך האב איהם געשיקט זיסע זאכען אונ ער האט מיר געשיקט ביטערע זאכען . אביי האט גזאגט ווען איך בין ארויס גיגאנגען פון רבה מיט דיא משלוח מנות בין איך גיוועזן זאט . אונ ווען איך בין גיקומען צו מרי האט מען מיר גיגעבען זעכציג שיסלען מיט זעכציג ערליי עסינווארג . האב איך גיגעסען פון זייא זעכציג האלבע שיסלען . פון יעדער שיסעל האב איך גיגעסען אהאלבע . אונ דאס לעצטע שיסעל עסין האט מען גירופען טאפ גיבראטינס . אונ דאס איז אזוי גוט גיוועזן אז איך האב גיוואלט אויף עסין די שיסעל אויך . אביי האט גזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען דער ארעם טאן איז הונגעריג אונ ער וייס ניט צו ער איז הונגעריג צו ניין . ווען איך בין ארויס גיגאנגען פון רבה האב איך גימיינט איך בין זאט . אונ אין אמת בין איך גיוועזן הונגעריג . ווארום איך האב נאך גיקענט אזוי פיל עסין ביי מרי . אנדערע זאגען אזוי האט אביי גזאגט צו נוטע עסין געפינט זיך אארט אין בויך . אפילו מען איז זאט . פון דעסטוועגין אז מען האט אגוטע עסין קען מען נאך עסין . אביי בר אבין אונ רב חנינא בר אבין האבען גיטאהשט זייער עסין איינער מיט דעם אנדערין ; איין פורים האט אביי גיגעסען ביי רב חנינא . אונ איבער איאהר פורים האט רב חנינא גיגעסען ביי אביי . רבא האט גזאגט אמענטש דארף זיין פורים שכור אז ער זאל ניט וויסען צווישען ברוך מרדכי אונ ארור המן . רבה אונ רבי זירא האבען גיגעסען צו זאמען די סעודה פון פורים . זיי זייא זענען גיווארין שכור האט רבה גישאכטען רבי זירא . אויף מארגין האט רבה מתפלל גיוועזן אונ ער האט רבי זירא לעבעדיג גימאכט . אויף דעם אנדערין יאהר פורים האט רבה גזאגט

האחרת אמר ליתי מר ונעביד סעודת פורים בהדי הדדי אמר ליה לאו כל שעתא ושעתא מיתרחיש ניסא:

**אמר** רב ואיתימא רב (יצ״ק בר) שמואל בר מרתא גדול תלמוד תורה יותר מבנין בית המקדש שכל זמן שהיה ברוך בן נריה קיים לא הניחו עזרא ועלה אמר רבה (בר בר חנה) אמר רבי יצחק בר שמואל בר מרתא (משמיה דרב) גדול תלמוד תורה יותר מכבוד אב ואם שכל אותן שנים שהיה יעקב אבינו בבית עבר לא נענש עליהם (דאמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן) [דאמר מר] [דף יז] למה נמנו שנותיו של ישמעאל כדי ליחס בהן שנותיו של יעקב דכתיב (בראשית כה) ואלה שני חיי ישמעאל מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים כמה קשיש ישמעאל מיצחק י״ד שנים דכתיב (שם טז) ואברם בן שמונים שנה ושש שנים בלדת הגר את ישמעאל (לאברם) וכתיב (שם כא) ואברהם בן מאת שנה בהולד לו את יצחק בנו וכתיב (שם כה) ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם בר כמה הוה ישמעאל כשנולד יעקב בר שבעין וארבעה כמה פייש משנית ס״ג

שכל זמן שברוך בן נריה קיים לא הניחו עזרא ועלה. כי יש לך לתמוה למה לא עלה עזרא עם זרובבל בימי כורש עד השנה השביעית של דריוש האחרון אלא (שמע) ושנתבטל כל הבית כמו שכתוב בעזרא ויבא ירושלים בחדש החמישי היא השנה השביעית למלך וגו׳ ומדרש אגדה הוא שהיה לומד תורה מפי ברוך בן נריה בבבל (וברוך לא עלה מבבל ומת שם בחוץ השנים כל ו ודהמרן לעיל ברוך) והגבא בשנת שתים לדריוש בבבל היה מהגבא ושו ת כפרים בירושלים: יעקב. למד תורה בבית עבר י״ד שנה כשפירש מאביו ללכת לחרן ולא נענש עליהם על כבוד אביו ובשאר השנים שנתעכב בבית לבן ובדרך נענש כדמפרש ואזיל: למה נמנו שנותיו של ישמעאל. מה לנו למנות לשנותם של רשעים: ליחס בהם שנותיו של יעקב. ע״י מנין שנותיו של ישמעאל אנו למדין באיזה פרק מצות יעקב עברו עליו כל הקורות והטולאות האלו ומכן אנו למדין ששימש בבית עבר י״ד שנה כיצד אברהם בן פ״ו שנים כשנולד ישמעאל וכשנולד יצחק היה אברהם בן ק׳ שנה הרי היו לישמעאל י״ד שנה (וכתיב) ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם הרי לישמעאל ע״ד שנה כמה שנים

---

צו רַבִּי זֵירָא קוּם מִיר װעלין הַיינְט אוֹיךְ עֶסִין צוּזַאמֶען דִי סְעוּדָה פוּן פּוּרִים. הָאט רַבִּי זֵירָא גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ מוֹרָא טָאמֶער װֶעסְטוּ מִיךְ נָאךְ אַמָאהל שֶׁעכְטִין אוּנ נִיט אַלֶע מָאהל טְרֶעפְט אַנֵס אִיךְ זָאל לֶעבֶּעדִיג װֶערִין:

**אָמַר**. רַב הָאט גֶעזָאגְט אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַב שְׁמוּאֵל בַּר מָרְתָא הָאט גֶעזָאגְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַגְרֶעסֶערֶע מִצְוָה װִיא בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. װָארוּם אַזוֹי לַאנְג װִיא בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה הָאט גִילֶעבְּט אוּנ עֶזְרָא הָאט פוּן אִיהם גִילֶערְנְט תּוֹרָה. הָאט עֶזְרָא נִיט גִיװָאלְט אַװֶעק גֵיין פוּן בָּרוּךְ בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער נָאךְ אַז בָּרוּךְ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אוּנ עֶזְרָא הָאט שׁוֹין נִיט גִיהַאט פוּן װֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. רַבָּה הָאט גֶעזָאגְט רַבִּי יִצְחָק בַּר שְׁמוּאֵל בַּר מָרְתָא הָאט גֶעזָאגְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אַגְרֶעסֶערֶע מִצְוָה װִי צוּ בַּדִינֶען פָאטֶער אוּנ מוּטֶער. װָארוּם אוֹיף דִי אַלֶע יָאהְרִין װָאס יַעֲקֹב אִיז גִיװֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן עֵבֶר אוּנ הָאט גִילֶערְנְט תּוֹרָה אִיז עֶר נִיט גִישְׁטְרָאפְט גִיװָארִין אוֹיף דֶעם װָאס עֶר הָאט פַאר לָאזְט דֶעם פָאטֶער. אָבֶּער אוֹיף דִיא יָאהְרִין װָאס עֶר אִיז גִיװֶען בַּיי לָבָן אוּנ װָאס עֶר אִיז גִיװֶען אִין װֶעג. אִיז עֶר גִישְׁטְרָאפְט גִיװָארִין פַר װָאס עֶר הָאט פַאר לָאזְט דֶעם פָאטֶער. װָארוּם רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן װֶעגִין צוּ װָאס הָאט דִי תּוֹרָה גִיצֵיילְט דִי יָאהְרִין פוּן יִשְׁמָעֵאל װִי לַאנְג עֶר הָאט גִילֶעבְּט. מֶען זָאל װִיסֶען דוּרְךְ זֵיי דִי יָאהְרִין פוּן יַעֲקֹב. װָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס זֶענֶען דִי יָאהְרִין װָאס יִשְׁמָעֵאל הָאט גִילֶעבְּט הוּנְדֶערְט מִיט זִיבֶּען אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. װִיא פִיל אִיז יִשְׁמָעֵאל עֶלְטֶער גִיװֶען פוּן יִצְחָק. מִיט פֶערְצֶעהן יָאהר. װָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַבְרָהָם אִיז אַלְט גִיװֶען זֶעקְס אוּנ אַכְצִיג יָאהר װֶען הָגָר הָאט גִיבָּאהרִין יִשְׁמָעֵאל. אוּנ הוּנְדֶערְט יָאהר אִיז אַבְרָהָם אַלְט גִיװֶען װֶען שָׂרָה הָאט גִיבָּארֶען יִצְחָק. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יִצְחָק אִיז אַלְט גִיװֶען זֶעכְצִיג יָאהר װֶען יַעֲקֹב אוּנ עֵשָׂו זֶענֶען גִיבָּארֶען גִיװָארִין. װִיא פִיל אִיז אַלְט גִיװֶען יִשְׁמָעֵאל װֶען יַעֲקֹב אִיז גִיבָּארֶען גִיװָארֶען. פִיר אוּנ זִיבֶּעצִיג יָאהר. װִיא פִיל יָאהר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז יִשְׁמָעֵאל אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. דְרַייא אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט דְרַייא אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר אִיז יַעֲקֹב אַלְט גִיװֶען װֶען דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם גִיבֶּענְשְׁט.

ס"ג ותניא בן ס"ג שנים היה יעקב אבינו בשעה שנתברך מאביו ובאותו פרק מת ישמעאל דכתיב (בראשית כח) וירא עשו כי ברך יצחק את יעקב וישמע יעקב אל אביו וגו' וירא עשו כי רעות בנות כנען וגו' וילך עשו אל ישמעאל ויקח את מחלת בת ישמעאל וגו' ממשמע שנאמר מו"ת בת ישמעאל איני יודע שהיא אחות נביות אלא מלמד שקדשה ישמעאל אביה ומת והשיאה נביות אחיה וי"ד דהוה בבית לבן עד דאתיליד יוסף הא ע"ז וכתיב (בס מא) ויוסף בן שלשים שנה בעמדו לפני פרעה מלך מצרים הא ק"ז וז' דשבעא וב' דכפנא הא קט"ז וכתיב (שם מז) ויאמר פרעה אל יעקב כמה ימי שני חייך ויאמר יעקב אל פרעה ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה. והא קט"ז הויין אלא שמע מינה י"ד שנין דהוה בבית עבר לא חשיב להו. תניא נמי הכי יעקב אבינו היה מוטמן בבית עבר ומשמש ארבע עשרה שנה ולאחר ירידתו של יעקב לארם נהרים שתי שנים מת עבר יצא משם ובא לו לארם נהרים נמצא כשעמד על הבאר בן ע"ז שנים

פירוש מחיי ישמעאל ס"ג נמצא שהיה יעקב כשמת ישמעאל בן ס"ג: ותניא היה יעקב. (ותניא נמי הכי שהיה יעקב) כשנתברך מיצחק אביו בן ס"ג שנה והוא פרק מת ישמעאל (ותניא ממשמע) שנאמר (וילך עשו אל ישמעאל) וגו': מלמד שקדשה ישמעאל אביה. לעשו ומת והשיאה נביות אחיה: וי"ד שנה. היה יעקב בבית לבן עד דאתיליד יוסף דכתיב עבדתיך י"ד שנה בשתי בנותיך וכשנולד יוסף שלמו ימי עבודת הבנות כדאמר ויהי כאשר ילדה רחל את יוסף וגו' ומשם (ולמעלה) [והלאה] עבד אותו בשכר (הנקודות והטלואות) [הצאן] הרי ע"ז שנה היו ליעקב כשנולד יוסף וכתיב ויוסף בן ל' שנה וגו' נמצא יעקב בן ק"ז שנה כשהיה יוסף בן שלשים שנה ונשתהה יעקב שוב בארץ כנען שלא ירד למצרים: שבע של שובע ותרין דכפנא. כדכתיב כי זה שנתים הרעב בקרב הארץ וגו' הא בן קט"ז היה יעקב כשירד למצרים וקרא כתיב ק"ל שנה ש"מ דמשיצא יעקב מבית אביו לא הלך לבית לבן עד י"ד שנה ואותן השנים שהיה עומד בבית עבר לא חשיב להו לי"ג כדא פי' לקמן: עבר מת לאחר ירידתו של יעקב לארם נהרים. ובא לבית לבן (ועמד שם) ב' שנה לא ונשוב בנותיו של עבר ומצא שם כליה כשהיה יעקב בן ע"ט שנה והיינו ב' שנים מעכבא לבית לבן כשתחשוב י"ד שנים ששימש בבית עבר (ויצא משם) יצא יעקב מבית עבר שתי שנים לפני מיתתו של עבר: נמצא כשעמד על הבאר בן ע"ז שנה היה. ס"ג ועמה לו

---

אין די וועלכע צייט איז ישמעאל געשטארבען. ווארום עס שטייט אין פסוק עשו האט געזעהן אז יצחק האט געבענשט יעקב. אונ יעקב איז געגאנגען אין חרן צו לבן. פון דעם האט עשו געזעהן אז די טעכטער פון כנען געפעלין ניט דעם פאטער וייל זיי זענען רשעים. דריבער איז עשו געגאנגען צו ישמעאל אונ ער האט גענומען פאר אוייב מחלת די א טאכטער פון ישמעאל די שוועסטער פון נביות. איז דאך אקשיא אז עס שטייט אין פסוק מחלת איז די טאכטער פון ישמעאל ווייס איך דאך שוין אז זיא איז די שוועסטער פון נביות. צו וואס שטייט אין פסוק זי איז די שוועסטער פון נביות. נאר דער פסוק דער צייגט אז ווען עשו האט מקדש געוועזן מחלת האט ישמעאל געלעבט. אונ פאר די חתונה איז ער געשטארבען. האט איר ברודער נביות איר חתונה געמאכט. אונ פערצעהן יאהר איז יעקב געוועזן ביי לבן ביז יוסף איז געבארען געווארין. פערצעהן אונ דריי אונ זעכציג. איז זיבען אונ זיבעציג. אונ עס שטייט אין פסוק ווען יוסף איז געשטאנען פאר פרעה דער מלך פון מצרים איז ער אלט געוועזן דרייסיג יאהר. איז יעקב אלט געוועזן הונדערט מיט זיבען יאהר. אונ זיבען יאהר פון זעט אונ צוויי יאהר פון הונגער. איז שוין יעקב אלט געוועזן הונדערט מיט זעכצעהן יאהר. אונ עס שטייט אין פסוק פרעה האט גזאגט צו יעקב וויא פיל זענען די יאהרין וואס דוא לעבסט. האט יעקב גזאגט צו פרעה איך לעב שוין הונדערט מיט דרייסיג יאהר. עס איז דאך גאר געוועזן הונדערט מיט זעכצעהן יאהר. פעלט דאך נאך פערצעהן יאהר. נאר די פערצעהן יאהר וואס יעקב איז געזעסען אין בית המדרש פון עבר אונ האט געלערנט. דאס רעכענט מען ניט. מיר האבען אויך אזוי געלערנט יעקב אבינו איז געוועזן בעהאלטען אין בית המדרש פון עבר אונ האט געלערנט תורה פערצעהן יאהר. דער נאך ווי יעקב איז געקומען אין ארם נהרים אונ איז דארט געוועזן צוויי יאהר. איז עבר געשטארבען. ווארום ווען יעקב איז אוועק געגאנגען פון עברס בית המדרש איז ער געקומען אין ארם נהרים. אונ ווען יעקב איז געשטאנען ביי דעם ברונען איז ער אלט געוועזן זיבען אונ זיבעציג יאהר. פון וואנען וייסען מיר אז יעקב אבינו איז ניט געשטראפט געווארין אויף די יאהרין וואס ער איז געזעסען

אין

שנים ומנא לן דלא איענש יעקב אבינו דתניא יוסף פירש מאביו שלא ראהו כ"ב שנים כשם שפירש יעקב כאביו כ"ב שנה יעקב ל"ו הויין אלא שמע מינה י"ד דבית עבר לא חשיב להו סוף סוף דבית לבן עשרים הויין אלא משום דאישתהי שתי שנים באורחא דתניא יצא מארם נהרים ובא לו לסכות ועשה שם י"ח חודש שנאמר (בראשית לג) ויעקב נסע סכתה ויבן לו בית (בימי החורף) ולמקנהו עשה סכות (קיץ) ובבית אל עשה ששה חדשים והקריב זבחים לאלהי אביו יצחק:

## הקורא למפרע פרק שני

(דף יז ע"ב) **א תפלה** מנלן דתניא שמעון הפקולי הסדיר שמונה עשרה ברכות לפני רבן גמליאל על הסדר ביבנה (אמר רבי חייא בר אבא) אמר רבי יוחנן ואמרי לה במתניתא תנא ק"כ זקנים ומהם כמה נביאים תיקנו י"ח ברכות על הסדר: תנו רבנן מנין שאומרים אבות שנאמר (תהלים כט) הבו לה' בני אלים ומנין שאומרים גבורות שנאמר הבו לה'

**פירוש**

ולא נענש עלייהו דתניא נמצא יוסף כשפירש מאביו שלא ראהו כ"ב שנה כנגד כ"ב שנה שפירש יעקב מאת כיבד את אביו והתאבל על יוסף כ"ב שנה. כיצד בן י"ז שנה היה יוסף כשפירש מיעקב וכשמלך על מצרים היה בן ל' שנה (שנאמר) ויוסף בן ל' שנה בעמדו לפני פרעה הרי י"ג וז' דשבע והרעבון דכפנא הרי כ"ב שנתכסה יוסף מאביו יעקב ואת סוכות הוו הנך דפירש יעקב מאביו כ' בבית לבן וי"ד דבית עבר אלמא ש"מ אריכבי דהוה בבית עבר לא קא חשיב להו ליענש עליהם: א"ה בצרי להו פורתא. ואין כאן אלא כ' דבית לבן: דאישתהי ב' שנין באורחא. כשיצא מארם נהרים נבא אל יצחק אביו: ויבן לו בית בימי החורף. עשה סוכות (בימות הקיץ) כ"ש שני ימות הקיץ הרי י"ח חדשים ובבית אל עשה ששה חדשים כשיצא מסכות שנאמר קום עלה בית אל ושב שם:

הפקולי. י"א במסחר נמכר בפן פקולי"א פקולי:

כנו לו'. כזכירו לפניו את אולי כארץ:

---

אין עברם בית המדרש אונ האט ניט בעדינט דעם פאטער. ווארום מיר האבען גילערונט יוסף איז אפ גישיידט גיווארין פון זיין פאטער יעקב וואס ער האט איהם ניט גיזעהן צווייא אונ צוואנציג יאהר. אזוי וויא יעקב האט זיך אפ גישיידט פון זיין פאטער יצחק צוויי אונ צוואנציג יאהר אונ האט איהם ניט בעדינט. איז דאך דיא קשיא יעקב איז דאך גיוועזן אפ גישיידט פון זיין פאטער זעקס אונ דרייסיג יאהר. נאר דיא פערצעהן יאהר וואס ער איז גיזעסען אין עברם בית המדרש רעכענט מען ניט. פרעגט די גמרא יעקב איז דאך גיזעסען ביי לבן גאר צוואנציג יאהר. יעקב איז אבער גיוועזן אין וועג ווען ער איז גיגאנגען פון לבן אהיים. צוויי יאהר. ווארום מיר האבען גילערונט יעקב איז ארויס גיגאנגען פון ארם נהרים אונ ער איז גיקומען אין סכות. אונ ער איז גיזעסען אין סכות אכטצעהן חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב האט גיצויגען אין סכות (ווינטער) אונ ער האט גיבאהט א שטוב (אויף ווינטער), אונ ער האט גימאכט פאר זיינע בהמות סכות (זומער). איז צו זאמען א יאהר מיט א האלב אהר. אכטצעהן חדשים. אונ אין בית אל איז ער גיוועזן זעקס חדשים אונ ער האט דארט מקריב גיוועזן קרבנות צו דעם גאט פון זיין פאטער יצחק:

## פרק שני

**א** תפלה מנלן. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף דאוונען שמונה עשרה כסדר. ניט צוריק ניט פאר קערט. ווארום מיר האבען גילערונט שמעון הפקולי האט מסדר גיוועזן דיא אכטצעהן ברכות פאר רבן גמליאל אין יבנה אויף דעם זעלבינען סדר וויא מיר דאווענען. רבי יוחנן האט גיזאגט אונ אנדערע זאגען אין א ברייתא האבען מיר גילערונט הונדערט מיט צוואנציג זקנים אונ פיל פון זיי זענען גיוועזן נביאים אונ זייא האבען גיזאגט מען זאל זאגען די אכטצעהן ברכות אויף דעם סדר וויא מיר זאגין. ניט צוריק ניט פאר קערט. די רבנן האבען גילערונט פון וואנען ווייסען מיר מען זאל זאגען אבות די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה ווארום עס שטייט אין פסוק הבו לה' בני אלים. איר זאלט דער מאנען פאר גאט די שטארקע פון דער וועלט. דאס זענען די אבות. אברהם יצחק יעקב. אונ פון וואנען ווייסען מיר מען זאל זאגין גבורות די אנדערע ברכה. ווארום עס שטייט אין פסוק הבו לה' כבוד ועז. איר זאלט דער מאנען פאר

גאט

לה' כבוד ועוז וכניו שאומרים קדושות שנאמר הבו לה' כבוד שמו השתחוו לה' בהדרת קדש ומה ראו לומר בינה אחר קדושה שנאמר (ישעיה כט) והקדישו את קדוש יעקב ואת אלהי ישראל יעריצו וסמיך ליה וידעו תועי רוח בינה ומה ראו לומר תשובה אחר בינה דכתיב (שם ו) ולבבו יבין ושב ורפא לו. אי הכי ליכא רפואה בתר תשובת. לא ס"ד דכתיב (שם נה) וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח. ומאי חזית דסמכת אהא סמוך אהא כתיב קרא אחרינא (תהלים קג) הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי הגואל משחת חיכי למימרא דגאולה ורפואה בתר סליחה היא והא כתיב (ישעיה ו) ושב ורפא לו ההוא לאו רפואה דתחלואים היא אלא רפואה דסליחה היא. ומה ראו לומר גאולה בשביעית אמר רבא מתוך שעתידין ליגאל בשביעית לפיכך קבעוה בשביעית והאמר מר בששית קולות

הבו לה' כבוד שמו. היינו דקרא בהדרת קודש: ומה ראו לומר גאולה בשביעית. ולא רפואה אחר סליחה כדכתיב קרא הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי: מתוך שעתידים ליגאל בשביעית. שבוע שבן דוד בא בו חלק משאר שנים כדאמרינן בפ' חלק שנה ראשונה רעב ולא רעב וכו' עד

---

נאט זיין כבוד אונ זיין שטארקייט. אונ פון וואנען וויסען מיר מען זאל זאגען קדושות ודי דריטע ברכה. ווארום עס שטייט אין פסוק הבו לה' כבוד שמו השתחוו לה' בהדרת קודש. איר זאלט געבין כבוד צו דעם נאמען פון גאט. איר זאלט אייך בוקען פאר גאט מיט אשיינע היילינקייט: אונ פאר וואס זאגט מען מלמד לאנוש בינה נאך קדושה. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא וועלען היילינען דעם גאט פון יעקב וואס ער איז הייליג. אונ דעם גאט פון ישראל וועלין זייא שטארקין. נאנט פון דעם פסוק שטייט אלע פאר אירטע מענטשין ודיא מענטשין וואס האבען גיבלאנזעט אונ האבען ניט געוואוסט ווער גאט איז וועלען שוין וויסען מיט פאר שטאנדינקייט ווער גאט איז. אונ פאר וואס זאגט מען השיבנו נאך בינה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולבבו יבין ושב ורפא לו. זיין הארץ וועט פאר שטיין וועט ער תשובה טאהן וועט ער גיהיילט ווערין. פרעגט די גמרא דארף מען דאך זאגען רפאנו נאך הרוצה בתשובה. ענטפערט די גמרא ווארום אין איין אנדער פסוק שטייט ער זאל תשובה טאהן צו גאט וועט גאט אויף אים רחמנות האבען. ווארום גאט מערט מוחל צו זיין די עבירות. שטייט דאך נאך תשובה איז גאט מוחל די עבירות. דריבער זאגען מיר נאך הרוצה בתשובה סלח לנו. פרעגט די גמרא וואס פאר לאזט דיך אויף דעם פסוק וואס עס שטייט נאך תשובה. די עבירות מוחל זיין. דריבער זאגסטו נאך הרוצה בתשובה סלח לנו. פאר לאז דיך אויף יענעם פסוק וואס עס שטייט נאך תשובה. רפואה. אונ מען זאל זאגען נאך הרוצה בתשובה. רפאנו. ענטפערט דיא גמרא עס שטייט נאך אפסוק ער האט מוחל גיוועזן אלע דיינע עבירות. אונ האט גיהיילט צו אלע דיינע קרענק. ער האט אוים גילייזט דיין לעבין פון גרוב ופון צרות. שטייט דאך פריער מוחל זיין עבירות. דער נאך שטייט היילונג. דארף מען פריער זאגין סלח לנו דער נאך רפאנו פרעגט די גמרא פאר וואס זאגט מען דיא ברכה פון אויס לייזונג וראה בעניינו. אונ די ברכה פון היילונג ורפאנו. נאך די ברכה פון עבירות מוחל זיין ונאך סלח לנו. עס שטייט דאה אין פסוק ושב ורפא לו. ער וועט תשובה טאהן וועט ער גיהיילט ווערין. דארף מען דאך זאגין רפאנו נאך הרוצה בתשובה. זאגט די גמרא די היילונג ושב ורפא לו מיינט מען ניט היילונג פון קראנקייט. דער גוף וועט גיהיילט ווערין. נאר מען מיינט היילונג פון עבירות. די נשמה וועט גיהיילט ווערין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאגט מען דיא ברכה פון אויס לייזונג וראה בעניינו די זיבעטע ברכה. נאך סלח לנו. מען דארף דאך זאגען רפאנו נאך סלח לנו. אונ נאך רפאנו וועט מען זאגען ראה בעניינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הסולח. הרופא. הגואל. האט רבא גוזאגט ווייל דאס אויס לייזונג וועט זיין דעם זיבעטין יאהר ווארום זיבען יאהר איידער משיח וועט קומען וועט זיין גרויסע צרות אונ צום סוף דעם זיבעטין יאהר וועט קומע משיח. דריבער זאגט מען דאס אויס לייזונג די זיבעטע ברכה. פרעגט די גמרא דער תנא האט דאך גוזאגט דעם זעקסטין יאהר וועט זיין קולות פון הימעל

קולות בשביעית מלחמות במוצאי שביעית בן דוד בא. מלחמה נמי אתחלתא דגאולה היא. ומה ראו לומר רפואה בשמינית אמר רבי אחא מתוך שניתנה מילה בשמינית שצריכה רפואה לפיכך קבעוה בשמינית. ומה ראו לומר ברכת השנים בתשיעית אמר רבי אלכסנדרי כנגד מפקיעי שערים דכתיב (תהלים י) שבור זרוע רשע וגו' ודוד כי אמרה בתשיעית אמרה. ומה ראו לומר קבוץ גליות לאחר ברכת השנים דכתיב (יחזקאל לו) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבא וכיון שנתקבצו גליות נעשה דין ברשעים שנאמר (ישעיה א) ואשיבה ידי עליך ואצרוף כבור סיגיך וכתיב (שם) ואשיבה שופטיך כבראשונה. וכיון שנעשה דין מן הרשעים כלו הפושעים וכולל זדים עם הפושעים שנאמר (שם) ושבר פושעים וחטאים יחדו וכיון שכלו הפושעים מתרוממת קרן צדיקים דכתיב

פירוש

בשביעית מלחמות ובמוצאי שביעית בן דוד בא: אתחלתא דגאולה היא. ואע"ג דהאי גאולה לאו גאולה דגלות היא אלא שיגאלנו מן הצרות הבאות עלינו תמיד דהא ברכת קבוץ ובנין ירושלים וצמח דוד יש לכל אחת ואחת ברכה לעצמה לבד מגאולה זו אפ"ה כיון דהא גאולה עלה קבעוה בשביעית: שבור זרוע רשע. אלו המייקרין את התבואה ומפקיעין את השערים וממאי דבמפקיעי שערים כתיב דכתיב בההיא פרשתא יארוב במסתר כאריה בסוכו יארוב לחטוף עני וכי הליסטים אורב את העני והלא את העשיר הוא אורב אלא במפקיעי שערים הכתוב מדבר שרוב דעתם לעניים הוא וקא בעי דוד רחמי עלה דמילתא שבור זרוע רשע ואין שומע כמולה ובכך זרועו שבורה ורע תדרוש רשעו בל תמצא וזה שביקש בדעתו להיות רשע כשתדרוש רשעו לא תמצא מאומה שלא הספיק לעשותה: בפרשה תשיעית אמרה. וא"ת שמינית היא אחרי ולמה רגשו גוים חדא פרשתא היא: ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבא. אלמא קיבוץ גליות בתר ברכת השנים הוא: וכיון שנתקבצו הגליות נעשה דין ברשעים. קודם שנתיישבו בירושלים שנאמר ואסירה כל בדיליך ועי"כ ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה כמו לשעבר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה לכן סמכה לקיבוץ גליות

צו דער שרעקין די וועלט. דעם זיבעטין יאהר וועט זיין מלחמות. אונ נאך דעם זיבעטע יאהר אין אבטען יאהר וועט קומען משיח. ענטפערט די גמרא מלחמות פון זיבעטין יאהר איז שוין אנהייב פון אויס לייזונג. אונ פאר וואס זאגט מען רפואה (רפאנו) די אכטע ברכה. האט רב אחא גזאגט וייל מילה איז גיגעבין גיווארין דעם אכטען טאג. אונ מילה דארף דאך היילונג. דריבער זאגט מען רפאנו די אכטע ברכה. אונ פאר וואס זאגט מען די ברכה פון יאהר מברך השנים די ניינטע ברכה. האט רבי אלכסנדרי גזאגט וייל דיא ברכה וואס גאט וועט בענטשין דעם יאהר. דאס איז געגין די מענטשין וואס זאלען אין תבואה צוא מאכען איקרות. וואס דוד המלך האט זיי גיפלוכט אונ האט גיבעטין בייא גאט צו ברעך די האנט פון דעם רשע וואס זאמעלט איין תבואה אונ האפט עס זאל קיין ברכה ניט זיין ער זאל קענען רייך ווערין אונ צו ברעכען אלע ארעמע לייט. אונ דוד האט גזאגט דיא קללה אין ניינטען קאפיטל. זאגען מיר דער געגין אין תפלה די ניינטע ברכה. אונ פאר וואס זאגט מען די ברכה גאט זאל פאר זאמלען דיא יודען פון גלות (תקע בשופר). נאך מברך השנים. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ איר בערג פון ארץ ישראל זאלט געבין אייערע צווייגען אונ אייערע פירות זאלט איר טראגען צו מיין פאלק ישראל ווארום עס איז שוין נאנט די צייט די יודען זאלען קומען אין ארץ ישראל. זעהט מיר אז איידער די יודען וועלען קומען אין ארץ ישראל וועט גאט בענטשין דעם יאהר מיט אלע פרוכטען. אונ אז גאט וועט פאר זאמלען די יודען פון גלות וועט ער משפטין די רשעים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל אומקערין מיין האנט אויף דיר אונ איך וועל לייטערין אזוי וויא מיט זייף דיין צו מישונג. אונ איך וועל דיר צוריק געבין דיינע שופטים אזוי ווי אמאהל איז גיוועז. דריבער זאגין מיר נאך די ברכה פון גלות פאר זאמלונג השיבה שופטינו. דוא זאלסט אונז צוריק געבין אונזערע שופטים. וצדקנו במשפט. אונ זאלסט אונז גירעכט מאכען ביי דעם משפט. אונ אז גאט וועט משפטין דיא רשעים אונ וועט זייא שטראפין. וועלין פאר לענדט ווערין די אפקורסים. דריבער נאך די ברכה השיבה שופטינו. זאגט מען די ברכה ולמלשינים. אונ דיא רשעים וועלען פאר לענדט ווערין צו זאמען מיט די אפקורסים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די אפקורסים מיט די רשעים וועלין צו זאמען צו בראכען ווערין. אונ אז די רשעים מיט די אפקורסים וועלען פאר לענדט ווערין. וועלען די צדיקים גיגרייסט ווערין. אזוי וויא

עם

רכתיב (תהלים עה) וכל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק וכולל גרי הצדק עם הצדיקים שנאמר (ויקרא יט) מפני שיבה תקום והדרת פני זקן וסמיך ליה וכי יגור אתכם גר והיכן מתרוממת קרנם בירושלים שנאמר (תהלים קכב) שאלו שלום ירושלים ישליו אוהביך וכיון שנבנית ירושלים בא דוד שנאמר (הושע ג) אחר ישובו בני ישראל ובקשו את ה' אלהיהם ואת דויד מלכם וכיון שבא דוד באתה תפלה שנאמר (ישעיה מ) והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי וכיון שבאת תפלה באת עבודה שנאמר (שם) עולותיהם וזבחיהם לרצון על מזבחי וכיון שבאת עבודה באתה הודאה שנאמר (תהלים נ) זובח תודה יכבדנני . ומה ראו לומר ברכת כהנים אחר הודאה דכתיב (ויקרא ט) וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם וירד מעשות החטאת והעולה והשלמים קודם עבודה לא ס"ד דכתיב וירד מעשות

והשיבה שופטינו ולדקא במשפט : כנו השופטים . שהיו מתמינין כדת משה כהיתה מן השמים לכך סמכו לה כ כת המינין שאמר עוזבי ה' אלו המינין וכבר שופטים היינו זדים כדאמרינן שופטים אלו המורדין : אחר ישובו בני ישראל . אחר ישובו לבית המקדש ובקשו הקב"ה ואת דוד מלכם : זבח תודה. אחר זביחה הן הודאה : וירד מעשות כחטאת

עס שטייט אין פסוק די גרויסקייט פון די רשעים וועל איך פאר שניידען . וועט דער הויבן ווערין דאס גרויסקייט פון די צדיקים . דריבער נאך ולמלשינים זאגט מען על הצדיקים . אונ מיר בעטין אויף די גרים צו זאמען מיט דיא צדיקים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאר אאלטען מאן זאלסטו אויף שטיין . אונ דוא זאלסט בשיינען דעם פנים פון אזקן . זקן מיינט מען אלמדן . נעבין דעם פסוק שטייט אז מיט אייך וועט וואוהנען אגר . זאלט איר איהם אויך בשיינען אזוי וויא דעם למדן . אונ וואו וועט דער הויבען ווערין דיא גרויסקייט פון די צדיקים אין ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט בעטין ביי גאט אויף דעם שלום פון ירושלים . וועלען די גוטע פריינד פון גאט ודי צדיקים אויך האבען שלום . דריבער נאך על הצדיקים בעט מען ולירושלים עירך . אונ אז ירושלים וועט גיבאהט ווערין וועט קומען דוד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק . דער נאך וויא דיא יודען וועלען צוריק קומען אין בית המקדש אונ זיי וועלען בעטין צו גאט . וועט קומען זייער מלך דוד . דריבער נאך ולירושלים עירך בעט מען את צמח דוד . אונ אז דוד וועט קומען . וועט קומען תפלה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא ברייגגען צו מיין הייליגען בארג אונ איך וועל זייא פרייליך מאכען אין די שטוב וואס מען וועט בעטין צו מיר . אין בית המקדש . דריבער נאך את צמח דוד בעט מען שמע קולנו . אונ אז עס וועט קומען תפלה אין בית המקדש . וועט מען מקריב זיין קרבנות . אזוי ווי עס שטייט אין דעם פריערדיגען פסוק זייערע עולות אונ שלמים וועלען זיין בווילינט אויף מיין מזבח ; דריבער נאך שמע קולנו בעט מען רצה יי' . אונ אז מען איז מקריב אקרבן לויבט מען גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זובח תודה יכבדנני . דער וואס שעכט אתודה ואדער איין אנדער קרבן לויבט צו גאט . דריבער נאך רצה יי' זאגט מען מודים אנחנו לך . אונ פאר וואס זאגט מען נאך מודים די ברכה פון דיא כהנים . ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט אויף גיהויבען זיינע הענט צו גאט גענין דם פאלק אונ האט זיי גיבענשט אונ ער האט אראפ גענידערט פון צו מאכען דעם חטאת אונ די עולה אונ די שלמים . נאך די קרבנות מקריב זיין האט ער זיי גיבענשט . פרעגט די גמרא טאמער האט ער זייא גיבענשט פאר דיא קרבנות מקריב זיין . זאגט די גמרא עס קען ניט זיין . אז עס וואלט גישטאנען אין פסוק ער האט אראפ גענידערט לעשות . צו מאכען דעם חטאת אונ עולה אונ שלמים . וואלט מען טאקי אזוי גיקענט זאגין . ער האט זייא פריער גיבענשט דער נאך איז ער גיגאנגען מאכען די קרבנות . אז עס שטייט אבער מעשות פון צו מאכען . מיינט מען ער האט שוין די קרבנות אפ גימאכט איידער ער האט זיי גיבענשט . פרעגט די גמרא זאל מען זאגען ברכת כהנים נאך עבודה ונאך רצה פאר מודים . ענפערט די גמרא ווייל עס שטייט זובח תודה יכבדנני . דער וואס שעכט אקרבן זאל באלד לויבען

בעונה וגו׳ יכו׳ הגה גילאל היא . אף הודאה בעודה בכ נקום היא : אסור לספר . בקניעות ברכה : נמי שיכול . ואין מי שיכול לספר את כולו נסיק אין כאלם לספר מדעתו אלא מה שהקנו המניה : היסופר לו כי אדבר . הכי דריש ליה היסופר בבחו כולו כי ארבה לו דברי שבח אם אמר ליה לשבות כך כי יבולע : סמא דכולא משתוקא . תבה כל הממנין היא השתיקה שלא לברנוס דברים והיינו לך דומיה תהלה : מלה בסלע

מעטות החטאת וגו׳ מי כתיב לעשות מעשות כתיב . ואימא אחר העבודה לא ס״ד דכתיב זובח תודה . מאי חזית דסמכת אהא סמוך אהא מסתברא עבודה והודאה חדא מלתא היא . ומה ראו לומר שים שלום אחר ברכת כהנים דכתיב (במדבר ו) ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם ברכה דהקב״ה שלום שנאמר (תהלים כט) ה׳ יברך את עמו בשלום . וכי מאחר דק״ב זקנים ומהם כמה נביאים תקנו תפלה על הסדר שמעון הפקולי מאי הסדיר שכחום וחזר וסדרם . מכאן ואילך אסור לספר בשבחו של הקב״ה דאמר רבי אלעזר מאי דכתיב (שם קו) מי ימלל גבורות ה׳ ישמיע כל תהלתו למי נאה למלל גבורות ה׳ למי שיכול להשמיע כל תהלתו . אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן המספר בשבחו של הקב״ה יותר מדאי נעקר מן העולם שנאמר (איוב לז) היסופר לו כי אדבר אם אמר איש כי יבולע . דרש רב יהודה איש כפר גבוריא ואמרי לה איש כפר גבור חיל מאי דכתיב (תהלים סה) לך דומיה תהלה סמא דכולא משתוקא . כי אתא רב דימי אמר אמרי במערבא מלה

---

גאט . פרעגט די גמרא פאר וואס טוהט מען ווי דער פסוק זובח תודה . אונ מען זאגט נאך רצה . מודים . זאל מען טאהן וויא דער פסוק וישא אהרן : אונ מען זאל זאגען נאך רצה ברכת כהנים . ענטפערט די גמרא קרבנות מיט לויבען גאט איז איין זאך : ווארום דער וואס איז מקריב אקרבן וויל אויך דינען אונ לויבען גאט . דריבער זאגט מען רצה אונ מודים אונ ברכת כהנים . פרעגט די גמרא פאר וואס זאגט מען שים שלום נאך ברכת כהנים . ווארום עס שטייט אין פסוק נאך ברכת כהנים זייא זאלען טאהן מיין נאמען אויף דיא יודען אונ איך וועל זייא בענטשין . אונ די ברכה פון גאט איז שלום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט בענטשין זיין פאלק מיט שלום . פרעגט דיא גמרא אז מיר זאגען הונדערט אונ צוואנציג זקנים אונ פיל פון זייא זענען געווען נביאים האבען מסדר געווען די ברכות פון שמונה עשרה : פאר וואס זאגען מיר אז שמעון הפקולי האט מסדר געווען . ענטפערט די גמרא מען האט פארגעסין וויא אזוי די זקנים האבען מסדר געווען . האט שמעון הפקולי דער מאנט . אונ מער וויא די אכטצעהן ברכות טאר גיט קיין מענטש מאכען נאך אברכה צו לויבען אלע טאג גאט מיט די זעלביגע ברכה . ווארום רבי אלעזר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק מי ימלל גבורות יי ישמיע כל תהלתו . ווער מעג ריידען די שטארקייט פון גאט . דער וואס קען דער ציילען די גאנצע לויב פון גאט . אונ עס איז דאך ניטא איין מענטש אויף דער וועלט ווס זאל קענען דער ציילען די גאנצע לויב פון גאט . דריבער טארין מיר ניט לויבען גאט נאר דיא לויב וואס די חכמים האבען אונז מסדר געווען . רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער וואס דער ציילט די לויב פון גאט צו פיל . ווערט ער אויס געריסען פון דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק היסופר לו כי אדבר . קען דען אויס דער ציילט ווערין דיא גאנצע לויב פון גאט . וואס איך זאל ריידען לויבונג פאר גאט . אם אמר איש . אויב אמענטש וועט זאגען ער וועט קענען אויס דער ציילען דיא גאנצע לויב פון גאט . כי יבולע . וועט ער פאר דארבען ווערין . רבי יהודה פון דארף גבוריא . אנדערע זאגען פון דארף גבור חיל . האט גידרשת עס שטייט אין פסוק לך דומיה תהלה . דיא בעסטע לויב איז מען זאל שווייגען . דער מענטש זאל וויסען אז ער קען גאר ניט אנהייבען צו לויבען גאט . דריבער זאל ער בעסער גאר שווייגען . אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער גזאגט אין ארץ ישראל זאגט מען . אז דוא ווילסט קויפען רייד פאר אטאלער . זאלסטו בעסער קויפען שווייגען פאר צווייא טאלער : למשל מען זאל דיך לאזען ריידען אהאלבע שעה וויל מען דוא זאלסט געבין טאלער . זאלסטו בעסער געבין צוויי טאלער מען זאל דיך לאזען שווייגען אהאלבע שעה :

רבי

סלה בסלע משתוקא בתרין. אמר רבי אחא אמר רבי אלעזר מנין שקראו הקב"ה ליעקב אל שנאמר (בראשית לג) ויצב שם מזבח ויקרא לו אל אלהי ישראל ואי סלקא דעתך למזבח קרי ליה יעקב אל ויקרא לו יעקב מיבעיא ליה אלא ויקרא לו ליעקב אל ומי קראו אל אלהי ישראל:

משתוקא בתרין. אם הדבור לקנות הדבור בסלע השתיקה בשתים: כל תוקף לקים אגרת הפורים. על תוקף הקפיד להזכיר: תוקפו של אחשורוש. ומתחלתה היא מדברת בתוקפו עד סופו: ומה ראו על ככה. המגלה נכתבה ונקראת להודיע לדורות מה ראו באותו הזמן שעשו מה שעשו ומפרש על ככה עשו ולפרש מה הגיע על השונאים:

(דף יט) **ב מהיכן** קורא אדם את המגילה וכו'. תניא ר"ש בן יוחאי אומר מבלילה ההוא. אמר רבי יוחנן וכולן מקרא אחד דרשו ותכתוב אסתר המלכה ומרדכי היהודי את כל תוקף. מ"ד כולה תוקפו של אחשורוש ומ"ד מאיש יהודי תוקפו של מרדכי ומ"ד מאחר הדברים האלה תוקפו של המן ומ"ד מבלילה ההוא תוקפו של נס. רב הונא אמר מהכא ומה ראו על ככה ומה הגיע אליהם מ"ד כולה מה ראה אחשורוש שנשתמש בכלים של בית המקדש על ככה משום דחשיב ע' שנין ולא איפרוק ומה הגיע אליהם דקטיל ושתי ומאן דאמר מאיש יהודי מה ראה מרדכי דאיקני בהמן על ככה דשוי נפשיה עבודה זרה ומה הגיע אליהם דאתרחיש ניסא ומאן דאמר מאחר הדברים האלה מה ראה המן

---

רבי אחא האט גזאגט פון רבי אלעזרס וועגן פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט גירופען צו יעקב דעם נאמען אל. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גישטעלט דארט א מזבח אונ ער האט גירופען צו איהם אל אלהי ישראל. אז איך וועל זאגען מען מיינט יעקב האט גירופען דעם מזבח אל. האט גידארפט שטיין אין פסוק ויקרא לו יעקב. יעקב האט איהם ודעם מזבחו גירופען אל. נאר אזוי מיינט מען ער האט גירופען צו יעקב אל. ווער האט גירופען צו יעקב אל. דער גאט פון ישראל האט גירופען צו יעקב אל:

**ב** מהיכן. פון וואנען זאל מען אנהייבען לייענען די מגלה. רבי מאיר זאגט אין גאנצן. פון ויהי בימי אחשורוש ביז צום סוף. רבי יהודה זאגט מען זאל אנהייבען פון איש יהודי. רבי יוסי זאגט מען זאל אנהייבען פון אחר הדברים האלה: מיר האבען גילערונט אין א ברייתא רבי שמעון בן יוחאי זאגט מען זאל אנהייבען פון בלילה ההוא. רבי יוחנן זאגט אלע דרשנן פון איין פסוק. עס שטייט אין פסוק אסתר המלכה אונ מרדכי היהודי האבען געשריבען ומען זאל דער מאנען די גאנצע שטארקייט. וועמעס שטארקייט. דער וואס זאגט מען זאל לייענען די מגלה פון אנהייב ביז צום סוף. האלט ער אז מען מיינט די שטארקייט פון אחשורוש. אונ די שטארקייט פון אחשורוש דער ציילט דיא מגלה פון אנהייב ביז צום סוף. אונ דער וואס זאגט מען זאל אנהייבען פון איש יהודי. האלט ער אז מען מיינט די שטארקייט פון מרדכי. אונ דער וואס זאגט מען זאל אנהייבען פון אחר הדברים האלה, האלט ער אז מען מיינט די שטארקייט פון המן. אונ דער וואס זאגט מען זאל אנהייבען פון בלילה ההוא. האלט ער אז מען מיינט די שטארקייט פון דעם נס. רב הונא זאגט אלע לערנען אפ פון דעם פסוק. ומה ראו על ככה. ומה הגיע אליהם. דער וואס זאגט מען דארף לייענען די מגילה אין גאנצען. טייטשט ער דעם פסוק מה ראו. וואס האט גיזעהן אחשורוש וואס ער האט גענוצט מיט דיא כלים פון בית המקדש. על ככה. איבער דעם וייל ער האט גירעכונט זיבעציג יאהר אונ די יודען זענען ניט אויס גילייזט גיווארען. האט ער גימיינט זיי וועלין שוין ניט אויס גילייזט ווערין. ומה הגיע אליהם: אונ מיט וואס זענען זיא גישטראפט גיווארען. ושתי איז גיהרגת גיווארען. אונ דער וואס זאגט מען זאל אנהייבן פון איש יהודי. טייטשט ער דעם פסוק מה ראו. וואס האט גיזעהן מרדכי וואס ער האט געקריגט מיט המן. על ככה. איבער דעם וייל ער האט זיך גימאכט פאר א עבודה זרה. ומה הגיע אליהם. אונ וואס איז גיווארען מיט זיי. עס איז גיווארען א נס. אונ דער וואס זאגט מען זאל

המן שנתקנא בכל היהודים על ככה משום דמרדכי לא יכרע ולא ישתחוה ומה הגיע אליהם ותלו אותו ואת בניו על העץ ומ"ד מבלילה ההוא מה ראת אחשורוש להביא את ספר הזכרונות על ככה דזמנתיה אסתר להמן בהדיה ומה הגיע אליהם דאתרחיש ניסא. (שם ע"ב) אמר (רבי אבא) בריה דרבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אלמלא נשתייר במערה שעמד בה משה ואליהו כמלא נקב מחט סדקית לא היו יכולין לעמוד מפני האורה דכתיב (שמות לג) כי לא יראני האדם וחי ואמר (רבי אבא בריה) דרבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (דברים ט) ועליהם ככל הדברים מלמד שהראה הקב"ה למשה בסיני דקדוקי תורה ודקדוקי סופרים ומה שסופרים עתידים לחדש ומאי ניהו מקרא מגילה:

אלמלא נשתייר כו'. נקב כפי מחט לפתכך נקדות ב"ה כמו שנאמר ושכותי כפי עליך עד עברי: במערה שעמד בה משה ואליהו. כשהעביר הקב"ה (את כבודו עליו) לפניו שנאמר ומתיך בנקרת הצור ואליהו אף הוא עמד כלותה מערה ועבר הקב"ה לפניו שנאמר ויבא שם אל המערה וגו' ויאמר לא ועמדת בהר וגו' והנה ה' עובר וגו': מחט סדקית. מחט שלנו שהיא קטנה והופרים בה סדקי בגדים ויש מחט אחרת שהיא גסה שהופרין בה השקין ונקראת מחט של שקאין: דקדוקי תורה. ריבויי אתין וגמין ומיעוטין אכין ורקין: דקדוקי סופרים. שדקדקו באחרונים מלשון משנת שראשונים: עומד ויושב. אם רצה עומד ואם רצה יושב: מה שאין כן בתורה. שאין קורין בתורה בצבור

# הקורא עומד פרק שלישי

(דף כא) (משנה) **א הקורא** את המגילה עומד ויושב יצא. [גמ'] תנא מה שאין כן בתורה

---

זאל אנהייבען פון אחר הדברים האלה. טייטשט ער דעם פסוק מה ראו. וואס האט געזעהן המן וואס ער איז אין בעם געווען אויף אלע יודען. על ככה. איבער דעם ווייל מרדכי האט ניט געקניט אונ האט זיך ניט געבוקט פאר איהם. ומה הגיע אליהם. אונ וואס איז געווארען מיט המן. מען האט אויף געהאנגען איהם מיט זיינע קינדער אויף אהאלץ. אונ דער וואס זאגט מען זאל אנהייבען פון בלילה ההוא. טייטשט ער דעם פסוק מה ראו. וואס האט געזעהן אחשורוש וואס ער האט געהייסען ברייגגען דעם ספר הזכרונות על ככה. איבער דעם ווייל אסתר האט געבעטען המן מיט איהם צו דער סעודה. ומה הגיע אליהם. אונ וואס איז געווארען מיט אסתר. עס האט געטראפען א נס:

אמר. רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן ווען משה רבינו אונ אליהו הנביא זענען געשטאנען אין די מערה (אין דעם קעלער) אונ נאך איז פארבייגעגאנגען. אונ האט אויף זיי פאר שטעלט מיט זיין האנט. ווען עס וואלט געוועזען אפילו נאר אקליינע לעכיל אזוי וויא די לעכיל פון אנאדיל וואס מען נייט מיט איר קליידער. וואלטין זיי ניט געקענט שטיין דורך די ליכטיגקייט פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס האט מיך נאך קיין מאהל ניט געזעהן א מענטש אונ ער זאל בלייבען לעבין. נאך האט געזאגט רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא פון רבי יוחנן וועגין עס שטייט אין פסוק אויף די לוחות איז געווען געשריבען אזוי וויא אלע רייד וואס גאט האט מיט אייך גירעט אויף דעם בארג. דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט געוויזען צו משה אויף דעם בארג סיני אלע דינים וואס מען קען לערנען פון די איבעריגע אותיות וואס עס איז דא אין די תורה. אונ אלע דינים וואס מען קען לערנען פון דעם לשון פון די משניות. אונ אלע נייע דינים וואס די רבנן וועלען לערנען. אזוי ווי די דינים פון די מגלה לייענען:

# פרק שלישי

**א** משנה. הקורא. דער וואס לייענט די מגילה אין שוהל פאר אלע מענטשין. דארף ער שטיין. אונ אויב ער וויל זיצען מעג מען אויך:

**גמרא**. מיר האבען גילערנט אבער דער וואס לייענט אין דער ספר תורה מוז ער שטיין

בתורה . מנא הני מילי (אמר רבי אבהו) דאמר קרא (דברים ה) ואתה פה עמוד עמדי ואמר רבי אבהו אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו כביכול שאפילו הקב"ה בעמידה (אמר רב יהודה אמר רב) [ואמר רבי אבהו] מנין לרב שלא ישב על גבי מטה וישנה לתלמידיו על גבי קרקע שנאמר ואתה פה עמוד עמדי . ת"ר מימות (יהושע) [משה] עד רבן גמליאל היו למדין תורה מעומד משמת רבן גמליאל (הזקן) ירד חולי לעולם והיו למדין תורה מיושב והיינו דתנן משמת רבן גמליאל (הזקן) בטל כבוד התורה. כתוב אחד אומר (שם ט) ואשב בהר ארבעים יום וארבעים לילה וכתיב (שם י) ואנכי עמדתי בהר . אמר רב עומד ולומד יושב ושונה רבי חנינא אמר לא עומד ולא יושב אלא שוחה רבי (אבא) [יוחנן] אמר אין (לשון) ישיבה אלא לשון עכבה שנא' (שם א) ותשבו בקדש ימים רבים . רבא אמר רכות מעומד קשות מיושב . (שם ע"ג) [פיסקא] בשני ובחמישי ובמנחה בשבת קורין שלשה כנגד מי אמר רב אסי כנגד תורה נביאים וכתובים . רבא אמר כנגד כהנים לוים וישראלים אלא הא דתני רב שימי אין פוחתין מעשרה פסוקים בבית הכנסת וידבר עולה מן המנין הני עשרה כנגד מי אמר רבי יהושע בן לוי כנגד עשרה בטלנין שבבית

מיושב : כביכול . כאומר כהקב"ה כבאדם שיכול לאמר כן כן : שלא ישב וכו'. אלא הו שניהם ע"ג מטה או שניהם ע"ג קרקע : ולומד . מפי רבו גורסו. יושב ושונה . שנית לבדו מה שלמד : רכות .

---

שטיין . פון וואנען ווייסען מיר . האט רבי אבהו גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט שטיין דא מיט מיר . נאך האט רבי אבהו גזאגט ווען דער פסוק וואלט דאס ניט גזאגט וואלטי מיר דאס ניט גיטארט זאגען . אפילו גאט איז אויך גישטאנען . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט שטיין מיט מיר . זענען ביידע גישטאנען גאט אונ משה . נאך האט רבי אבהו גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער רבי זאל ניט זיצען אויף אבעט אונ לערנען מיט תלמידים וואס זיצען אויף דיא ערד . נאר אדער דער רבי מיט די תלמידים זאלען זיצען אויף בעטין . אדער דער רבי מיט די תלמידים זאלען זיצען אויף דיא ערד . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה דו זאלסט שטיין מיט מיר . וייל דוא וועסט שטיין וועל איך אויך שטיין . דיא רבנן האבען גילערנט פון משה רבינום צייט ביז רבן גמליאל האט מען גילערנט תורה שטייענדיג . זויא רבן גמליאל איז גישטארבען איז די וועלט שוואך גיווארען אונ מען האט שוין גימוזט לערנען תורה זיצענדיג . דאס איז וואס מיר האבען גילערנט זויא רבן גמליאל איז גישטארבען איז בטל גיווארען דער כבוד פון די תורה . פרעגט די גמרא אין איין פסוק שטייט משה רבינו האט גזאגט איך בין גיזעסען אויף דעם בארג פערציג טעג אונ פערציג נעכט . אונ אין איין פסוק שטייט משה רבינו האט גזאגט איך בין גישטאנען אויף דעם בארג . האט רב גזאגט ווען משה האט גילערנט פון גאט איז ער גישטאנען . אונ ווען ער האט גיחזר'ט פאר זיך איז ער גיזעסען . רבי חנינא זאגט משה איז ניט גישטאנען אונ ניט גיזעסען . נאר ער איז גיוועזען איינגיבויגען . רבי יוחנן זאגט משה איז אויף דעם בארג גישטאנען . אונ וואס עס שטייט ואשב בהר . מיינט מען ניט איז ער גיזעסען . נאר מען מיינט ער איז גיווען אויף דעם בארג פערציג טעג אונ פערציג נעכט שטייענדיג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותשבו בקדש ימים רבים . מיינט מען ניט איר זענט גיזעסען אין קדש . נאר מען מיינט איר זענט גיווען אין קדש . רבא זאגט גרינגע זאכען האט משה גילערנט שטייענדיג . אונ שווערע זאכען האט ער גילערנט זיצענדיג . אין דער משנה שטייט מאנטאג אונ דאנערשטאג אונ שבת צו מנחה רופט מען צו די ספר תורה דריי מענטשין . כהן לוי ישראל . געגין וועמען זענען די דריי . האט רב אסי גזאגט געגין תורה נביאים כתובים . רבא זאגט געגין כהנים לוים ישראלים . זאגט דיא גמרא רב שימי האט גילערנט מען טאר ניט לייענען אין שוהל ווייניגער וויא צעהן פסוקים . אונ דער פסוק וידבר גיהער אויך צו די צעהן פסוקים . געגין וועמען זענען די צעהן פסוקים . האט רבי יהושע

שבבית הכנסת רב יוסף אמר כנגד עשרת הדברות שנאמרו למשה בסיני. (רבי לוי אמר כנגד עשרת הילולין שאמר דוד בספר תהלים) ורבי יוחנן אמר כנגד עשרה מאמרות שבהן נברא העולם והי ניניהו ויאמר דבראשית הני תשעה הוו בראשית נמי מאמר הוא דכתיב (תהלים לג) בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם [אמר רבא ראשון שקרא ד' משובח שני שקרא ד' משובח שלישי שקרא ד' משובח. רב פפא איקלע לבי כנשתא דאבי גובר וקרא ראשון ד' ושבחיה רב פפא. (דף כב ע"ב) תנו רבנן קידה על אפים שנאמר (מ"א א) ותקוד בת שבע אפים ארץ כריעה על ברכים וכה"א (שם ח) מכרוע על ברכיו השתחואה זו פשוט ידים ורגלים שנאמר (בראשית לז) הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחות לך ארצה] (דף כג) הני ג' (ד') ה' (ו') ז' כנגד מי פליגי בה רבי יצחק בר נחמני וחד דעמיה ומנו רבי שמעון בן פזי ואמרי לה רבי שמעון בן פזי וחד דעמיה ומנו רבי יצחק בר נחמני ואמרי לה רבי שמואל בר נחמני חד אמר כנגד ברכת כהנים וחד אמר

עמים רכים ותיב סלדב מכיב לבומען: כראשית יהי. דעשפאי כשמים ולארץ דכתיב בדבר ה' שמים נעשו וגו' ; [מאמר הוא. הך כס כמאמר נכרחו]: כריעה ככים. שלשה תיבות בפסוק ראשון וחמשה

---

יהושע בן לוי זאגט געגן די צעהן בטלנים וואס דארפן זיין אין שוהל. רב יוסף זאגט געגן די עשרת הדברות וואס זענען גזאגט געווארען צו משה אויף דעם בארג סיני. רבי לוי זאגט געגן די צעהן הללוהו וואס דוד המלך האט גזאגט אין ספר תהלים אין קאפיטל קנ. רבי יוחנן זאגט געגן די צעהן זאג וואס דיא וועלט איז מיט זיא בשאפען געווארען. דאס מיינט מען דיא צעהן מאהל ויאמר וואס שטייט אין די סדרה בראשית. פרעגט די גמרא עס איז דאך נאר דא ניין מאהל ויאמר. ענטפערט די גמרא דער ווארט בראשית איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען ויאמר. ווארום דיא הימעל אונ דיא ערד זענען אויך בשאפען געווארען דורך דעם זאג פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דורך די רייד פון גאט איז בשאפען געווארין די הימלען. אונ פון דעם ווינט פון זיין מויל זענען בשאפען געווארין אלע צבאות ודיא זוהן דיא לבנה אונ אלע שטערין. רבא זאגט אויב דער ערשטער פון די דריי האט גילייענט פיר פסוקים אונ דער אנדערער אונ דער דריטער האבען נאר גילייענט צו דרייא פסוקים: איז גוט. אונ אויב דער אנדערער האט גילייענט פיר פסוקים. אונ דער ערשטער אונ דער דריטער האבען נאר גילייענט צו דריי פסוקים. איז גוט. אונ אויב דער ערשטער אונ דער אנדערער האבען נאר גילייענט צו דריי פסוקים. אונ דער דריטער האט גילייענט פיר פסוקים. איז גוט. רב פפא איז אמאהל גיקומען אין די שוהל פון אבי גובר האט ער גיהערט וויא דער ערשטער האט גילייענט פיר פסוקים. האט איהם רב פפא גילויבט ער האט גוט גיטאהן:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט קידה מיינט מען אז מען בוקט זיך מיט דעם פנים אויף די ערד ואונ דער גאנצער גוף שטייט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותקוד בת שבע אפים ארץ. בת שבע האט זיך גיבוקט מיט דעם פנים אויף די ערד. כריעה מיינט מען אז מען שטייט אויף די קניא. אונ אזוי שטייט אין פסוק דער מלך איז אויף גישטאנען מכרוע על ברכיו. פון צו קניען אויף זיינע קניא. השתחואה מיינט מען אז דער גאנצער מענטש ליגט אויף די ערד אויס גישפרייט מיט די הענט אונ מיט די פיס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק להשתחות לך ארצה. צו בוקין זיך צו דיר אויף דיא ערד. דיא דרייא מענטשין וואס מען רופט צו די ספר תורה מאנטאג אונ דאנערשטאג. אונ די פינף וואס מען רופט יום טוב. אונ די זיבען וואס מען רופט שבת. געגין וועמען איז דאס. קריגען אין דעם רבי יצחק בר נחמני אונ נאך איינער מיט איהם. דאס איז רבי שמעון בן פזי. אונ אנדערע זאגען רבי שמעון בן פזי פריער אונ נאך איינער מיט איהם. דאס איז רבי יצחק בר נחמני. אונ אנדערע זאגין דאס איז רבי שמואל בר נחמני. איינער זאגט דיא דריי אונ פינף אונ זיבען איז געגין ברכת כהנים. אין ערשטין פסוק איז דריי ווערטער. אין אנדערין

פסוק

אמר כנגד שלשה שומרי הסף חמשה מרואי פני המלך ושבעה רואי פני המלך תני רב יוסף ג' ה' וז' ג' שומרי הסף ה' מרואי פני המלך ז' רואי פני המלך אמר ליה אביי עד האידנא מ"ט לא פריש לן מר אמר ליה לא הוה ידענא דצריכיתו לי ומי בעיתו מינאי מלתא ולא אמרי לכו אמר ליה יעקב מינאה לרב יהודה הני ששה דיום הכפורים כנגד מי אמר ליה כנגד ששה שעמדו מימינו של עזרא וששה משמאלו שנאמר (נחמיה ח) ויעמוד עזרא הסופר על מגדל עץ אשר עשו לדבר ויעמוד אצלו מתתיה ושמע ועניה ואוריה וחלקיה ומעשיה על ימינו ומשמאלו פדיה ומישאל ומלכיה וחשום וחשבדנה זכריה משלם הני שבעה הוו היינו זכריה היינו משלם ואמאי קרי ליה משלם דמשלם בעובדיה:

בפסוק שני ושבעה בפסוק שלישי: חמשה מרואי פני המלך ושבעה רואי פני המלך. שבעה הם כדכתיב שבעת שרי פרס ומדי ומהם יש חמשה חשובים כדכתיב בסוף מלכים: ג' שומרי הסף. בסוף ספר מלכים וכנגדן תקנו אלו מעין דבר מלכות: דמשלם בעובדיה. תמים במעשיו:

לפו

(דף כד) (משנה) **ב סומא** פורס על שמע ומתרגם רבי יהודה אומר כל מי שלא ראה מאורות מימיו לא יפרוס על שמע: **גמ'** (שם ע"ב) תניא אמרו לו לרבי יהודה והלא הרבה צפו לדרוש במרכבה ולא ראו אותה מימיהם ורבי יהודה התם באבנתא דליבא תליא מילתא והא קא מיכוין וידע הכא משום הנאה הוא והא לית ליה הנאה

ורבנן

---

פסוק איז פינף ווערטער · אין דריטען פסוק איז זיבען ווערטער . אונ איינער זאגט די דריי זענען געגין די דריי וואס היטען ביי דעם מלך ביי די שוועל . דיא פינף זענען געגין דיא פינף וואס זעהן דעם פנים פון מלך · אונ די זיבען זענען געגין די זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך · רב יוסף האט גילערונט די דריי אונ פינף אונ זיבען · דריי זענען געגין דיא דרייא וואס היטען ביי דעם מלך ביי די שוועל · די פינף זענען געגין דיא פינף וואס זעהן דעם פנים פון מלך · אונ דיא זיבען זענען געגין די זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך · אביי האט געזאגט צו רב יוסף פאר וואס האסטו דאס אונז נים געזאגט ביז איצט . האט רב יוסף געזאגט איך האב נים געוואוסט אז איר דארפט איך זאל אייך זאגען · איך האב גימיינט איר ווייסט אליין · האט איר דען גיפרעגט ביי מיר אזאך אונ איך האב אייך נים געזאגט · יעקב מינאה האט געזאגט צו רב יהודה די זעקס פון יום כפור געגין וואס זענען · האט רב יהודה געזאגט געגין די זעקס מענטשין וואס זענען גישטאנען אין די רעכטע זייט פון עזרא אונ דיא זעקס וואס זענען גישטאנען אין די לינקע זייט פון עזרא · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עזרא הסופר איז גישטאנען אויף אהילצענע בימה וואס מען האט גימאכט צו דער זאך ער זאל שטיין אויף דעם . אונ ביי זיין רעכטע האנט איז גישטאנען מתתיה שמע עניה אוריה חלקיה מעשיה . אונ ביי זיין לינקע האנט איז גישטאנען פדיה מישאל מלכיה חשום חשבדנה זכריה משלם · פרעגט די גמרא איז דאך זיבען · זאגט די גמרא זכריה אונ משלם איז איין מענטש · פאר וואס האט מען איהם גירופען משלם . ווייל משלם איז טייטש גאנץ · ער איז גיוועזן גאנץ מיט גוטע מעשים · אז ער האט גיטאהן אמצוה האט ער גאר גיטאהן פין גאטס וועגין:

**ב** משנה · סומא · אבלינדער טור זאגען אלע טאג קריאת שמע מיט דיא ברכות יוצר אור אונ פאר טייטשין · רבי יהודה זאגט דער וואס איז גיבארען בלינד אונ ער האט דיא ליכטיגקייט קיין מאהל נים גיזעהן · זאל ער לייענען קריאת שמע אונ דיא ברכות יוצר אור זאל ער נים זאגין · די גמרא זאגט מיר האבען גילערונט מען האט גיזאגט צו רבי יהודה פיל מענטשין האבען געוואוסט צו דרשנן מעשה מרכבה אונ זייא האבען איר קיין מאהל נים גיזעהן · זאל אבלינדער אויך זאגין יוצר אור אפילו ער האט די ליכטיגקייט קיין מאהל נים גיזעהן · האט רבי יהודה גזאגט ביי מעשה מרכבה ווענדט זיך אין פערשטאנד · אונ דער מענטש האט פאר

שטאנען

ורבנן אית ליה הנאה כדרבי יוסי דתניא א"ר יוסי כל ימי הייתי מצטער על מקרא זה (דברים כח) והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפלה אמרתי וכי מאי אכפת ליה לעור בין אפלה לאורה עד שבא מעשה לידי פעם אחת הייתי מהלך באישון לילה ואפלה וראיתי סומא שהיה מהלך ואבוקה בידו אמרתי לו בני אבוקה זו למה לך אמר לי כל זמן שאבוקה זו בידי בני אדם רואים אותי ומצילין אותי מן הפחתים ומן הקוצים ומן הברקנים (סבוך לזה כתובה משנת האומר (דף כה) יברכוך טובים וכו' והאומר על קן צפור וכו' והדוא דנחית קמיה דרבי חנינא אמר האל הגדול וכו') :

פי' לדרוש. במעשה מרכבה דיחזקאל : פחתים. גומות : והגה דבי ר"י. לפרש מתניתין בישראל הבא על בת נכרי הכתוב מדבר : מעשה בראשית וכו'. ואמרינן במסכת חגיגה המסתכל בד' דברים ראוי לו כאילו לא בא לעולם והתם מפרש טעמא אין כבודו של מלך שיזכירו שמו של הכסא וכו' :

[(משנה) ג האומר (ויקרא יח) ומזרעך לא תתן להעביר למולך לא תתן לאעברא בארמיותא משתקין אותו בנזיפה : גמ' תנא דבי רבי ישמעאל בישראל הבא על בת נכרי והוליד ממנה בן לנכרי הכתוב מדבר ]. תנו רבנן יש נקראים ולא מתרגמין יש נקראים ומתרגמין ויש לא נקראין ולא מתרגמין מעשה בראשית

---

שטאגען וויא די מרכבה זעהט אוים האט ער געוואוסט צו דרשנן אבער דא ביי די ברכה יוצר אור דער וואס האט הנאה פון די ליכטיגקייט דארף זאגין די ברכה. אבער דער וואס איז בלינד געבארען האט ער קיין מאהל קיין הנאה ניט געהאט פון דיא ליכטיגקייט דארף ער ניט זאגען די ברכה יוצר אור. אונ די רבנן זאגען דער בלינדער האט אויך הנאה פון די ליכטיגקייט. אזוי ווי רבי יוסי. ווארום מיר האבען געלערנט רבי יוסי האט געזאגט אזוי לאנג וויא איך האב געלעבט האב איך געהאט צער ווייל איך האב ניט געוואוסט דעם פסוק והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפלה. דוא וועסט טאפען אין מיטען טאג אזוי וויא דער בלינדער טאפט אין דער פינסטער. האב איך געפרעגט וואס איז אאונטערשייד דעם בלינדען צו עס איז ליכטיג צו עס איז פינסטער. ביז עס האט אמאהל געטראפען איך בין אמאהל געגאנגען אין אפינסטערע נאכט. האב איך געזעהן אבלינדער געהט אונ האלט אין האנט אפלאם פייער. האב איך געזאגט צום בלינדען מיין זוהן דוא זעהסט דאך ניט צוא וואס טויג דיר אפלאם פייער. האט דער בלינדער געענטפערט אז איך האלט דעם פלאם פייער אין האנט. זעהן מיך מענטשין אונ וועלען מיך מציל איך זאל ניט אריין פאלען אין אגרוב אונ זאל ניט פאלען אויף דערנער. האט דאך דער בלינדער אויך הנאה פון דיא ליכטיגקייט. דריבער דארף ער אויך זאגען דיא ברכה יוצר אור :

ג משנה. האומר. דער וואס טייטשט דעם פסוק ומזרעך לא תתן להעביר למולך. מיינט מען דוא זאלסט ניט מזנה זיין מיט אגויה זיא זאל פון דיר מעוברת ווערין. שרייט מען אויף איהם ער זאל שווייגען. ער זאל ניט אזוי טייטשין דעם פסוק. נאר מולך איז עבודה זרה. מען האט געלייגט צוויי פייארין. אם גירוקט איינעם פון אנדערין. אונ מען האט געפירט אקינד צווישען די צוויי פייארין : האט דיא תורה געזאגט איוד זאל ניט אזוי טאהן : דיא גמרא זאגט דבי רבי ישמעאל האט געלערנט דער פסוק ומזרעך לא תתן להעביר למולך שמועסט אז איוד האט מזנה געווען מיט אגויה אונ זיא האט געהאט פון איהם אזוהן צו דער עבודה זרה. וריא שפראכע וואס אלע מענטשין האבען גירעט פאר צייטען : איז געווען תרגום. אזוי ווי היינט עברי טייטש. ווייניג זענען געווען די מענטשין וואס האבען געקענט לשון קודש. דריבער אז מען האט געלייענט אין דיא ספר תורה. האט איינער געלייענט אפסוק לשון הקודש. אונ נעבין איהם איז געשטאנען איינער וואס האט באלד געזאגט דעם פסוק אויף תרגום. אלע זאלען וויסען וואס אין דעם פסוק שטייט זאגט די גמרא די רבנן האבען געלערנט עס איז דא פסוקים וואס מען האט זיי געלייענט אויף לשון הקודש. אונ מען האט זייא ניט געזאגט אויף תרגום. אונ עס איז דא פסוקים וואס מען האט זייא געלייענט אויף לשון קודש. אונ מען האט זייא געזאגט אויף תרגום.

בראשית נקרא ומתרגם פשיטא מ"ד אתו לשיולי מה
למעלה ומה למטה (שם ע"ב) מה לפנים ומה לאחור קא
משמע לן. מעשה לוט (ושתי בנותיו) נקרא ומתרגם
פשיטא מ"ד ניחוש לכבודו דאברהם קמ"ל. מעשה
תמר ויהודה נקרא ומתרגם פשיטא מ"ד ליחוש לכבודו דיהודה קמ"ל שבח הוא לו דאודי
מעשה העגל הראשון נקרא ומתרגם פשיטא מ"ד ליחוש לכבודן של ישראל קמ"ל כ"ש
דניחא להו דתהוי להו כפרה קללות וברכות נקראין ומתרגמין פשיטא מ"ד ניחוש דילמא
פייגא דעתייהו דצבורא קמ"ל. אזהרות ועונשין נקראין ומתרגמין פשיטא מ"ד ניחוש
דילמא אתו למעבד (מאהבה ו) מיראה קמ"ל. מעשה אמנון ותמר נקרא ומתרגם (מעשה
אבשלום נקרא ומתרגם) פשיטא מ"ד ליחוש ליקריה דדוד קמ"ל. מעשה פילגש בגבעה
נקרא ומ' דגם פשיטא מ"ד ליחוש לכבודו דבנימין קמ"ל. (יחזקאל טז) הודע את ירושלים את
תועבותיה קרא ומתרגם פשיטא לאפוקי מדרבי אליעזר דתניא מעשה באדם אחד שהיה
קורא למעלה מדרבי אליעזר הודע את ירושלים את תועבותיה אמר ליה עד שאתה בודק
בתועבות

קמ"ל [שבחו הוא]. שבח הוא ליהודה קריאה א: דאודי. שהודה על העותו: מאהבה. של ברכות: ומיראה. של קללות ולא לשם שמים: פייגא דעתייהו. תחלת דעתם כשישמעו שהם נענשים ויאמרו שוב ליהנות מן העולם בכל רצונו כו"ל וסופנו ככל

---

תרגום. און עס אי דא פסוקים וואס מען האט זייא ניט גילייענט אויף לשון קודש. און ניט
גזאגט אויף תרגום. די סדרה בראשית ווערט גילייענט אויף לשון קודש און גזאגט אויף תרגום.
פרעגט די גמרא געווים: פאר וואס דען נישט. ענפערט די גמרא איך וואלט וועלן מורא האבען
טאמער וועט איינער פרעגין וואס איז איבער אלע הימלען. און וואס איז אונטער דיא ערד.
און וואס איז גיוועזן איידער די וועלט איז בשאפען גיווארען. און וואס וועט זיין דער נאך ווען
דיא וועלט וועט צוריק וויסט ווערין. און דאס אלץ טאר מען ניט פרעגין. זאגט דיא גמרא מיר
האבען ניט מורא טאמער וועט מען אזוי פרעגין. דיא מעשה פון לוט מיט זיינע צווייא טעכטער
לייענט מען אויף לשון קודש און מען זאגט אויף תרגום און מיר האבען ניט מורא וואס עס איז
ניט שיין פאר אברהם אבינו. דיא מעשה פון תמר מיט יהודה לייענט מען אויף לשון קודש און
מען זאגט אויף תרגום. און מיר האבען ניט מורא וואס עס איז ניט שיין פאר יהודה. ווארום פר
קערט עס איז נאך אלויב פאר יהודה ער האט מודה גיוועזן אז תמר איז מעוברת פון איהם.
די ערשטע פרשה פון עגל ופון ויירא העם ביז וישק את בני ישראל לייענט מען אויף לשון
קודש און מען זאגט אויף תרגום. און מיר האבען ניט מורא וואס עס איז ניט שיין פאר די
יודען. ווארים פאר קערט די יודען וועלין זיך שעמען. וועט מען זיי מוחל זיין דיא עבירה.
די קללות און ברכות פון דער תוכחה פון בחקותי און פון תבא לייענט מען אויף לשון קודש
און מען זאגט אויף תרגום. און מיר האבען ניט מורא די יודען וועלען דער שראקין ווערין.
דיא אלע זאכען וואס די תורה האט גזאגט מען זאל דאס ניט טאהן. און אז מען וועט יא
טאהן. וועט קומען מלקות. אדער דיא פיר ערליי מיתות סקילה שרפה הרג חנק. לייענט
מען אויף לשון קודש און מען זאגט אויף תרגום. און מיר האבען ניט מורא טאמער וועלן
דיא יודען דינען גאט פאר מורא און ניט פאר ליבשאפט. דיא מעשה פון אמנון מיט תמר.
און דיא מעשה פון אבשלום מיט דוד. לייענט מען אויף לשון קודש און מען זאגט אויף
תרגום. און מיר האבען ניט מורא וואס עס איז ניט שיין פאר דוד. די מעשה פון פילגש
בגבעה לייענט מען אויף לשון קודש און מען זאגט אויף תרגום און מיר האבען ניט מורא
וואס עס איז ניט שיין פאר בנימין. דעם קפיטל הודע את ירושלים את תועבותיה לייענט
מען אויף לשון קודש און מען זאגט אויף תרגום. נישט אזוי וויא רבי אליעזר וואס ער זאגט
מען זאל דעם קפיטל ניט זאגען אויף תרגום מען זאל ניט פאר שעמען ירושלים ווארום מיר
האבען גיהערט אמענטש האט אמאהל גילייענט דעם קפיטל הודע את ירושלים את תועבותיה
פאר רבי אליעזר. האט רבי אליעזר גזאגט איהם צוא איידער דוא זוכסט דיא עבירות פון
ירושלים

בתועבות ירושלים צא ובדוק בתועבות אמך בדקו אחריו ומצאו בו שמץ פסול . ואלו נקראים ולא מתרגמין מעשה ראובן נקרא ולא מתרגם . מעשה ברבי חנינא בן גמליאל שהלך לכבול והיה קורא חזן הכנסת (בראשית לה) ויהי בשכן ישראל וגו' ויהיו בני יעקב שנים עשר אמר לו למתורגמן אל תתרגם אלא אחרון ושבחוהו חכמים . מעשה העגל השני נקרא ולא מתרגם ואיזהו מעשה העגל השני מן (שמות לב) ויאמר משה עד (שם) וירא משה . ברכת כהנים נקרא ולא מתרגם מ"ט משום דכתיב (במדבר ו) ישא . מעשה דוד ואמנון לא נקרין ולא מתרגמין והאמרת מעשה אמנון ותמר נקרא ומתרגם לא קשיא הא דכתיב אמנון בן דוד הא דכתיב אמנון סתמא :

ד תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר לעולם יהא אדם זהיר בתשובתו שמתוך תשובה שהשיב אהרן למשה פקרו המינים שנאמר (שמות לב) ואשליכהו באש ויצא העגל הזה [תנו רבנן כל המקראות הכתובים בתורה לגנאי קורין אותן לשבח כגון (דברים כח) ישגלנה ישכבנה וכו' (ת"כ י) למחראות למוצאות רבי יהושע בן קרחה אומר למחראות כשמן

פירוש

שמונים כאלו : אל תתרגם אלא אחרון . ויהיו בני יעקב שנים עשר והמקרא הזה נפסק בהפסק פרשה לכך קורהו אחרון כאלו הוא פסוק בפני עצמו: מן ויאמר משה . אל אהרן מה עשה לך העם (עד: אהרן) וכתב המעשה קרוי מעשה העגל השני) : משום ישא . שלא יאמרו הקב"ה נושא (לכן) פנים ואין יודעין בכדאי הן ישראל לשאת להם פנים (כדאמרינן בברכות לא כדאי הם ישראל לשאת להם פנים) אני אמרתי ואכלת ושבעת וברכת והן מחמירין על עצמן עד כזית עד כביצה : פקרו המינים . העיזו פניהם לומר ממש יש בע"ז (שלא מאליו אבל כמקרא הזה מבינים) :

---

ירושלים . גיי זוך די עבירות פון דיין מוטער . האט מען גיזוכט צו וויסען ווער דער מענטש איז . האט מען גיפונען אויף איהם עבירות . די זאכען ווערין גילייענט אויף לשון קודש און זיא ווערין ניט גזאגט אויף תרגום . דיא מעשה פון ראובן מיט בלהה ווערט גילייענט אויף לשון קודש . און זיא ווערט ניט גזאגט אויף תרגום . רבי חנינא בן גמליאל איז אמאהל גיקומען אין כבול . האט ער גיהערט וויא דער חזן פון שוהל לייענט דעם פסוק ויהי בשכן ישראל ביז ויהיו בני יעקב שנים עשר . האט רבי חנינא גזאגט צוא דעם וואס זאגט אויף תרגום . דוא זאלסט ניט מער זאגען אויף תרגום נאר דעם סוף פסוק . האבען דיא חכמים גזאגט רבי חנינא האט גוט גיטאהן . ווייל אין דעם פסוק שטייט וישכב ראובן את בלהה . דארף מען דאס ניט זאגען אויף תרגום . דיא אנדערע פרשה פון עגל פון ויאמר משה ביז וירא משה . לייענט מען אויף לשון קודש . און מען זאגט ניט אויף תרגום . ברכת כהנים פון יברכך ביז שלום לייענט מען אויף לשון קודש . און מען זאגט ניט אויף תרגום . ווייל אין דעם פסוק שטייט דער ווארט ישא זעהט אויס אז גאט חנפת דיא יודען . די מעשה פון דוד מיט אמנון ווערט ניט גילייענט אויף לשון קודש און עס ווערט ניט גזאגט אויף תרגום . פרעגט דיא גמרא מען האט דאך פריער גזאגט אז די מעשה פון אמנון מיט תמר ווערט גילייענט אויף לשון קודש און גזאגט אויף תרגום . ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען וואו עס שטייט אמנון בן דוד . זאל מען דיא צוויא ווערטער בן דוד ניט זאגען . מען זאל נאר זאגען אמנון אליין :

ד תניא . מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט א מענטש זאל אייביג זיין געהיט מיט זיין אנטווארט . ווארום דורך די אנטווארט וואס אהרן האט גיענטפערט צו משה . האבען די אפקורסים גיפונען א תירוץ צום זינדיגען און צו גלויבען אין די עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט גזאגט צו משה איך האב אריין גיווארפען דיא גאלד אין פייער איז ארויס גיגאנגען די קאלב . זעהט אויס אז עס איז גיווארען א קאלב פון זיך אליין . די רבנן האבען גילערונט אלע פסוקים וואס שטייען אין די תורה צו שאנד . פאר בעסערין מיר זיי צוא לייענען מיט א שענערין נאמען . עס שטייט ישגלנה . לייענען מיר ישכבנה . למחראות לייענען מיר למוצאות . רבי יהושע בן קרחה זאגט למחראות לייענען מיר לנחראות . ווייל דאס איז א שענדליכער ווארט אויף די עבודה זרה . מחראות איז טייטש א בית הכסא . דיא שטוב וואס

אין

בשמן מפני שהוא גנאי לעבודה זרה] . אמר רב נחמן כל ליצנותא אסירא בר מליצנותא דע"ז דשריא דכתיב (ישעיה מו) כרע בל קורס נבו וכתיב (שם) קרסו כרעו יחדו (לא יכלו מלט משא וגו') רבי ינאי אמר מהכא (הושע י) לעגלות בית און יגורו שכן שומרון כי אבל עליו עמו וכמריו עליו יגילו על כבודו כי גלה ממנו אל תקרי כבודו אלא כבדו . אמר רב הונא בר מנוח [משמיה דרב אחא בריה דרב איקא] שרי ליה לבר ישראל למימר לנכרי שקליה: לע"ז ואנחיה בשי"ן תי"ו שלך [אמר רב אשי] האי מאן דסאני שומעניה שרי ליה לבזוייה בגימ"ל ושי"ן . והאי מאן דשפיר שומעניה שרי ליה לשבוחי ומאן דשבחיה ינוחו לו ברכות על ראשו:

קירס . לשון מולית רעי : לעגלות בית און . נקט כמו שכ הכתוב (לעגלי) [על עגלי] בית (אל) [און] יגורו שכיכס שבשומרון כי אבל עליו על העגל : וכמריו עליו יגילו . אשר היו רגילין לשמוח מלפנים עתה יתאבלו על כבודו כי גלה ממנו : אלא כבדו . כובד מעיו של רעי (סהיה) [השם] בו וכובד שבבטניו ודוגמתו בישעיה קרסו כרעו יחדו ולא יכלו מלט משא הוא משא הרעי ורבותי מפרשין וכמריו עליו יגילו ממש שהיו שמחים בהיכל (משאו) [משאוי שלהן] לבל אין לפרש כן שהעגל כולו נלקח כאחד שנטלו סנחריב : שי"ן תי"ו . לשון וחפוסי בת עזות מלרים : דסאני שומעניה . שיוצאים עליו שמועות רעות וזו שנוהות שהוא נואף : בגימ"ל ושי"ן . בר גיורת פירוש זונה : שמא סריא . שם מוסרח כך הוא בת' הגאונים מותר לבזות גם את אמו שילדתו (בר גיורתא תרגום ירושלמי כאותה והמולפה גיורתא וגיורתאי) ורבותי מפרשים גייפא סניה . (גייפא לשון בעטי בגוף בפרק הנושא ואמר זנות) :

## בני העיר פרק רביעי

(דף מ) א כתיב (דברים לג) לבנימין אמר ידיד ה' ישכון לבטח עליו חופף עליו כל היום בגמרא הביאו פלוגתא דתנאי בענין אם ירושלים נתחלקה לשבטים ·

אין איר איז געשטאנען די עבודה זרה , האט יהוא געמאכט פאר אבית הכסא . רב נחמן זאגט אלע ליצנות איז אסור . מען טאר ניט לאכען פון קיין זאך . נאר פון עבודה זרה מעג מען לאכען . וואררום עס שטייט אין פסוק כרע בל קרס נבו . די עבודה זרה בל אונ די עבודה זרה נבו האבען געקניט אונ האבען זיך גיזעצט די צואה זאל פון זיי ארויס גיין . נאך שטייט אין פסוק קרסו כרעו יחדו . זייא האבען אלע צו זאמען געקניט דיא צואה זאל פון זיי ארויס גיין . לא יכלו מלט משא . ווייל זייא האבען ניט געקענט דער טראגען אין בויך דיא שווערקייט פון די צואה. אזוי האט דער נביא גילאכט פון דיא עבודה זרה . רבי ינאי זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג לאכען פון עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק לעגלות בית און יגורו שכן שומרון . די מענטשין וואס וואוהנען נאנט פון שומרון האבען זיך פערזאמעלט צוא דיא קעלבער פון בית און . כי אבל עליו עמו . ווייל דאס פאלק האט געטרויערט אויף די קעלבער . וכמריו עליו יגילו . אונ דיא כומרים וועל זיך פרייען . על כבודו כי גלה ממנו . זאלסט ניט לייענען כבודו . זיין כבוד . נאר זאלסט לייענען כבדו , זיין שווערקייט . די כומרים וועלען זיך פרייען וואס די צואה איז ארויס גיגאנגען פון די עבודה זרה . וועט זיי זיין גרינגער צו טראגען איר . אזוי לאכט דער נביא פון דיא עבודה זרה מיט אירע כומרים . רב הונא בר מנוח האט גזאגט פון רב אחא בריה דרב איקאס וועגין . איטר מעג זאגען צו אגוי נעם דיין עבודה זרה אונ לייג זי אריין אין דיין שי"ן תי"ו . שי"ן תי"ו מאכט שת . שת איז טייטש אערוה . רב אשי זאגט דער מענטש וואס מען הערט אויף איהם מיאוסה רייד אז ער איז מזנה . מעג מען איהם פאר שעמען מיט דעם גימ"ל אונ מיט דעם שי"ן . מעג מען איהם רופען גייפא שטיא . דוא נארעשער נואף . אונ דער מענטש וואס מען הערט אויף איהם שיינע רייד . מעג מען אים לויבען . אונ דער וואס לויבט איהם זאל קומען ברכות אויף זיין קאפ :

## פרק רביעי

א כתיב . אין פסוק שטייט משה רבינו האט גזאגט צו בנימין ער איז געליבט פון גאט , ער וועט רוהען פאר זיכערט אויף גאט . גאט וועט בדעקן אויף איהם אגאנצען טאג . די גמרא

זאגט

לשבטים או לא. תנא אחד סובר שנתחלקה לשבט יהודה ולשבט בנימין דתניא מה היה בחלקו של יהודה הר הבית והלשכות והעזרות ומה היה בחלקו של בנימין אולם והיכל ובית קדשי הקדשים ורצועה היתה יוצאה מחלקו של יהודה והיתה נכנסה בחלקו של בנימין ובה מזבח בנוי והיה בנימין הצדיק מצטע־עליה כל יום לבלעה שנאמר (שם) חופף עליו כל היום ולפיכך זכה בנימין הצדיק ונעשה אושפיזכאן לשכינה שנאמר ובין כתפיו שכן ותנא אחד סובר לא נתחלקה ירושלים לשבטים דתניא אין משכירין בתים בתוך ירושלים לפי שאינן שלהם רבי אלעזר בר צדוק אומר אף לא כמית לפיכך עורות קדשים בעלי אושפיזין נוטלין אותן בזרוע. אמר אביי ש"מ אורח ארעא למשבק איניש גולפא ומשכא לאושפיזא:

(שם ע"ב) **אמר** מר זוטרא מטפחות ספרים שבלו עושין אותן תכריכין למת מצוה וזו היא גניזתן ואמר רבא ספר תורה שבלה גונזין אותו אצל תלמיד חכם ואפילו

אין משכירין בתים. פי' כשעולין לרגל אין משכירין להם לא בתים ולא מטות אלא נכנסין לתוך הבתים בחנם ונוטלין מהמטות: לפיכך עורות קדשים. כ"ל תודות ושלמים שמתנדבים עולי רגלים והעורות הם שלהם: בעלי אושפיזין נוטלים אותם בזרוע. פירש הריטב"א מכוס שכר מטות: גולפא. קנקן של חרס שהמים בו: ומשכא. אם שחט בהמה: מטפחות ספרים. אף של ס"ת: ואפילו שונה הלכות. כלומר אפילו לא שמש תלמידי

---

נאר תנאים קריגען אויב ירושלים איז צו טיילט געווארען צו שבטים. אדער ניין. איין תנא האלט ירושלים געהער צום שבט יהודה אונ צום שבט בנימין וואר-ום מיר האבען געלערנט וואס איז געוועז אין יהודהם חלק. דער בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם געשטאנען. אונ די אלע שטובען אונ דיא אלע הויפען וואס האבען געקערט צום בית המקדש. אונ וואס איז געוועז אין בנימינס חלק. דער אולם אונ דער היכל אונ דער קדשי קדשים. אונ א פאס ערד איז ארויס געגאנגען פון יהודהם חלק אונ איז אריין געגאנגען אין בנימינס חלק: אונ אויף דעם פאס ערד איז געוועז געבאהט דער מזבח. אונ בנימין הצדיק האט געהאט גרויס צער אויף דער זאך וואס דער מזבח איז ניט געבאהט אין זיין חלק. אלע טאג האט ער געוואלט איין שלינגען דעם פאס ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חופף עליו כל היום. בנימין האט זיך געקלאצט פאר צער אגאנצען טאג. דריבער האט בנימין הצדיק זוכה געוועז אונ ער איז געווארען א בעל הבית ביי גאט. גאט וואוהנט ביא בנימין הצדיק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט רוהט צווישען זיינע אקסלען דער ארון אונ דער כפורת וואס אויף איהם רוהט דיא שכינה. איז געשטאנען אין חלק פון בנימין. אונ איין תנא האלט ירושלים איז ניט צו טיילט געווארען צו די שבטים. נאר ירושלים געהער צו אלע יודען. אזוי וויא מיר האבען געלערנט מען פאר דינגט ניט קיין הייזער אין ירושלים צו די יודען וואס זענען געקומען אין ירושלים אויף יום טוב. ווייל די הייזער געהערין ניט צו דיא מענטשין וואס וואוהנען אין ירושלים אגאנץ יאהר. נאר דיא מענטשין וואס קומען אין ירושלים אויף יום טוב וואוהנען אין די הייזער אומזיסט. רבי אליעזר בר צדוק זאגט בעטין צום שלאפען פאר דינגט מען אויך ניט. נאר זיי נעמען אומזיסט. דריבער נעמט דער בעל הבית וואס דער גאסט איז ביי איהם איין געשטאנען די פעל פון די קרבנות וואס דער גאסט האט מקריב געוועזן. אונ אויב דער גאסט וויל ניט געבין. נעמט דער בעל הבית מיט שטארקייט. ער מוז איהם געבין. ווייל ער האט איהם געגעבען אומזיסט בעטין צום שלאפען. אביי האט געזאגט פון דאנען לערנען מיר אז א גאסט איז ביי א בעל הבית. דארף ער עפעס לאזען דעם בעל הבית. דעם קרינול וואס ער האט גענוצט. אונ אויב דער גאסט האט געשאכטען א בהמה. דארף ער געבין דעם בעל הבית דיא פעל פון די בהמה:

**ב** אמר. מר זוטרא האט געזאגט די קליידער וואס אין זייא איז געוועז איין געוויקעלט ספרים. אפילו א ספר תורה. אונ זייא זענען שוין אלט געווארען. אויב מען האט געפונען א מת אין פעלד. מעג מען מאכען פון די קליידער תכריכים צו דעם געפונענעם מת. אונ דאס איז די באהאלטונג צו די קליידער. נאך האט רבא געזאגט א ספר תורה וואס איז אלט געווארען

אונ

ואפילו שונה הלכות אמר רב אחא בר יעקב ובכלי חרס שנאמר (ירמיה לב) ונתתם בכלי חרש למען יעמדו ימים רבים :

(דף כז) **ג דרש** בר קפרא מאי דכתיב (מ"ב כה) וישרוף את בית ה' ואת בית המלך ואת כל בתי ירושלים ואת כל בית גדול שרף באש. בית ה' זה בית המקדש. בית המלך אלו פלטרין של מלך. ואת כל בתי ירושלים כמשמען. ואת כל בית גדול פליגי בה רבי יוחנן ורבי יהושע בן לוי חד אמר מקום שמגדלין בו תורה וחד אמר מקום שמגדלין בו תפלה. מאן דאמר מקום שמגדלין בו תורה דכתיב (ישעיה מב) יגדיל תורה ויאדיר ומאן דאמר מקום שמגדלין בו תפלה דכתיב (מ"ב ח) ספרה נא לי את כל הגדולות אשר עשה אלישע ואלישע כי עבד בתפלה הוא דעבד תסתיים דרבי יהושע בן לוי הוא דאמר מקום שמגדלין בו תורה דא"ר יהושע בן לוי בית הכנסת מותר לעשותו בית המדרש תסתיים :

**ד איבעיא** להו מהו למכור ספר תורה ישן ליקח בו חדש וכו']. ת"ש דאמר רבי יוחנן משום רבי מאיר אין מוכרין ספר תורה אלא ללמוד תורה ולישא

הכמים בלמודו בגמרא אלא במשניות וברייתות : וישרוף את בית ה'. בכתובתן כתיב : הספיים , זה סימן : מותר לעשותו בהמ"ד אלמא בהכ"נ הוי (בית) גדול : אלא ללמוד תורה. להתפרנס בו כשלומד תורה וקס"ד

---

און מען קען שוין ניט לייגען אין איר. בעהאלט מען זי אין דעם קבר פון א תלמיד חכם אפילו דער תלמיד חכם האט נאר געלערנט משניות. און גמרא האט ער ניט געלערנט. פון דעסטוועגן מעג מען בעהאלטען אין זיין קבר די ספר תורה. רב אחא בר יעקב זאגט מען זאל די ספר תורה אריין לייגען אין אערדענע כלי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי די מגילה פון ירמיה הנביא. איר זאלט אריין טאהן די פאפירען אין אערדענע כלי. זיי זאלען זיין גאנץ אלאנגע צייט יאהרין:

**ג** דרש. בר קפרא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק נבוזראדן האט פאר ברענט די שטוב פון גאט. און דיא שטוב פון מלך. און אלע שטובין פון ירושלים. און אלע גרויסע שטובען האט ער פאר ברענט אין פייער. די שטוב פון גאט מיינט מען דעם בית המקדש. די שטוב פון מלך מיינט מען אלע גרויסע זאאלין פון מלך. און אלע הייזער פון ירושלים האט ער פאר ברענט. און אלע גרויסע שטובען וואס מיינט מען. אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט רבי יהושע בן לוי. איינער זאגט די שטוב האט מען גירופען אגרויסע. וייל מען האט אין איר גילערנט תורה. און איינער זאגט דיא שטוב האט מען גירופען אגרויסע. וייל מען האט אין איר גידאווינט. דער וואס זאגט אז דיא שטוב רופט מען אגרויסע ווייל מען האט אין איר גילערנט תורה. ווארום ביי התורה שטייט דערווארט גרויס, עס שטייט אין פסוק יגדיל תורה ויאדיר. גאט וועט גרויס מאכען דיא התורה און וועט איר שטארקין. און דער וואס זאגט אז די שטוב רופט מען גרויסע ווייל מען האט אין איר גידאווינט. ווארום תפלה ווערט גירופען גרויס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך האט גזאגט צו גיחזי דער צייל מיר די אלע גרויסע זאכען וואס אלישע האט גיטאהן. און אלישע האט גיטאהן די אלע זאכען דורך תפלה. זאגט די גמרא דער וואס זאגט אז די שטוב רופט מען אגרויסע וייל מען האט אין איר גילערנט תורה. דאס איז רבי יהושע בן לוי. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון אשוהל וואס מען דאווינט אין איר מעג מען מאכען א בית המדרש צום לערנען תורה. איז דאך תורה לערנען גרעסער ווי דאווינען?

**ד** איבעיא להו. מען האט גיפרעגט אין בית המדרש אויב מען מעג. פאר קויפען אאלטע ספר תורה און קויפען פאר דעם געלט אנייע ספר תורה. זאגט די גמרא רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין מען טאר ניט פאר קויפען א ספר תורה נאר עס זיי ער האט דאס געלט צום עסין ווען ער וועט לערנען תורה. אדער עס דארף די געלט אויף חתונה דארף די געלט צום עסין ווען ער וועט לערנען תורה. אדער עס דארף די געלט אויף חתונה

או

דפוה הדין לקנות ס"ת : שאינו צריך לו . שיש לו אחר . אינו רואה סימן ברכה לעולם . מאותן הדמים :

במה הארכת ימים . באיזה זכות : (בד' אמות של תפלה . לאחר זמן) : כפה . כעיף : אסר ריתא . הנוי עבר מין גמי : דהפוס כבירלאי . סהוס ומכוסה במעילים . סהמוס פלמתים תרגום

ולישא אשה שמע מינה תורה בתורה שפיר דמי דילמא שאני תלמוד שהתלמוד מביא לידי מעשה אשה נמי (ישעיה מה) לא תהו בראה לשבת יצרה אבל תורה בתורה לא. תנו רבנן לא ימכור אדם ספר תורה אע"פ שאינו צריך לו יותר על כן אמר רבן שמעון בן גמליאל אפילו אין לו מה יאכל ומכר ספר תורה או בתו אינו רואה סימן ברכה לעולם :

(שם פ"ג) **ה שאלו** תלמידיו את רבי זכאי במה הארכת ימים אמר להם מימי לא השתנתי מים בד' אמות של תפלה ולא כניתי שם לחבירי ולא בטלתי קידוש היום אימא זקנה היתה לי פעם אחת לא היה לי קדוש מכרה כפה שעל ראשה והביאה לי קדוש היום תנא כשמתה היא הניחה לו שלש מאות גרבי יין כשמת הוא הניח לבניו שלשת אלפים גרבי יין רב הונא הוה אסר ריתא וקאי קמיה דרב אמר ליה מאי האי המיינך היכא) אמר ליה לא הוה לי חמרא לקדושה ומשכנתיה להמיינאי ואתיתי ביה יין קדוש א"ל יהא

---

צו האבען . איז דאך געווים אזוי וויא מען מעג פאר קויפען אספר תורה צו לערנען תורה. אזוי מעג מען פאר קויפען אספר תורה צו קויפען איין אנדער ספר תורה. זאגט די גמרא טאמער ניין. מען זאל פאר קויפען אספר תורה צום לערנען תורה. מעג מען יא. ווארום לערנען תורה איז אגרויסע מצוה. אז מען לערנט תורה ווייס מען וויא אזוי צו טאהן מצות. אונ פאר קויפען אספר תורה חתונה צו האבען מעג מען אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט ניט בשאפען די וועלט זיא זאל זיין וויסט. ער האט איר בשאפען זי זאל בזעצט ווערין מיט מענטשין. דריבער בארף מען חתונה האבען מען זאל האבען קינדער. אבער פר קויפען אספר תורה מען זאל פאר דעם געלט קויפען איין אנדער ספר תורה. קען זיין אז מען טאר ניט. דיא רבנן האבען גילערונט אמענטש טאר ניט פאר קויפען אספר תורה. אפילו ער דארף זיא ניט. נאך מער האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אפילו ער האט ניט גיהאט וואס צו עסין אונ ער האט פאר קויפט אספר תורה. אדער ער האט פאר קויפט זיין טאכטער. וועט ער קיין מאהל ניט זעהן קיין ברכה פון דעם געלט :

**ה שאלו**. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביא רבי זכאי דורך וועלכע מצוה האסטו חכה גיוועז צו לעבין לאנג. האט רבי זכאי צו זייא גזאגט אז איך האב גיוואוינט אונ אין מיטען דאווענען אדער באלד נאך דעם דאווענען האב איך גידארפט משתין זיין. בין איך אוועק גיגאנגען פון דעם ארט וואס איך האב גידאווינט פיר איילען ווייט. אונ דארט האב איך משתין גיוועזן. אונ אין דיא פיר איילען האב איך ניט משתין גיוועזן ואנ אפילו איך האב גיוואַרט נאך דעם וויא איך האב אפ גזאגט די ווערטער פון דאווענען. וויא מען קען גיין פיר איילען. פון דעסטוועגין האב איך אויך ניט משתין גיוועזן אין דיא פיר איילען פון דעם ארט וואס איך האב גידאווינט. ועיין גמרא מגלה כ"ז ע"ב אר"י א"ש מותר לאדם כו'. ורש"י ד"ה בד"א, ותו' ד"ה לאו. אונ איך האב ניט גירופען קיין מענטשין מיט זיין ביא נאמען. אפילו מיט אזוי אביי נאמען וואס יענער שעמט זיך ניט. אונ איך האב אייביג גימאכט קידוש אויף וויין. אונ האב איין מאהל ניט גיפעלט. אמאהל האב איך פרייטאג ניט גיהאט געלט צו קויפען וויין אויף קידוש. אונ איך האב גיהאט אאלטע מוטער. האט זיא פאר קויפט איר שלייער פון קאפ אונ האט מיר גיבראכט וויין אויף קידוש. זאגט די גמרא מיר האבען גילערונט ווען דיא אלטע מוטער זיינע איז גישטארבען. האט זי איהם גילאזען דריי הונדערט פעסער וויין. אונ אז ער איז גישטארבען האט ער גילאזען צו זיינע קינדער דריי טויזענד פעסער וויין. זייא זענען בזידע רייך גיווארען. רב הונא איז אמאהל גיוועזן גיגארטלט מיט אנארטער פון ווייבע קארע אונ איז גישטאנען פאר רב. האט רב גזאגט צו רב הונא וואו איז דיין גארטיל. האט

הא רעוא דתיטום בשיראי כי איכלל רבה בריה דרב הונא איניש גוצא הוה עייל גנא אפוריא אתאן בנתיה וכלתיה שלחן מאני ושדיין עילויה עד דאיטום בשיראי ואתא רב יוסף אשכחיה אמר ליה אקיים בך ברכתיה דרב) כי שמע רב איקפד אמר אמאי לא אמרת לי כי ברכתיך וכן למר . שאלו תלמידיו את רבי אלעזר בן שמוע במה הארכת ימים אמר להם מימי לא עשיתי בית הכנסת קפנדריא ולא פסעתי על ראשי עם קודש ולא נשאתי כפי בלא ברכה . שאלו תלמידיו את רבי פרידא במה הארכת ימים אמר להם מימי לא קדמני אדם לבית המדרש ולא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה (דף כח) ולא ברכתי בפני כהן למימרא דמעליותא הוא והאמר (רבה בר בר חנה א"ר יונתן) [יוחנן] כל תלמיד חכם שמברך לפניו כ"ג עם הארץ אותו

סמיון : כי אכלל . כשנכנס לחופה : (שלחן) . כיו פוספות בגדיהם : וכן למר . אף אתה תהא מבורך בכך במה כ"פ צת רצון ונתקיים אף כי : קפנדריא . מקצר הלוכו דרך בית הכנסת : ולא פסעתי על ראשי עם קודש . כשהיו התלמידים יושבים בבית המדרש על גבי קרקע המהלך דרך מסיבתן לשבת במקומו נראה כפוסע על ראשיהם : ולא נשאתי את כפי . לדוכן לברך ברכת כהנים בלא ברכה שהכהנים צריכין לברך ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו בקדושתו של אהרן וכו' במסכת סוטה: מתנותיה . הזרוע והלחיים והקיבה : ולא ברכתי . בסעודה : לפני כהן . דאמר מר וקדשתו לכל דבר

רב הונא גזאגט איך האב ניט גיהאט קיין געלט צו קויפען וויין אויף קידוש . האב איך גיגעבין אמשכון מיין גארטעל אונ האב גיבארגט וויין אויף קידוש . האט רב גזאגט צו רב הונא עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דוא זאלסט זיין בדעקט מיט זיידענע קליידער . ווען רבה דער זוהן פון רב הונא האט חתונה גיהאט . איז גיגאנגען רב הונא אונ האט זיך גילייגט שלאפען אויף אבעט . אונ ווייל רב הונא איז גיוועזען אקליינער . האט מען ניט גיזעהן אז ער ליגט אויף דעם בעט . דער וייל זענען גיקומען די טעכטער אונ די שניר פון רב הונא אויף דער חתונה . אונ האבען אויס גיטאהן זייערע זיידענע קליידער אונ האבען ארויף גילייגט אויף דעם בעט וואס רב הונא איז גילעגין . איז רב הונא בדעקט גיווארען מיט די זיידענע קליידער אזוי ווי די ברכה פון רב איז גיווען . אז רב הונא וועט רייך ווערין אונ וועט מאכען זיידענע קליידער פאר זיינע קינדער . אז רב האט גיהערט זיין ברכה איז מקוים גיווארען איז ער אין כעס גיוועזען אויף רב הונא . אונ ער האט גזאגט צו רב הונא ווען איך האב דיך גיבענשט פאר וואס האסטו ניט גזאגט דער רבי זאל איך אזוי גיבענשט ווערין . אז דיא צייט איז גיוועזען אגוטע דיא תפלה זאל אנגינומען ווערין . וואלט זי אן גינומען ווערין פון מיינעט וועגין אויך . וואלט איך אויך רייך גיווארין . די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי אלעזר בן שמוע דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזען צו לעבין לאנג . האט רבי אלעזר גזאגט איך האב קיין מאהל ניט גימאכט די שוהל פאר אדורכגאנג . אז אין דיא שוהל איז גיוועזען צוויי טירען . איינע איז גיוועזען האפען אין איין גאס . אונ דיא אנדערע טיר איז גיוועזען האפען אין איין אנדער גאס . אונ איך האב גידארפט גיין פון איין גאס אין די אנדערע . בין איך ניט גיגאנגען דורך דיא שוהל צו פאר קירצען מיין וועג . אונ איך האב ניט גיטרעטין אויף די קעפ פון דאס היילינגע פאלק . אז די תלמידים זענען גיזעסין אין בית המדרש אויף די ערד . בין איך ניט גיגאנגען דורך זיי . ווייל עס וואלט אוים גיזעהן אזוי וויא איך טרעט אויף זייערע קעפ . נאר איך בין גיגאנגען ארום זיי פון ווייטינס . ביז איך בין גיקומען צו מיין ארט . אונ איך האב ניט אויף גיהויבען מיינע הענט צום דוכנען אן אברכה . נאר פריער האב איך גזאגט די ברכה אשר קדשנו וכו' . די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי פרידא דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזען צו לעבין לאנג . האט רבי פרידא גזאגט איך בין איביג גיוועזען דער ערשטער צו קומען אין בית המדרש . אונ איך האב קיין מאהל ניט גיגעסין פון אבהמה איידער מען האט גיגעבין פון איר די מתנות ודי פאדערשטע פאלקע אונ דיא באקין אונ דעם מאגען צום כהן . אונ אז איך בין גיזעסין ביי אסעודה אונ דארט איז גיוועזען אכהן . האב איך קיין מאהל ניט גיבענשט . נאר איך האב גילאזט דער כהן זאל בענטשין . פרעגט די גמרא האט דען רבי פרידא גוט גיטאהן . רבי יוחנן האט דאך גזאגט

שבקוטס נפתח ראשו ולבכך ראשון : משניאי . שגורמין לבני אדם לשנאתו שבראותה תלמיד חכם שפל נפשי עם הארץ אומר אין נחת רוח בתורה : לא נתכבדתי וכו' . מפרש לה והולך : מרא . פורי"ם בלע"ז : וקא שקיל מיניה . לכבדו ויבאנה כותל דרית במאתיך . אתה משא כלי כזה בעירך : גוואי . סריסין היו עבדים מסרסים אותו וקא מחו

אותו תלמיד חייב מיתה שנאמר (משלי ח) כל משנאי אהבו מות אל תקרי משנאי אלא משניאי כי קאמר איהו נמי בשוין :

ו **שאלו** תלמידיו את רבי נהוניא בן הקנה במה הארכת ימים אמר להם מימי לא נתכבדתי בקלון חברי ולא עלתה עמי קללת חברי על מטתי ותרן הייתי בממוני לא נתכבדתי בקלון חברי כי הא דרב הונא דרי מרא אכתפיה אתא רב חנא בר חנילאי וקא שקיל מיניה אמר ליה אי רגילת דדרית במאתיך דרי ואי לא איתיקורי אנא בזילותיה דידך לא ניחא לי ולא עלתה על מטתי קללת חברי כי הא דמר זוטרא כי הוה סליק לפורייה אמר שרי ליה לכל מאן דצערן . ותרן בממוני הייתי דאמר מר איוב ותרן בממוניה הוה שהיה מנית פרוטה לתנוני מממוניה . שאל רבי עקיבא את רבי נחוניא הגדול (אמר ליה) במה הארכת ימים אתו גוזאי קא מחו ליה סליק יתיב אדיקלא אמר ליה רבי

---

אז אתלמיד חכם הייסט דעם כהן ער זאל בענטשין . אפילו ער איז אכהן גדול . אויב ער איז אעם הארץ . איז דער תלמיד חכם חייב מיתה . ווארום עס שטייט אין פסוק כל משנאי אהבו מות . דוא זאלסט ניט לייענען משנאי . נאר זאלסט לייענען משניאי . דיא תורה זאגט די מענטשין וואס פאר פיינדין מיך ביי אנדערע מענטשין . האבען ליב דעם טויט . ווען גישטראפט ווערין מיט דעם טויט . אונ אז מענטשין זעהן דער תלמיד חכם גיט כבוד צו דעם עם הארץ . אפילו דער עם הארץ איז אכהן גדול : זאגען מענטשין אז די כהונה איז גרעסער וויא די תורה . דריבער מוז אתלמיד חכם ווייזען אז עס איז גיטא קיין זאך גרעסער וויא די תורה . ענטפערט די גמרא רבי פרידא שמועסט ווען דער כהן איז גיוועזן אזוי אתלמיד חכם וויא ער . האט ער גיגעבין דאס בענטשין צום כהן :

ו **שאלו** . די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי נחוניא בן הקנה דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזן צו לעבין לאנג . האט רבי נחוניא גיזאגט איך האב ניט גינומען פאר מיר כבוד דורך מיין חברים שאנד . אונ עס איז ניט ארויף גיגאנגען מיט מיר אויף מיין בעט די קללה פון מיין חבר . אונ איך האב גישיינקט פון מיין געלט . זאגט דיא גמרא וואס מיינט רבי נחוניא איך האב ניט גינומען פאר מיר כבוד דורך מיין חברים שאנד . אזוי וויא עס איז גיוועזן ביי רב הונא . רב הונא האט אמאהל גיטראגען ארידעל אויף זיין אקסעל . איז גיקומען רב חנא בר חנילאי אונ האט צו גינומען דעם רידעל פון רב הונא ער זאל איהם טראגען . ווייל עס איז ניט שיין אזוי אתלמיד חכם ווי רב הונא זאל טראגען ארידעל אין שטאט . האט רב הונא גיזאגט צו רב חנא אויב דוא ביסט גיוואוהנט צו טראגען דיין רידעל אויך אין שטאט . טראג מיינעם אויך אויב דוא ווילסט . אויב דיין רידעל טראגסטו ניט . ווייל דוא שעמסט דיך . ווילסטו דיך פאר שעמען דורך מיין כבוד . איך זאל האבען כבוד דורך דיין חרפה וויל איך ניט . אונ וואס האט גימיינט רבי נחוניא וואס ער האט גיזאגט עס איז ניט ארויף גיגאנגען מיט מיר אויף מיין בעט די קללה פון מיין חבר . אזוי וויא מר זוטרא פלעגט טאהן . אז מר זוטרא איז ארויף גיגאנגען אויף זיין בעט שלאפען . האט ער גיזאגט איך בין מוחל צו אלע מענטשין וואס האבען מיר שלעכטס גיטאהן : וואס האט רבי נחוניא גימיינט וואס ער הט גיזאגט איך האב גישיינקט פון מיין געלט . אזוי וויא איוב האט גיטאהן . דער תנא הט גיזאגט איוב פלעגט אויך שיינקען פון זיין געלט . אז איוב האט גיגעבין למשל אנגראשין צו אקרעמער . אונ ער האט נאר גיקויפט סחורה ביי דעם קרעמער פאר אהאלבען גראשין . פלעגט ער לאזין דעם אנדערין האלבען גראשין ביים דעם קרעמער אונ פלעגט ניט נעמען ארעשט . רבי עקיבא האט גיפרעגט ביי רבי נחוניא הגדול דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזן צו לעבין לאנג . זענען גיקומען די קנעכט אונ האבען גישלאגען רבי עקיבאן . זיי האבען גימיינט אז

רבי

דבי אם נאמר (במדבר כח) כבש למה נאמר אחד (ומאי אחד) אמר ליה [אחד] מיוחד שבעדרו. אמר להו צורבא מרבנן הוא שבקוהו דליתי. אמר ליה מימי לא קבלתי מתנות דכתיב (משלי טו) ושונא מתנות יחיה. ולא עמדתי על מדותי דאמר רבא כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו שנאמ (מיכה ז) נושא עון ועובר על פשע למי נושא עון למי שהוא עובר על פשע:

ליה לר"ע סבורין היו שמיס קן נתיו: הב גאמר כבש. אם סכבש אחד העגנה בבקר: ולא עמדתי על מדותי. לשלם גמול רע למי של עליו: וללמוד אני לריך. אוני אוכל לקיים: לגולה פני יהושפט. אלישע אמר כן ליהורם בן אחאב:

ו שאל רבי את רבי יהושע בן קרחה במה הארכת ימים אמר ליה קצת בחיי אמר ליה רבי תורה היא וללמוד אני צריך אמר ליה מימי לא נסתכלתי בצלם דמות אדם רשע דאמר רבי יוחנן (משום ר"ש בן יוחאי) אסור לאדם להסתכל בצלם דמות אדם רשע שנאמר (מ"ב ג) כי לולא פני יהושפט מלך יהודה אני נושא אם אביט אליך ואם אראך אמר רבי אלעזר עיניו כהות שנאמר (בראשית כז) ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות משום דאסתכל ביה בעשו הרשע והא גרמא ליה והא אמר רבי יצחק לעולם אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך שהרי אבימלך קלל את שרה ונתקיים

---

רבי עקיבאן פאר דריסט וואס רבי נחוניא לעבט אזוי לאנג. איז רבי עקיבא ארויף גיגאנגען אויף אבוים אונ האט גזאגט צוא רבי נחוניא. רבי. אז אין פסוק שטייט כבש. אשעפס. ווייסען מיר אז מען מיינט איין שעפס. צו וואס שטייט דער ווארט אחד. איינער. האט רבי נחוניא גזאגט אחד מיינט מען ניט איינער. נאר מען מיינט דער שעפס זאל זיין דער בעסטער פון זיין סטאדע. האט רבי נחוניא גזאגט צו זיינע קנעכט דער מענטש איז אלמדן לאזט אים ער זאל קומען צו מיר. האט רבי נחוניא גזאגט צו רבי עקיבא איך האב קיין מאהל ניט גיוואלט נעמען קיין מתנה. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס האט פיינט מתנות וועט לעבען. אונ איך בין ניט גישטאנען אויף מיינע מדות. אז אמענטש האט מיר גיטאהן שלעכטס. האב איך איהם מוחל גיוועזן אונ האב איהם ניט גיטאהן צוריק שלעכטס. ווארום רבא האט גזאגט דער וואס גייט אריבער זיינע מדות. ער איז מוחל דיא עבירות וואס מען טוהט צו איהם. איז איהם גאט מוחל די אלע עבירות וואס ער טוהט פר גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נושא עון ועובר על פשע. צוא וועמען איז גאט מוחל דיא עבירות. צוא דעם מענטש וואס ער איז מוחל דיא עבירות וואס אנדערע מענטשין האבען גיטאהן צו איהם:

ז שאל. רבי האט גיפרעגט ביי רבי יהושע בן קרחה. דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזן צו לעבין לאנג. האט רבי יהושע גזאגט צו רבי דוא האסט פאר מיאוסט מיין לעבין. עס פאר דריסט דיך וואס איך לעב אזוי לאנג. האט רבי גזאגט דאס איז תורה אונ איך וויל לערנען טאמער וועל איך אויך קענען מקיים זיין די מצות וואס דו טוהסט וועל איך אויך לאנג לעבין. האט רבי יהושע גזאגט איך האב קיין מאהל ניט גיקוקט אויף דעם פנים פון ארשע. ווארום רבי יוחנן הט גזאגט אמענטש טאר ניט קוקען אויף דעם פנים פון ארשע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלישע הנביא האט גזאגט צו יהורם. ווען יהושפט מלך יהודה וואלט דא ניט גיוועזן. וואס איך קוק נאר אויף איהם. וואלט איך אויף דיר יהורם גאר ניט גיוואלט קוקען אונ וואלט דיך גאר ניט גיזעהן. רבי אלעזר זאגט דער וואס קוקט אויף דעם פנים פון ארשע ווערין איהם טונקעל זיינע אויגען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז יצחק איז אלט גיווארען זענען איהם טונקעל גיווארען זיינע אויגען פון צו זעהן. ווייל ער הט גיקוקט אויף דעם רשע עשו. פרעגט די גמרא איז דען יצחק בלינד גיווארען ווייל ער האט גיקוקט אויף עשו. רבי יצחק האט דאך גזאגט די קללה פון אפראסטען מענטשין זאל ניט זיין גרינג ביי דיר. ווארום אבימלך הט גישאלטן שרה איז די קללה מקוים גיווארען ביי איהרע קינדער.

כגאים אהריך כהמה ירעו . כאמיה כלומר הין סוב לך לחיות ימים רבים כמוני שאע"כ לא יעלו בניך גדולה והתה בפיה והם יכין כל ימותה כדיוטית : ולא ככהרתי . ד"ת : בלא תורה . גרם .י בגורה כפי המיד : בתכינתו . אם כיגו תכיריו לו שם לגנאי : ואמרי לה בתגיכתו . אפילו אותו כינוי

ונתקיים בזרעה שנאמר (שם כ) הנה הוא לך כסות עינים אל תקרי כסות אלא כסיות. (וכתיב ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו) הא והא גרמא ליה. רבא אמר מהבא (משלי יח) שאת פני רשע לא טוב. בשעת פטירתו אמר ליה ברכני אמר ליה יהי רצון שתגיע לחצי ימי ולכולהו לא. אמר ליה הבאים אחריך בהמה ירעו. [אבוה בר איהי ומנימין בר איהי חד אמר תיתי לי דלא אסתכלי בנכרי וחד אמר תיתי לי דלא עבדי שותפות בהדי נכרי] שאלו תלמידיו את רבי זירא (ואמרי לה את רב אדא בר אהבה) במה הארכת ימים אמר להם מימי לא הקפדתי בתוך ביתי ולא צעדתי בפני מי שגדול ממני ולא הרהרתי במבואות המטונפות ולא הלכתי ד' אמות בלא תורה ובלא תפילין ולא ישנתי בבית המדרש לא שינת קבע ולא שינת עראי ולא ששתי בתקלת חברי ולא קריתי לחברי בחכינתו ואמרי לה בהניכתו :

ועוד

---

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הנה הוא לך כסות עינים. זאלסט ניט לייענען כסות. נאר זאלסט לייענען כסיות. אפאר דעקונג אויף דיינע אויגען. דיינע אויגען זאלען דיר פאר דעקט ווערין דו זאלסט ניט קענען זעהן. אונ די קללה איז מקוים געווארען אויף יצחק. ער איז בלינד געווארען. ענטפערט די גמרא דורך ביידע זאכען איז ער בלינד געווארען. ווייל ער הט גיקוקט אויף דעם פנים פון עשו. דריבער איז אויף איהם מקוים געווארען די קללה פון אבימלך. רבא זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען טאר ניט קוקען אויף דעם פנים פון א רשע. שלמה המלך האט גזאגט שאת פני רשע לא טוב. צו קוקען אויף דעם פנים פון א רשע איז ניט גוט. איידער רבי איז אוועק גיגאנגען האט ער גזאגט צו רבי יהושע. בענטש מיך. האט רבי יהושע גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דו זאלסט לעבין ביז העלפט יאהרען וואס איך האב גילעבט. האט רבי גזאגט אונ ווי דיינע אלע יאהרין זאל איך ניט לעבין. פאר וואס ניט. הט רבי יהושע גזאגט צו רבי אונ דיינע קינדער זאלען פיטערין בהמות. אז דוא וועסט לעבין אזוי לאנג ווי איך: וועלען דיינע קינדער קיין מאהל ניט רייך זיין. וועלען זיי מוזען פיטערין בהמות. אבער אז דוא וועסט שטארבען צו דיין צייט. וועלען דיינע קינדער ירשען דיין פאר מעגין וועלע זיי רייך זיין. אונ איינער וועט ירשען דיינע נשיאות. אבוה בר איהי אונ מנימין בר איהי. איינער האט גזאגט מיר זאל ביי שטיין דיא מצוה וואס איך האב קיין מאהל ניט גיקוקט אויף א גוי. אונ איינער האט גזאגט מיר זאל ביי שטיין דיא מצוה וואס איך האב קיין מאהל ניט גימאכט שותפות מיט א גוי. די תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי זירא דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזן צו לעבין לאנג. האט רבי זירא גזאגט איך בין קיין מאהל ניט אין כעס גיוועזן אויף מיינע שטוב מענטשין. אונ איך בין קיין מאהל ניט גיגאנגען פריער אפילו איין טריט פאר דעם מענטשין וואס איז גיוועזן אגרעסערער למדן פון מיר. אונ אז איך בין גיגאנגען אין מיאוסה גאסען. האב איך מיך גערהיט איך זאל ניט טראכטען אין דער תורה. אונ אז איך בין גיגאנגען אויף ריינע ערטער. בין איך ניט גיגאנגען פיר איילען אן תורה אונ אן תפילין. אונ איך בין ניט גישלאפען אין בית המדרש. ניט פיל אונ ניט ווייניג. אפילו גדרוימעט אויך ניט. אונ אז מיין חבר איז גישטרויכעלט גיווארען ער הט ניט געוואוסט אדין. האב איך מיך ניט גיפרייט. איך האב ניט גילאכט פון איהם. אונ אז מענטשין האבען גיגעבען מיין חבר א מיאוסע ביי נאמען. האב איך איהם קיין מאהל ניט גירופען מיט דעם ביי נאמען. אונ אפילו די גאנצע משפחה האבען דעם ביי נאמען. האב איך אויך קיינעם ניט גירופען מיט דעם ביי נאמען (עיין מהרש"א) :

[ח משנה ועוד אמר רבי יהודה בית הכנסת שחרב אין מספידין בתוכו וכו' ואין עושין אותו קפנדריא שנאמר (ויקרא כז) והשמותי את מקדשיכם קדושתן אף כשהן שוממים וכו' : גמ'] תנו רבנן בתי כנסיות אין נוהגין בהן קלות ראש אין אוכלין בהן ואין שותין בהן (שם ע"ב) ואין נאותין בהן ואין מטיילין בהן ואין נכנסין בהן בחמה מפני החמה ובגשמים מפני הגשמים ואין מספידין בהן הספד של יחיד אבל קורין בהן ושונין בהן ומספידין בהן הספד של רבים אמר רבי יהודה אימתי בישובן אבל בחרבנן מניחין אותן ועולין בהן עשבים ולא יתלוש מפני עגמת נפש וכו' . אמר רבי אסי בית הכנסת שמחשבין בו חשבונות מלינין בו את המת סלקא דעתך לא סגיא דלאו הכי אלא לסוף שילינו בו מת מצוה :

ט רבינא ורב אדא בר מתנה הוו קיימי ושאלי שאלתא מרבא אתא זילחא דמיטרא עיילי לבית הכנסת אמרי האי דעיילינן לבית הכנסת לאו משום מטרא אלא משום דשמעתא בעיא צילותא כיומא דאסתנא:

(במסודר) וכן גו ממשפחתו של יוסי (למשפחה) כמו (כתב) חניכתו והניכתו במסכת גיטין : ואין נאותין . ואין מתקשטין לתוכו ואין מטיילין בה : הספד של רבים . של ת"ח במת שצריכין להתאסף ולהספידו ובית הכנסת ראוי לכך לפי שהוא בית גדול : מלינין בו . משמע דמוכח היא להלין בו את המת : לסוף שילינו בו מת מצוה . שימותו בהם מתים שאין להם קוברין :
זילחא דמיטרא . זרם מים שבאים בבת : לאו משום מטרא . שיגן עלינו מפני הגשמים שאם לא היינו עוסקין בשמעתא לא היינו נכנסין : צילותא . דעת צלולה ומיושבת שאינו טרוד בשום מחשבה :

וממפידין

---

ח משנה . ועוד . נאך האט רבי יהודה גזאגט אז אשוהל איז אלט גיווארען אונ מען באווינט שוין ניט אין איר . טאר מען ניט זאגען אהספד אין די שוהל . אונ מען טאר ניט מאכען אדורך גאנג דורך דיא שוהל . ווארום עס שטייט אין פסוק והשמותי את מקדשיכם . איך וועל פאר וויסטען אייער מקדש . אפילו ווען דער מקדש איז וויסט איז ער אויך הייליג . אונ אשוהל איז אויך אזוי . אפילו זי איז וויסט . איז זיא אויך הייליג . דיא גמרא זאגט דיא רבנן האבען גילערנט אין אשוהל מוז מען שטיין מיט מורא . מען טאר ניט עסען אין שוהל . אונ מען טאר ניט טרינקען אין שוהל . אונ מען טאר ניט קומען גיפוצט אין שוהל . אונ מען טאר ניט גיין שפאצירען אין שוהל . אונ אז עס איז הייס טאר מען ניט אריין גיין אין שוהל אפ קיהלען אונ אז עס רעגינט טאר מען ניט אריין גיין אין שוהל איבער ווארטען דעם רעגין . אונ אז איינער איז גישטארבען טאר מען ניט זאגען אהספד אין שוהל . אבער מען מעג לערנען אין שוהל תורה נביאים כתובים משניות . אונ אז אתלמיד חכם איז גישטארבען מעג מען איהם מספיד זיין אין שוהל . רבי יהודה זאגט דאס איז נאר אז די שוהל איז גאנץ אונ מען באווינט אין איר . אבער אז די שוהל איז אלט גיווארען אונ זיא איז וויסט . מען באווינט שוין ניט אין איר . לאזט מען זיא שטיין אונ אויב עס וואקסט אין איר גראז . זאל מען דיא גראז ניט אויס רייסען . די מענטשין פון שטאט זאלען האבען צער ווען זייא וועלין צו פאריכטען דיא שוהל . רבי אסי זאגט אז מען איז מבזה די שוהל אונ מען רעכענט אין איר רעכענונגס . וועט מען לאזען נעכטיגען אין די שוהל אמת . פרעגט דיא גמרא מוז מען דען לאזען נעכטיגען אין דיא שוהל אמת . נאר אזוי מיינט מען פאר די עבירה וואס מען האט פאר שעמט די שוהל אונ מען האט אין איר גירעכענט רעכענונגס . וועלען זיי גישטראפט ווערען אז עס וועלען שטארבען אזוי פיל מענטשין אז עס וועט ניט זיין ווער עס זאל זיי בגראבען . וועלען זיי בלייבען ליגען אין דיא שוהל (עיין רש"י מגלה כח ע"ב ד"ה לסוף שילינו) :

ט רבינא אונ רב אדא בר מתנה זענען גישטאנען אונ האבען גיפרעגט שאלות ביי רבא איז גיקומען אפלייץ רעגין זענען זיי אריין גיגאנגען אין שוהל . האבען זיי גזאגט דאס וואס מיר זענען אריין גיגאנגען אין שוהל איז ניט מיר זאלען ניט ברעגינט ווערען . ווען מיר וואלטען ניט גילערנט . וואלטען מיר ניט אריין גיגאנגען אין שוהל . נאר ווייל מיר לערנען . אונ צום לערנען באדארף מען האבען אקלארע קאפ . ריינע גידאנקען . אזוי ווי אקלארער אונ אריינער טאג

נ׳ ומספידין בהן הספד של רבים . ה״ד הספדא דרבים מחוי רב חסדא כגון הספידא דקאי בי רב ששת מחוי רב ששת כגון הספדא דקאי בי רב חסדא רפרם אספדה לכלתיה בבי כנשתא אמר משום יקרא דידי ודמיתא אתו כוליה עלמא רבי זירא ספדיה לההוא מרבנן בבי כנשתא אמר אי משום יקרא דידי אי משום יקרא דידיה דמיתא אתו כולי עלמא . ריש לקיש ספדיה לההוא צורבא מרבנן דשכיח בארעא דישראל דהוי תני הילכתא בכ״ד שורתא אמר וי חסרא ארעא דישראל גברא רבה . ההוא דהוה תני הלכתא ספרא וספרי ותוספתא ושכיב אתו ואמרו ליה לר״נ ליספדיה מר אמר היכי ניספדיה הי צנא דמלא ספרי דחסר תא חזי מה בין תקיפי דארעא דישראל לחסידי דבבל

כגון הספדא דקאי בי רב ששת . אלו יתיב אחד בי רב ששת . אמר אי משום יקרא דידי אי משום יקרא דמיתא . הוה ליה הספד של רבים אתו כ״ע לספד : דהוה תני הלכתא . סדיר שונה משניות לתלמידים : בכ״ד שורות . של תלמידים : שילי הספד . נמאי הספידנו : כי צנא מלא ספרי . אינו אלא כסל שמלאוהו ספרים ואין מבין מה שבתוכה אף שונה הלכות ולא שמש ת״ח ללמוד פירושיהן טעמי משנה וטעמים שדברי משנה סותרין זה את זה וצריך להעמיד כגון הכ״ע וכגון הא מני וכגון חסורי מיחסרא : תקיפי דארעא דישראל . ר״ל דאמרינן ביומא דהספילו בהדי רבב״ה לא נשתעי דאמן ונשתעי בהדי ר״ל בשוקא יהבין ליה עסקא בלא סהדי . רב נחמן בר יצחק מחסידי בבל בעולי משכת כוסס דקאמר ליה לא היהמי

---

ווען עס בלאזט אצפון ווינט . אונ אז מיר וואלטען געשטאנען אויף דעם רעגין וואלטען אונזערע געבאנקען ניט זיין געוועזען צו פאר נעמען דאס לערנען . דריבער זענען מיר אבין גיגאנגען אין שוהל :

ר׳ ומספידין : אויב א תלמיד חכם איז געשטארבען מעג מען זאגען זיין הספד אין שוהל . ווייל אויף דעם הספד דארפען זיין פיל מענטשין . זאגט די גמרא וואס הייסט א הספד פון פיל מענטשין . האט רב חסדא געוויזען אויב עס וואלט איינער געשטארבען ביי רב ששת . וואלטען געווען פיל מענטשין ביי דעם הספד . האט רב ששת געוויזען אויב עס וואלט איינער געשטארבען ביי רב חסדא . וואלטען געווען פיל מענטשין בייא דעם הספד . אזעלכע הספדים מעג מען זאגען אין שוהל . רפרם האט גזאגט א הספד אויף זיין שנור אין שוהל . רפרם האט גזאגט פון מיין כבוד וועגין אונ פון וועגין דעם כבוד פון מיין שנור וואס איז געשטארבען וועלען קומען פיל מענטשין : דריבער מעג זיין דער הספד אין שוהל . רבי זירא האט גזאגט א הספד אויף א למדן אין שוהל . רבי זירא האט גזאגט פון מיין כבוד וועגין . אונ פון וועגין דעם כבוד פון דעם למדן וואס איז געשטארבען וועלען קומען פיל מענטשין . דריבער מעג זיין דער הספד אין שוהל . ריש לקיש האט גזאגט א הספד אויף א למדן וואס ער פלעגט אלע מאהל קומען אין ארץ ישראל . אונ ער האט גילערנט משניות צו פיר אונ צוואנציג שורות תלמידים . האט ריש לקיש גזאגט ווי וואס עס פעלט איצט אין ארץ ישראל דער גרויסער תלמיד חכם . עס איז אמאהל געווען איינער וואס ער האט גילערנט משניות אונ ספרא אונ ספרי אונ תוספתא . אונ ער איז געשטארבען . איז מען געקומען זאגען צו רב נחמן ער זאל זאגען אויף איהם א הספד . האט רב נחמן גזאגט וואס זאל איך זאגען אויף זיין הספד . איך וועל זאגען ווי עס פעלט אונז א קאסטען וואס איז געווען פול מיט ספרים . אזוי ווי א קאסטען וואס איז פול מיט ספרים ווייס דאך ניט דיא קאסטען וואס עס שטייט אין די ספרים . אזוי האט דער מענטש אלץ גילערנט אונ ער האט ניט געוואוסט וואס ער לערנט . ווייל ער האט ניט גילערנט קיין גמרא . זאגט דיא גמרא קום זעה וואס דער חילוק (אונטערשיידו) איז צווישען די שטארקע מענטשין פון ארץ ישראל צו דיא חסידים פון בבל . (ריש לקיש וואס ער איז געווען פון די שטארקע מענטשין ופון דיא גרעסטע חכמים פון ארץ ישראל . אפילו מיט רבה בר בר חנה האט ריש לקיש ניט געוואלט שמועסין . (ווארום דער מענטש וואס ריש לקיש האט מיט איהם געשמועסט . האט מען איהם גימענט בארגין געלט אן אוועקסיל אונ אן עדות . אונ דער למדן וואס איז געשטארבען איז ניט געווען פון ארץ ישראל . ער פלעגט נאר קומען אין ארץ ישראל . אונ ער האט ניט מער גילערנט נאר משניות . פון דעסטוועגין האט ריש לקיש גזאגט אויף איהם א הספד . אונ ער האט גזאגט ווי עס פעלט

אגרויסער

דבבל תנן התם ודאשתמש בתגא חלף תנא ר"ל זה המשתמש במי ששונה הלכות כתרה של תורה ואמר עולא לישתמיש איניש במאן דתני ד' ולא לישתמיש במאן דמתני ד' כי הא דריש לקיש הוה אזיל באורחא מטא עורקמא דמיא אתא ההוא גברא ארכביה אכתפיה וקא מעבר ליה אמר ליה קרית אמר ליה קרינא תנית תנינא ד' סדרי משנה אמר ליה פסלת לך ד' טורי וטענת בר לקיש אכתפך שדי בר לקישא במיא אמר ליה ניחא לי דאשמעינן למי אי הכי נטור מיני הא מילתא דאמר רבי זירא בנות ישראל הן החמירו על עצמן שאפילו רואות טפת דם כחרדל יושבות עליו שבעה נקיים. תנו רבנן (דף כט) מבטלין תלמוד תורה להוצאת המת ולהכנסת כלה וכו' במה דברים אמורים כשאין שם כל צרכו אבל יש שם כל צרכו אין מבטלין וכמה כל צרכו אמר רב שמואל בר איניא משמיה דרב תריסר אלפי גברי ושיתא אלפי שפורא וכו' הני מילי למאן דקרי ותני אבל למאן דמתני לית

דאשתמש בתגא. המשתמש בכתר תורה: חלף. עבר מן העולם: עורקמא דמיא. גלולית של מים מכונסין: דאשמעינן. שלימדתני: שהחמירו על עצמם. דמדאורייתא אין צריכה ז' נקיים אלא הרואה ג' ימים רצופים בתוך י"א יום וכו': ולהכנסת כלה. ללוותה מבית אביה לבית חופתה:

---

אגרויסער מאן אין ארץ ישראל. אונ דער מענטש וואס האט געלערנט אין בבל משניות ספרא ספרי תוספתא אונ איז געשטארבען. האט רב נחמן וואס ער איז פון די חסידים פון בבל ניט געוואלט זאגען אויף איהם אהספד. ער האט נאר גזאגט מען האט פאר לארען אקאסטען מיט ספרים. מהרש"א. מיר האבען געלערנט אין אמשנה דער וואס ניצט מיט דיא קרוין פון די תורה וועט אוועק גיין פון דער וועלט. האט ריש לקיש געלערנט דאס מיינט מען דער וואס פאר לאנגט אבדינונג אונ עס בדינט איהם אזוי אמענטש וואס האט געלערנט משניות. וואס דאס איז די קרוין פון די תורה. וועט ער אוועק גיין פון דער וועלט. ודאס איז נאר אויב דער מענטש איז ניט זיין תלמיד. אבער מיט זיין תלמיד מעג ער זיך בדינען. עולא האט גזאגט בעסער זאל זיך אמענטש בדינען מיט אזעלכין וואס האט געלערנט פיר סדרים משניות פאר זיך. אונ ער זאל זיך ניט בדינען מיט אזעלכין וואס האט געלערנט פיר סדרים משניות מיט אנדערע מענטשין. פאר דעם בדינונג ווערט מען נאך מער געשטראפט. ריש לקיש איז אמאהל געגאנגען אין וועג. איז ער געקומען צו אוואסער. איז געקומען אמענטש אונ האט גענומען ריש לקישען אויף זיינע אקסלען אונ האט איהם געטראגען איבער דעם וואסער. ווען ער האט איהם געטראגען. זאגט ריש לקיש צו דעם מענטש האסטו געלערנט תורה נביאים כתובים. האט דער מענטש גזאגט איך האב געלערנט. האט איהם ריש לקיש נאך געפרעגט האסטו געלערנט משניות. האט דער מענטש גזאגט איך האב געלערנט פיר סדרים משניות. האט ריש לקיש גזאגט צו דעם מענטש דו האסט דיר געמאכט פיר זיילין וואס די וועלט שטייט אויף זיי. אונ דוא טראגסט ריש לקישען אויף דיין אקסעל. ווארף מיך שוין אראפ פון דיר אין וואסער. איך וויל ניט דוא זאלסט מיך טראגען. האט דער מענטש גזאגט איך וויל דיך אבער בדינען. האט ריש לקיש גזאגט אויב אזוי לערין פון מיר אדין. וועסטו הייסען מיין תלמיד וועל איך מעגין דו זאלסט מיך בדינען. רבי זירא האט גזאגט די יודישע טעכטער האבען אויף זיך גענומען אפילו זייא זעהן איין טראפען בלוט גרויס וויא אקערענדיל ווענעפט. ווענען זיי זיך ניט טובל ביז זיי ציילען אם זיבען ריינע טעג. די רבנן האבען געלערנט מען טארף שטערין דאס תורה לערנען אונ גיין צו אלויה פון אמת. אונ צו גיין בלייטען אכלה ווען מען פירט זיא צו דער חופה. ווען טארף מען שטערין דאס תורה לערנען אונ גיין צו אלויה פון אמת. נאר אז אן איהם איז ניטא ביי דער לויה אזוי פיל מענטשין ווי עס טארף זיין. אבער אז אן איהם איז אויך דא ביי דער לויה אזוי פיל מענטשין ווי עס טארף זיין. טאר ער ניט שטערין דאס תורה לערנען אונ טארף ניט גיין צו דער לויה. וויא פיל מענטשין דארפען זיין ביי דער לויה. האט רב שמואל בר איניא גזאגט פון רבס ווענין

צוועלף

**פירוש**

**וכתיב**. לא גרסינן: (היכא שריא. בבבל שכינה מקום שאיכר שהיא שורה שם): **דשף ויתיב** בנהרדעא. שם מקום ויגלוהו יכניה וסיעתו מלכים ועפר שהביאו עמהם בגלותן (ישעיה מט) שנאמר כי רצו עבדיך את אבניה וגו': **דכי** מרחקנא פרסה. (כשאני מהלך בדרך בתוהו מקום **אפילו** אני מרחק עלי את הדרך) אני נכנס שם ומתפלל בתוכם:

לית ליה שעורא]:

**יא תניא** רבי שמעון בן יוחאי אומר בא וראה כמה חביבין ישראל לפני הקב"ה שבכל מקום שגלו שכינה עמהם גלו למצרים שכינה עמהם שנאמר (ש"א ב) הנגלה נגליתי אל בית אביך בהיותם במצרים וגו' (גלו לעילם שכינה עמהם שנאמר (ירמיה מט) ושמתי כסאי בעילם). גלו לבבל שכינה עמהם שנאמר (ישעיה מג) למענכם שלחתי בבלה. גלו לאדום שכינה עמהם שנאמר (שם סג) מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה וגו' ואף כשהם עתידין ליגאל שכינה עמהם שנאמר (דברים ל) ושב ה' אלהיך את שבותך ורחמך והשיב לא נאמר אלא ושב מלמד שהקב"ה שב עמהם מבין הגליות שכינה בבבל היכא שריא אמר אביי בבי כנישתא דהוצל ובבי כנישתא דשף ויתיב בנהרדעא ולא תימא הכא והכא אלא זימנין הכא וזימנין הכא אמר אביי תיתי לי דכי מרחקנא פרסה עיילנא ומצלינא בגוה:

אבוה

---

צוועלף טויזענד מענטשין אונ זעקס טויזענד מענטשין זאלען בלאזען מיט שופרות. אזוי פיל מענטשין דארפען זיין ביי דער לויה פון דעם מענטש וואס האט געלערנט תורה נביאים כתובים אונ משניות. אבער ביי דיא לויה פון דעם מענטש וואס האט געלערנט גמרא אויך. איז גאר ניטא קיין שיעור וויא פיל מענטשין עס דארפען זיין ביי דער לויה. דריבער טוען אלע תלמידי חכמים שטערין זייער לערנען אונ גיין צוא זיין לויה. ועיין מהרש"א בח"א:

**יא** תניא: מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן יוחאי האט גזאגט קום אונ זעה וויא ליב די יודען זענען פאר גאט וואו הין די יודען ווערין פאר טריבען ווערט די שכינה אויך פאר טריבען מיט זיי. ווען די יודען זענען פאר טריבען געווארען אין מצרים. איז דיא שכינה געוועזען מיט זיי אין מצרים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך בין בעוויזען געווארען צוא דיין פאטערס הויז געזינד ווען זיי זענען געוועזען אין מצרים. ווען דיא יודען זענען פאר טריבען געווארען אין עילם. איז די שכינה געוועזען מיט זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל מאכן מיין שטוהל אין עילם. ווען די יודען זענען פאר טריבען געווארען אין בבל. איז די שכינה געוועזען מיט זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט פון אייערט וועגין בין געשיקט געווארען אין בבל. ווען די יודען זענען פאר טריבען געווארען אין אדום. איז דיא שכינה מיט זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווער קומט פון אדום. ער קומט מיט רויטע קליידער פון בצרה. אונ אז די יודען וועלען אויס געלייזט ווערין וועט די שכינה זיין מיט זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ושב ה' אלהיך את שבותך ורחמך. עס שטייט ניט אין פסוק והשיב. גאט וועט צוריק קערין דיא יודען פון גלות. נאר עס שטייט ושב. ער וועט זיך אליין צוריק קערין פון גלות. גאט אליין וועט צוריק גיין פון גלות מיט די יודען צו זאמען. איז דער טייטש אין פסוק ושב ה' אלהיך. גאט וועט צוריק קערין. את שבותך. מיט דיין צוריק קערונג. ורחמך. אונ גאט וועט אויף דיר רחמנות האבען. פרעגט די גמרא אויף וועלכן ארט אין בבל איז די שכינה געוועזען. האט אביי גזאגט אין די שוהל פון הוצל. אונ אין נהרדעא איז דיא שכינה געוועזען אין די שוהל וואס איז געשטאנען אויף דעם ארט וואס הייסט שף ויתיב. אונ דו זאלסט ניט זאגען אז די שכינה איז געוועזען אין ביידע שוהלען מיט איין מאהל. נאר אמאהל אין דיא שוהל אונ אמאהל אין די שוהל. אביי האט גזאגט זאל מיר ביי שטיין דער זכות אז איך גיי אין וועג אונ די שוהל פון הוצל אדער די שוהל פון שף ויתיב איז ווייט פון מיר אן אזייט אפילו א מייל וועג. פאר קרים איך מיין וועג אן אזייט אונ בין מתפלל אין די שוהל:

**יב אבוה** דשמואל ולוי הוו יתבי בבי כנישתא רשף ויתיב בנהרדעא אתיא שכינה שמעו קול זגשא כמו ונפקו . רב ששת הוה יתיב בבי כנשתא רשף ויתיב בנהרדעא אתיא שכינה ולא נפק אתו מלאכי השרת קא מבעתין ומצערין ליה אמר רבש"ע עלוב ושאינו עלוב (יכול ושאינו יכול) מי נדחה מפני מי [אמר להון] שבקוהו (יחזקאל יא) ואהי להם למקדש מעט בארצות אשר באו שם אמר (רב שמואל בר יצחק) [רבי יצחק] אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל ורבי אלעזר אמר זה בית רבינו שבבבל (אמר) [דרש] רבא כאי דכתיב (תהלים צ) ה' מעון אתה היית לנו אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות . אמר (רבא) [אביי] מריש הוה גריסנא בגו ביתאי ומצלינא בבי כנשתא כיון דשמעית להא דקאמר דוד (שם כו) ה' אהבתי מעון ביתך לא גריסנא אלא בבי כנישתא (היכא דמצלינא) . תניא רבי אלעזר הקפר אומר עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ שיקבעו בארץ ישראל שנאמר (ירמיה מו) כי כתבור בהרים וככרמל בים יבא והלא דברים קל והומר ומה תבור וכרמל שלא באו אלא ללמוד תורה לפי שעה נקבעו בארץ ישראל בתי כנסיות ובתי מדרשות שקורין בהם ומרביצין בהם (את ה) תורה (כולה) על

יב בשפ. מחור עימס כוה : בית רבינו . רב : וככרמל בים יבא. מלמד שעבר כרמל את הים והימתי כוי לומר בבעת מ"ת :

---

יב אבוה . דער פאטער פון שמואל אונ לוי זענען אמאהל געוועז אין נהרדעא אונ זענען געזעסען אין די שוהל פון שף ויתיב : איז געקומען די שכינה אין די שוהל . האבען זייא גיהערט אשטארקען קול . זענען זיי אויף געשטאנען אונ זענען ארויס געגאנגען פון שוהל . רב ששת איז אמאהל געוועז אין נהרדעא אונ ער איז געזעסען אין די שוהל פון שף ויתיב . איז דיא שכינה געקומען אין שוהל . אונ רב ששת איז ניט ארויס געגאנגען פון שוהל . זענען געקומען מלאכים אונ האבען איהם געשראקען אונ האבען איהם מצער געוועזן . הט רב ששת גזאגט רבונו של עולם דער וואס האט אין זיך די מדה אז ער קען פאר שעמט ווערין אונ ניט צוריק פאר שעמען . אונ דער וואס האט ניט די מדה ווער ווערט אפ געשטויסען פאר וועמען . עיין מהרש"א בח"א תענית דף טז . אז איך בין בלינד וואו הין זאל איך גיין . האט גאט גזאגט צו די מלאכים לאזט איהם זיצען . אין פסוק שטייט גאט זאגט אונ איך וועל זיין צו זיי וצו די יודען אביסעל צו אהייליגקייט אין די לענדער וואו זיי וועלען אהין קומען . האט רבי יצחק גזאגט דאס ביסעל הייליגקייט מיינט מען די שולען אונ דיא בתי מדרשים וואס אין בבל . רבי אלעזר זאגט דאס מיינט מען די שטוב (די שוהלו) פון רב וואס איז אין בבל . רבא הט גידרשת עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט גאט דוא ביסט צו אונז גיוועזן אוואהנונג . דאס מיינט מען די שוהלען אונ די בתי מדרשים וואס די שכינה רוהט אין זיי . אביי הט גזאגט אין אנהייב פלעג איך לערנען ביי מיר אין שטוב . אונ איך פלעג דאווענען אין שוהל . ווי איך האב גיהערט וואס דוד המלך האט גזאגט . יי אהבתי מעון ביתך . גאט איך האב ליב די שטוב (די שוהלו) וואס דו וואהנסט אין איר . רוהט דאך דיא שכינה אין שוהל . האב איך שוין ניט גילערנט אין שטוב נאר אין שוהל . מיר האבען גילערנט רבי אלעזר הקפר זאגט אלע שוהלען אונ אלע בתי מדרשים פון חוץ לארץ וועלען קומען אין ארץ ישראל . אז משיח וועט קומען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער בארג תבור איז געקומען פון אלע בערג (אין דער מדברו . אונ אזוי ווי דער בארג כרמל אין ים (איז דורך גיגאנגען דעם ים אונ איז געקומען אין דער מדברו . איז דאך צו לערנען אקל וחומר . מאדאך תבור אונ כרמל וואס זיי זענען געקומען אין דער מדבר מען זאל אויף זיי לערנען תורה נאר איין שעה . ווען די תורה איז גיגעבען געווארען . אונ מען הט אויף זיי די תורה ניט גילערנט . פון דעסטוועגין האבען זיי זוכה געוועזן זיי זאלען בזעצט ווערין אין ארץ ישראל . דיא שולען אונ די בתי מדרשים וואס מען לייענט אין זיי תורה אונ מען לערנט אין זיי תורה אלע טאג . וועלען

על אחת כמה וכמה. דרש בר קפרא מאי דכתיב (תהלים סח) למה תרצדון הרים גבנונים יצתה בת קול ואמרה להם למה תרצו דין עם סיני כלכם בעלי מומין אתם אצל סיני כתיב הכא גבנונים וכתיב התם (ויקרא כא) או גבן או דק אמר רב אשי שמע מינה האי מאן דיהיר בעל מום הוא. (דף לא) אמר רבי יוחנן כל מקום שאתה מוצא גבורתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענותנותו דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים. כתוב בתורה (דברים י) כי ה' אלהיכם הוא אלהי האלהים גו' וכתיב בתריה עושה משפט יתום ואלמנה. שנוי בנביאים (ישעיה נז) כי כה אמר רם ונשא וגו' וכתיב בתריה ואת דכא ושפל רוח. ומשולש בכתובים (תהלים סח) סולו לרוכב בערבות ביה שמו וכתיב בתריה אבי יתומים ודין אלמנות [אמר רב הונא (ע"ב) ר"ח אב שחל להיות בשבת מפטירין (ישעיה א) חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטורח מאי היו עלי לטורח אמר הקדוש ב"ה לא דיין להם לישראל שחוטאין לפני אלא שמטריחין אותי לידע איזו גזרה קשה אביא עליהם]:

יג משנה בתעניות ברכות וקללות ואין מפסיקין בקללות: גמ' מנא הני מילי אמר רבי חייא בר גמדא אמר (רב אשי) [רבי אסא] דאמר קרא (משלי ג) מוסר ה'

מתעניות ברכות יכו'. פי' קורים ברכות וקללות דהכ בהקוחי להודיע שעל עסקי החטא כל פורעניות לעולם ויחזרו בתשובה ויגלו מנדה גבן מפסקינן עליכן: מס"ע. דלאן מפסיקין בקללית:

---

וועלען געווים זוכה זיין צו בזעצט ווערין אין ארץ ישראל. בר קפרא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק למה תרצדון הרים גבנונים. ווען תבור אונ כרמל זענען גיקומען אין דער מדבר די תורה זאל אויף זיי גיגעבען ווערין: איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צו די צוויי בערג וואס ווילט איר אייך קריגען מיט דעם בארג סיני. איר זענט אלע פעלערהאפטע בערג נעגין דעם בארג סיני. דא שטייט גבנונים. אונ ביי די פעלערס פון אכהן שטייט או גבן או דק. אזוי ווי גבן איז אפעלער. אזוי איז גבנונים אויך דער טייטש פעלערס. וואס זענען גיוועין די פעלערס פון די בערג. וואס זיי זענען ביי זיך גרויס גיוועין. אז זיי זענען ווערט די תורה זאל אויף זיי גיגעבען ווערין. זאגט רב אשי פון דאנען זעהן מיר אז אמענטש איז גרויס ביי זיך: איז דאס אפעלער. רבי יוחנן זאגט וואו מען געפינט דיא שטארקייט פון גאט. דארט געפינט מען ווי נידעריג גאט איז ביי זיך. די זאך שטייט איין מאהל אין דיא תורה. אונ דעם אנדערין מאהל אין נביאים. אונ דעם דריטען מאהל אין כתובים. אין דער תורה שטייט גאט איז אגרויסער אשטארקער אפורכטבארער. באלד דער נעבין שטייט ער טוהט דעם משפט פון איתום אונ פון אאלמנה אין נביאים שטייט גאט איז גרויס אונ דער הויבען. באלד דער נעבין שטייט גאט איז מיט דעם מענטשין וואס איז ביי זיך צו שטויסען אונ נידעריג. אין כתובים שטייט מאכט אוועג פאר גאט וואס ער איז אין העכסטען הימעל וואס הייסט ערבות: באלד דער נעבין שטייט גאט איז אפאטער פון יתומים אונ אדיין פון אלמנות. רב הונא האט גזאגט אז ראש חודש אב גיפאלט אום שבת זאגט מען די הפטרה אין ישעיה קפיטל א. ווייל דארט שטייט דער פסוק וואס גאט האט גזאגט אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים האב איך פיינט זיי זענען מיך מטריח ווי בלאסטיגען מיך. זאגט די גמרא מיט וואס זענען זיי מטריח גאט. גאט זאגט ניט גינוג פאר די זינדע וואס זיי זינדיגען פאר מיר. נאר זייא בלאסטיגען מיך נאך איך זאל קלערין וואס פאר אשלעכטע גזרות איך זאל אויף זיי ברייננגען:

יג משנה. בתעניות: אין אתענית לייענט מען אין שוהל די ברכות אונ קללות וואס עס שטייט אין די סדרה בחקותי: אונ די גאנצע קללות לייענט מען צו איין מענטשין: אונ מען טאר ניט אויפהערין אין מיטען זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט אויפהערין אין מיטען די קללות. האט רבי חייא בר גמרא גזאגט רבי אסא האט גזאגט

עס

ה' בני אל תמאס ריש לקיש אמר לפי שאין אומרין ברכה על הפורענות אלא היכי עביד תנא כשהוא מתחיל מתחיל בפסוק שלפניהם וכשהוא מסיים מסיים בפסוק שלאחריהם [אמר אביי לא שנו אלא בקללות שבתורת כהנים אבל קללות שבמשנה תורה פוסק מה טעם הללו בלשון רבים אמורות ומשה מפי הגבורה אמרן והללו בלשון יחיד אמורות ומשה מפי עצמו אמרן]:

אל תמאס. והמפסיק כהן מראה עצמו שקשה לו לקרות ובמסכת סופרים יליף לה מביפיה דקרא ואל תקוץ בתוכחתו אל תעשו קוצים קוצים פסקים פסקים לשון קוצה:
קודם עצרת. שהוא זמן קציר וזמן פירות האילן: עצרה שקראו. שנאמרו וקראו הג' או הז' כתוב ביוב ולפי שאין קורין בתורה פחות מעשרה נקט עשרה שקראו בתורה:

יד תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר עזרא תקן להם לישראל שיהו קורין קללות שבתורת כהנים קודם עצרת ושבמשנה תורה קודם ר"ה מאי טעמא אמר אביי ואי תימא ריש לקיש כדי שתכלה השנה וקללותיה בשלמא שבמשנה תורה איכא כדי שתכלה שנה וקללותיה אלא שבתורת כהנים אטו עצרת ראש השנה היא אין עצרת נמי ראש השנה היא דתנן ובעצרת על פירות האילן:

(דף לג) טו אמר רבי שפטיה אמר רבי יוחנן עשרה שקראו בתורה הגדול שבהן גולל ספר

---

עס שטייט אין פסוק דעם שטראף פון גאט זאלסטו מיין זוהן ניט פאר מיאוסען. אונ אז מען הערט אויף צו לייענען אין מיטען די קללות. זעהט אויס ווי זיי זענען איהם פאר מיאוסט געווארען. האט ער אויף געהערט אין מיטען. ריש לקיש זאגט ווייל מען זאגט ניט קיין ברכה אויף קללות. אונ אז מען וועט אויפהערין אין מיטען. וועט דאך איינער מאכען די אנדערע ברכה אויף די קללות וואס ער האט גילייענט. אונ דער אנדערער וועט מאכען די ערשטע ברכה אויף די קללות וואס ער וועט לייענען. זאגט די גמרא אונ אז איינער לייענט אין גאנצען ווי אזוי טוהט מען. מיר האבען גילערונט ווען מען הייבט אן צו לייענען. הייבט מען אן אפסוק פאר דיא קללות. אונ אז מען לאזט אויס לייענט מען צו נאך אפסוק נאך דיא קללות: אביי זאגט נאר די קללות וואס אין תורת כהנים [אין דיא סדרה בחקתי]. טאר מען ניט אויף הערין אין מיטען: אבער די קללות וואס אין משנה תורה [אין די סדרה תבא] מעג מען אויפהערין אין מיטען. ווייל די קללות וואס אין די סדרה בחקתי זענען גזאגט גיווארען מיט דעם לשון וויא מען זאגט צו פיל מענטשין. אונ משה האט זיי גזאגט פון גאטס וועגין. גאט האט גיהייסען משה; ער זאל זאגען די קללות. דאס הייסט מותר זיי. טאר מען ניט אויף הערין אין מיטען. אונ די קללות ווס אין די סדרה תבא זענען גזאגט גיווארען מיט דעם לשון ווי מען זאגט צו איין מענטש. אונ משה הט זיי גזאגט פון זיך אליין. דריבער מעג מען אויפהערין אין מיטען [ועיין מהרש"א]:

יד תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט עזרא האט גימאכט א תקנה ביי די יודען מען זאל לייענען די קללות וואס אין תורת כהנים [אין די סדרה בחקתי] פאר שבועות. אונ די קללות וואס אין משנה תורה [אין די סדרה תבא] זאל מען לייענען פאר ראש השנה. פאר וואס. אביי האט גזאגט אונ אנדערע זאגען ריש לקיש האט גזאגט עס זאל אויס גילאזען ווערין דער יאהר מיט זיינע קללות. פרעגט די גמרא ביי די קללות וואס אין משנה תורה וואס מען לייענט פאר ראש השנה. איז רעכט. עס זאל אויס גילאזען ווערין דער יאהר מיט זיינע קללות. אבער די קללות וואס אין תורת כהנים וואס מען דארף לייענען פר שבועות. איז דען שבועות אאנהייב יאהר. זאגט די גמרא שבועות איז אויך אאנהייב יאהר. ווארום מיר האבען גילערונט אום שבועות ווערט געמשפט אויף די פירות פון די בוימער:

טו אמר. רבי שפטיה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין צעהן מענטשין וואס זענען גיוועזען אין שוהל אונ מען האט גילייענט אין א ספר תורה. נצו דריי מענטשין אדער צו פינף אדער צו זיבען. וויא דער טאג איז גיוועזען. וואך אדער שבת אדער יום טוב. דער גרעסטער

למדן

ספר תורה והגוללו נוטל שכר כולן דאמר רבי יהושע בן לוי עשרה שקראו בתורה הגולל ספר תורה קבל שכר כולן שכר כולן ס"ד אלא אימא נוטל שכר כנגד כולן:

**טז ואמר** רבי שפטיה אמר רבי יוחנן מנין שמשתמשין בבת קול שנאמר (ישעיה ל) ואזניך תשמענה דבר (מאחריך לאמר). **והני מילי** דשמע קול גברא במתא ואתתא בדברא והוא דאמר הן הן והוא דאמר לאו לאו. ואמר רבי שפטיה אמר רבי יוחנן הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה עליו הכתוב אומר (יחזקאל כ) וגם אני נתתי להם חקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם. מתקיף לה (רב משרשיא) [אביי] משום דלא ידע לבסומי קליה כתיב ביה ומשפטים לא יחיו בהם. אלא (אמר רב) [כדרב] משרשיא [דאמר] ב' (תלמידים) [תלמידי חכמים] שיושבים בעיר אחת ואין נוחין זה לזה בהלכה עליהם הכתוב אומר ומשפטים לא יחיו בהם. (ויקרא כג) [וידבר משה את מועדי ה' אל בני ישראל מצותן שיהיו קוראין אותן כל אחד ואחד בזמנו]:

בבת קול. אם בלבנו להתחיל בדבר ושמע קול של הן או של לאו הולך אחריו ואין כאן משום ניחוש: קול גברא במתא וקול אתתא בדברא. קול שאינו מצוי הוא ובת קול בא אליו: והוא דאמר הן הן והוא דאמר לאו לאו. בכפל לומר כ"פ (ואין בו משום לא תנחשו): נעימה. כגון טעמי המקראות:

# סליק מסכת מגילה

---

בכבוד פון די צעהן מענטשן. זאל פאר וויקלען די ספר תורה (דאס הייסט גליקה). אונ דער וואס פאר וויקעלט די ספר תורה נעמט שכר פאר אלע צעהן. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט צעהן מענטשן וואר זענען געוועזן אין שוהל. אונ מען האט גיליי'ענט אין אספר תורה. דער וואס פאר וויקעלט די ספר תורה נעמט שכר פאר אלע. פרעגט די גמרא פאר וואס זאל דער וואס פאר וויקעלט די ספר תורה צו נעמען דעם שכר פון אלע צעהן מענטשן. ענטפערט די גמרא מען מיינט ניט ער נעמט צו זייער שכר. נאר מען מיינט ער איינער נעמט אזוי פיל שכר ווי אלע צעהן צו זאמען נעמען. ווייל די מצוה איז זייער גרויס:

**טז** ואמר. נאך האט גזאגט רבי שפטיה פון רבי יוחנן וועגן פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג זיך פאר לאזען אויף אבת קול. אויב איינער האט גיטראכט צו טאהן אזאך אונ ער האט גיהערט אקול שרייט יא. אדער ער שרייט ניין. מעג ער אזוי טאהן ווי דער קול הייסט. ווארום עס שטייט אין פסוק דייגע אויערין וועלען הערין אקול אינטער דיר אונ ער וועט דיר זאגען אין וועלכע וועג דו זאלסט גיין אונ וויא דו זאלסט טאהן. אונ ווען זאל ער גלייבען דעם קול. אז ער האט גיהערט דעם קול פון אמאנ'ספערזאן אין שטאט. אדער דעם קול פון אאשה האט ער גיהערט אין פעלד. ווייל עס איז ניט דער שטייגער אז אמאנספערזאהן זאל שרייען אין שטאט. אדער אנקבה זאל זיין אין פעלד. אונ דער קול האט גזאגט אזוי מאהל יא אדער צוויי מאהל ניין. איז געוויס אז פון הימעל איז איהם גזאגט גיווארען ווי ער זאל טאהן. נאך האט גזאגט רבי שפטיה פון רבי יוחנן'ס וועגן דער וואס לייענט תורה נביאים כתובים אן נגינה (אן טראפ). אונ ער לערנט משניות אדער גמרא אן אגיזאנג. אויף איהם זאגט דער פסוק אונ איך האב זיי גיגעבען גיזעץ וואס זענען ניט גוט. אונ דינים וואס זיי וועלען ניט לעבין דורך זיי. האט אביי גיפרעגט ווייל ער ווייס ניט צו לערנען מיט אשיינעם קול דריבער שטייט אויף איהם אז דורך זיינע דינים לערנען וועט ער ניט לעבין. נאר דער פסוק מיינט אין אנדער זאך. אזוי וויא רב משרשיא האט גזאגט. צוויי תלמידי חכמים וואס וואוהנען אין איין שטאט אונ זיי האבען ניט ליב איינער דעם אנדערין. דריבער לערנט יעדער בזונדער. אויף זיי זאגט דער פסוק זיי וועלען ניט לעבין דורך זייערע דינים לערנען. ווייל איין מענטש קען זיין ער זאל אטעות האבען אין אדין אונ זאגען אויף טריף כשר. אין פסוק שטייט משה האט גירעט צו די יודען די ימים טובים פון גאט. ער האט זיי גיבאטען זיי זאלען לייענען די פרשה פון יום טוב אום יום טוב:

ומציינין